STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07088

DER BLINDER

A. J. Dubelman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַן מוטער רחל — אַ קדיש

IMPRESO POR:
EDITORIAL "VIDA HABANERA"
SOL 153
LA HABANA
1954

שער־בלאַט געצייכנט פון שמחה גלעזער

אַדרעס פון מחבר:

A. J. DUBELMAN
SOL 153
HABANA, CUBA

א. י. דובעלמאַן

דער בלינדער

און אַנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן"
האַוואַנאַ, קובאַ
1954

A. J. DUBELMAN

"DER BLINDER"

EL CIEGO

Y

OTROS CUENTOS HEBREOS

COPYRIGHT 1954
BY
A. J. DUBELMAN
HABANA, CUBA

Free Public Library, Newark, N. J.

אינהאלט:

זייט

פון מחבר 7

דער בלינדער 11

אויפן גלייכן וועג 29

דער זיידע 63

געצל הויקערס חתונה 85

אַלטער גייט 107

דער שדכן 123

מאַליע 139

די רייזע 149

ש. ניגער — וועגן דער פרעמירטער דערציילונג „דער בלינדער" 165

פון מחבר

אין יאָר 1925 — אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן קיין קובאַ — האָט די מאַמע אַ שפּרייט געטאָן די הענט אין דער גאַנצער ברייט, ווי זי וואָלט מיט דעם פאַרשטעלט מיין גאַנג אין דער ברייטער וועלט אריין — און אַ זאָג געטאָן:

— פאָרסט אין דער גרויסער וועלט אריין, איבער טייכן און ימ׳ען, האָב איך געמיינט אַז דו וועסט אליין האָבן שכל און פאַרשטיין אַז דו דאַרפסט דיר גיין געזעגענען מיטן טאַטן דיינעם, מיט די זיידעס און באָבעס. זיי וועלן זיך דאַרפן מיען פאַר דיינעטוועגן... אַזאַ וויטער וועג... יענע זייט וועלט... — דו וועסט ניט פאָרן אברהם יוסף, ביז דו וועסט דיר ניט געזעגענען!... דאַרפסט זיי מחילה בעטן פאַר דעם וואָס דו לאָזט זיי איבער און זיי וועלן זיין גוטע בעטער פאַר דיר אין דיין וויטן וועג...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אירע אויסגעשפּרייטע הענט און פאַרגאָסענע טרערן־אויגן וואָס זענען אַנטשלאָסן מיר דעם וועג צו פאַרשטעלן און האָב אַ זאָג געטאָן:

— נו גוט, איך וועל גיין!...

— מיר וועלן ביידע גיין!

אויפן הייליקן אָרט האָט זי אָנגעהויבן „רייסן קברים". פאַרגייענדיק זיך אין אַ געשריי, האָט זי אין עקסטאַז, די איינגעהויקערטע, מיט גראָז באַוואָקסענע, קברים־בערגלעך אויסגעווייקט מיט טרערן. אַן עכאָ פון איר אָן אַ שיעור טענות און געבעטן האָט זיך אָפּגעהילכט צום דרויסן דורך דעם האַלב איינגעפאַלענעם פּאַרקן.

— יקותיאל זלמן! זאָלסט אַכטונג געבן אויפן קינד! ער לאָזט זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין! זע דאָרט עס זאָל דעם קינד גאָרניט געשען, חלילה! זאָלסט זען ער זאָל בלייבן אַ איד! דו הערסט, מיין מאַן, וואָס איך

רעדט צו דיר?... מילא, מיר האָסטו פּריצייטיק איבערגעלאָזט אַן אַלמנה, אָבער דאָס קינד זאָלסטו מיר ניט פאַרלאָזן! זאָלסט אים ביי דער האַנט פירן, ווען ער וועט נאָר שטיין פאַר אַ סכנה... איך באַשווער דיר און רוף אויף ארויס דיין טאַטן און דיין זיידן יעקב־יצחק, זיי זענען דאָך אַלע ערלעכע אידן געווען, הייליקע ספרים געשריבן, זיי זאָלן אָפּהיטן און ארויספירן דיין אברהם יוסלען אויפן גלייכן וועג... ער איז דאָך נאָך אַ קינד און קינדער ווערן געבוירן בלינד... איז פיר אים ביי דער האַנט און זאָל דיר גאַנץ קאַצק ביישטיין... טאָמער איז נאָך ווייניק מיין געבעט, וועט דאָס קינד באַלד צו דיר רעדן. ער איז זיך געקומען מיט דיר געזעגענען... מיט זיין טאַטן, מיט די זיידעס זיינע און באַבעס וואָס זיצן דאָרט אין ליכטיקן גן־עדן... הער זיך צו, צו דיין קינדס געבעט...

די מאַמע איז געלעגן אַריבערגעבויגן אויפן קבר, די ברייטע יום־טוב־דיקע ספּודניצע האָט זיך געווינטלט אין אירע פאַלדן. זי האָט אַלעווײלע פאַרריכט דאָס שייטל. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט גע־רעדט מיט לעבעדיקע מענטשן. ענדלעך האָט אויך די מאַמע צו מיר אַ הויב געטאָן די רויט אויסגעוויינטע אויגן מיט אַ שטיקל פאַרוואורף, מער קענטיק אויף צו מאַכן אַן איינדרוק ביי די צדיקים וואָס ליגן אונטער די פאַרוואַק־סענע בערגלעך מיט די האַלב איינגעזונקענע מצבות.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? עס איז דאָך דיין טאַטע! אַ יתום האָט ער דיר געלאָזן! מעגסט דאָך צו אים רעדן! דו פאָרסט דאָך אַוועק! ביסט דאָך געקומען זיך געזעגענען! וואָס וויינסטו ניט? האָסטו ניט אַביסל טרערן פאַר דיין טאַטן?... וואָס רייסטו ניט קיין קברים?... זאָג אים, ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר דיר! דער יצר הרע זאָל אויף דיר ניט האָבן קיין שליטה!... געזעגן דיר מיטן טאַטן און לאָמיר אויך צו דיין זיידן גיין, ער קען דיר אַ סך העלפן... ער איז דאָך מיט קאַצק געווען אויסגע־ווייקט אין יחוס... ער האָט דאָך יעדן איינעם אין שטעטל געהייסן פאָרן קיין קאַצק!... דערמאָן אים, אַז אַלע יונגעלייט וואָס האָבן געוואָלט פאָרן, האָט ער צושטייער געגעבן צוויי גילדן אויף הוצאות... זאָל ער דיר געבן די צוויי גילדן, עס איז אַ זכות און אַ סגולה, וועסט זיך אין דער ווייטער וועלט אויך קענען אָנהאַלטן ביי קאַצק...

די געזעגעניש מיט 29 יאָר צוריק אויפן בית עולם האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך ווייס היינט אפילו ניט וואו דער מאַמעס

געביין איז אַהינגעקומען. נאָר עס דאַכט זיך מיר אַלץ אין די שלאָפלאָזע נעכט, אַז מיינע פיס דריקן זיך אָפּ אויפן אַלטן בית עולם און אויך איצט גיי איך מיט דעם זכות און סגולה — די צוויי גילדן — „אויפן פעלד" מיט וועלכע איך האָב צונויפגעשמאָלצן אין דער גאָלדענער קייט פון דער אידישער ליטעראַטור מיינע נאָוועלן וואָס נעמען ארום די דאָזיקע עפּאָכע, וואָס איז פון אונז אזוי אומבּרחמנותדיק אָוועקגעריסן געוואָרן פון... איך וויל אפילו זיין נאָמען ניט דערמאָנען.

די צוויי גילדן, מיין בוך דערציילונגען, שיק איך אַריבער צו דער היינטוועלטיקער קאַצק, איידער קאַצק מאַכט צו די טיר און שליסט זיך אָפּ... ווען אפילו זיצן געשלאָסן וויל איך אויך מיט מיין נשמה דערפילן דעם אָטעם... אויב דער קאָצקער קען מער ניט ארויסגיין, וועל איך די טיר ניט אויפרייסן... נאָר טאָמער וועט זיך אַ ווייז טאָן אַ שפּאַרונקעלע ליכט, וועל איך זיך קוויקן, קברים רייסן פאַר אויפלעבונג און קיום פון אונזער גייסט־רייכער אידישער ליטעראטור, אין דעם לשון דורך וועלכע מיין מוטער האָט אירע תפילות צו די צדיקים איבערגעשיקט.

איך ברענג מיינע נאָוועלן ווי אַ צווייגעלע צו דעם גרויסן דעמב וואָס איז אויסגעשפּרייט אין אַ אידישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער און קאָנטינענטן פון מזרח, מעריב, דרום און צפון.

מיינע ווערטער קומען איצט פון קובאַ־לאַנד...

דער בלינדער

די דערציילונג „דער בלינדער"
איז פּרעמירט געוואָרן אין
קאָנקורס פון „די
צוקונפט" אין
יאָר 1942

— 1 —

דער בלינדער לייבל איז מיר אַנטקעגנגעקומען, ער איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר, דלובענדיק מיט זיין אויסגעטראָטענעם שטעקן, האָט ער אַליין אויסגעטאַפּט די טרוקענע פּלעצער פון דער סטעזשקע פּאַרמירטער בלאָטע. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ניט לייבל איז דער בלינדער, נאָר דער שטעקן, וואָס טאַפּט אויס פאַר אים דעם וועג. זיינע צעזייטע לאַנגע פינגער האָבן זיך אָנגעשטויסן אין מיר, איך האָב זיך עטוואָס דערשראָקן פון די אומהיימלעכע צופּעליקע ווייסע מתים הענט, וואָס האָבן זיך אין מיין געזיכט און אפשר אויך אין די אינעווייניקסטע אברים געטונקען.

— לייבל !

ער האָט מיר דערקענט, פּונקט ווי יעדן איינעם פון שטעטל. געווען איז ער אַ בלאָנדער, אַ ראַזירטער. מיט אַ לענגלעך געזיכט. דער קאָפּ האָר אַ צעשויבערטער, די קין־באַקן איינגעצויגן, די אויגן — צוויי טיפע גריבער, צוגעמאַכט די פאַרשטע הייטל־דעקלעך. פון צווישן די צוויי האָריקע הייטלעך האָבן זיך ארויסגעזען צוויי ראנע־דעקלעך, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אז דאָ זענען אַמאָל געווען אַ פּאָר אויגן. די ראנעס פון די אויגן־לעבער זענען שטענדיק געווען פריש, גלאַנציק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס בלינד געוואָרן. די אייטער האָט זיך זאפּאסנע געזאמלט און געגעבן דעם מענטשן א שרעקלעך אָפּשיילעכן אויסזען.

הגם איך זען אים כמעט יעדן טאָג, דאָך שטייענדיק מיט אים איצט פנים על פנים האָט ער מיר דערשראָקן. גלייכצייטיק האָט א רחמנות צווייגעלע פון מיר א שפּראָץ געטאָן.

ער האָט מיר אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט:

— דו ביסט פייגעס?

— כ'בין!

— איציקל?

— יאָ!

— איך גיי טאקע צו דיר אין שטוב. איך וויל זאָלסט מיר א בריוו שרייבן קיין אמעריקע. מען זאָגט, אז דו האָסט א שיינע האנטשריפט.

— ניין, איך קען ניט גיין! איך קען נאָך ניט שרייבן קיין בריוו, — האָב איך זיך געפּרואווט אויסדרייען פון דער אומאַנגענעמע איינלאַדונג.

ער איז ווייטער צוגעשטאַנען צו מיר, האַלטנדיק ביי מיין צאַפּלנדיק הענטל:

— וועסט ביי מיר מאַכן אַן אָנהויב. נו, איך קען גוט דיקטירן, דו וועסט נאָר דאַרפן שרייבן.

איך האָב זיך געפּרואווט באַפרייען פון זיינע הענט:

— קומט ארויף, לייבל, צו אונז אין שטוב, מיין ברודער לייזער איז געווים דאָ, וועט ער מיט אייך גיין שרייבן דעם בריוו. ער האָט שוין פּראַקטיקע.

ער האָט א שמייכל געטאָן צו מיר מיט זיינע אויסגעטריקנטע לעפצער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. ביי מיר האָבן די אויגן אָנגעהויבן נעצן.

ער איז אריין צו אונז אין שטוב, אליין זיך אויסגעטאַפּט א בענקל. די מאַמע איז אים אנטקעגנגעלאָפן מיט איר אייביקער גאַסטפריינטלעכקייט, און מיצווה'מעסיק אים אַנטקעגן געטראָגן דעם „סקאַצל קומט". זי האָט אַ רוק געטאָן פאַרן פרעמדן מאַנספּערשוין דאָס שייטל, מער אוים געוואוינהייט ווי אוים פרומקייט, די באַקן האָבן זיך אין זייער צעמאַרשטשעטער אַלטקייט צעשמייכלט, די בראָדעווקע אויף דער רעכטער זייט באַק האָט זיך באַוועגט ארויף און אראָפּ, מיט א גרייטקייט צו דינען דעם בלינדן.

— סאָרן גאַסט! לייבל!

— א קליין טובהלע, פייגעלע.

די מאמע האָט זיך געקאַכט, אונטערגעשפּרונגען, די בעל־טובה אין איר האָט זיך געריסן.

— פאַר אייך? ס׳איז דאָך די גרעסטע מיצווה! — האָט זיך דער מאַ־מעס פּנים צעשטראַלט אין נייגעריקייט.

— כ׳בין געקומען צו אייך, איר זאָלט אייער לייזערן מיטשיקן מיט מיר, ער זאָל א בריוו קיין אמעריקע צו מיינע אייגענע שרייבן. אפשר וועט מיין טאטע, מיין ברודער, מיר עפּעס צושיקן. זיי שיקן די לעצטע צייט זייער ווינציק. און אלץ שטייגט מיט יעדן טאָג. עס קומט אָפּטמאָל אויס אונטערצעהונגערן. די ווייב מיינע וויל פון גאָרנישט וויסן. נו, צו וואָס דען האָט זי התונה געהאט מיט א בלינדן? אויס רחמנות? אויב ניט צו־ליב די אמעריקאַנער דאָלאַרן. איר מיינט, אַז איך פאַרשטיי ניט? נאָר גאָרניט, עס איז בעסער אז מען רעדט ניט דערפון... וואָס מער האָב איך אין לעבן, אויב ניט דאָס שטיקל ווייב?

די מאמע האָט אָנגעהויבן ווישן א טרער, טיף איינגראָבנדיק די נאָז אין פאַרטוך, טוענדיק דערביי א הילכיקן שנייץ.

— ערגערט זיך ניט ר׳ לייב, נישט געזאָרגט! גאָט איז א פאָטער. נאָר מיין לייזער איז איצט אין שטוב ניטאָ, דער קליינער תכשיט מיינער אי־ציקל קען אזוי גוט שרייבן ווי לייזער, דאָס געשריפטס איז נאָך ביי אים א שענערס — האָט די מאמע אויף מיר א קוק געטאָן.

איך האָב זיך אוועקגעשאַרט אין ווינקל. דער בלינדער האָט אָנגעהויבן טאַפּן מיט די הענט אין דער זייט וואו איך בין נאָר וואָס געשטאַנען.

איר זאָלט מיר געזונט זיין, פייגעלע, ער וויל דאָך נישט גיין. איך האָב אים שוין פריער געבעטן. איך וויל אליין דיקטירן, ער דאַרף נאָר שרייבן.

— גילדערנע הענטלעך האָט ער — איז די מאמע געוואָרן אזוי שטרענג — קום אהער איציקל, וועסט גיין מיט ר׳ לייבן. נו, נו, דיין אויסלערנען שרייבן האָט מיר גענוג פּראצע געקאָסט, אז מען זאָל פון דיר קענען האָבן א נוצן!

איך האָב אָנגעצויגן א רחמנות פּנים.

— מאמע!

— נישקשה, עס איז א מיצווה!

— מאמע, דער קאפ טוט מיר וויי! — האב איך זיך געזוכט צו באַ־פרייען פון בלינדן.

די מאמע האט מיר א טאפ געטאן מיט דער האנט דעם קאפ, און כדי מער זיך איבערצייגן אין מיין ליגנערישן תירוץ, האט זי צוגעלייגט די צונג און מיט איר א וויש געטאן דעם שטערן, און מיט א חוזק שמייכעלע זיך פארגאנגען.

— האסט א מאיאנטיק היץ! ביז הונדערט און צוואנציק יאר רבונו של עולם! עס וועט דיר חלילה גארניט אפקומען! מיט אזוי פיל היץ מעגס־טו טאן א טובה.

— מאמע, איך...

— נו, נו, ביסט א יתום, און ער איז א בלינדער! איינער אויף דעם צווייטן דארף רחמנות האבן! — האט זי זיך אויף איר שטייגער פילאזאַ־פירט.

דאס ווארט „יתום און בלינדער", די פארגלייכונג האט ביי מיר אין הארץ א ריס געטאן.

— א יתום! א בלינדער!

די אויגן מיינע און די מאמעס האבן זיך געלאשטשעט, צוזאמענגע־גאסן. די מאמע האט מיר א קוש געטאן אין באק און איינגערוימט אין אויער: די גרעסטע מיצווה, זונעלע.

און גלייך האב איך דערפילט, אז כ'האב עפעס געקויפט, עפעס אזעל־כעס וואס ניט יעדער קען קויפן און ניט יעדער ווייסט ווי צו קויפן...

דער בלינדער ליב האט זיך א הויב געטאן פון שטול. מיין מאמע האט אנגעהויבן דיריזשירן דעם ארויסגאנג צו דער טיר, הגם דער בלינ־דער האט שוין ווי פון פריער אין די געדאנקען געהאט אפגעמאסטן דעם וועג.

— געלאסן, ר' ליב! זונעלע, פיר אים. ניין, אין דער זייט. אסטראָזש־נע! אט איז די קליאמקע!

— באמיט זיך ניט, פייגעלע, כ'וועל טרעפן. כ'בין שוין צוגעוואוינט —איז דעם בלינדן געווארן אומהיימלעך פון דער מאמעס צופיל ווארענען.

די מאמע האט ניט אויפגעהערט אונטערצושפרינגען:

—איציקל, בריער גאט און דערנאך פון דיינע הענטעלעך זאל קומען די ישועה.

— א דאנק אייך, פייגעלע — האט לייבל געענטפערט, אויסדרייענדיק דאס נאקעטע פנים צו דעם ארט פון וואנען דער מאמעס קול האט זיך גע־הערט.

— א גוטן טאג, פייגעלע!

— א גוט יאר! גייט געזונט, ר׳ לייב, זאל זיין מיט גליק!

— הונדערט און צוואנציק יאר זאלט איר לעבן...

— 2 —

די הייזקע, אן איינגעהויקערטע, אן אויסגעדינטע מכמה יארן, איז פאר־יתום׳ט געשטאנען אין א זייט שוין אויסער דעם שטעטל. ביי דער טיר צום אריינגאנג, איז געווען אנגעשאטן לייםיקער צעמאלענער גרוז פון אן אפ־געברענטער הויז, וואס האט געדינט פאר צוויי טרעפלעך צום אריינגאנג. דער וועג פארן בלינדן איז שוין געווען אן אויסגעטראטענער; די קליאמקע האט זיך ווי אליין צו אים דערנענטערט.

מיר זענען אריין אינעווייניק. די ווענט, אפגעלאזענע, פון אלע ווינ־קעלעך האט זיך ארויסגעוועבט א פארעלטערטער שפינוועבס. א פאר־דומפטקייט האט געריסן די נאזלעכער. עטלעכע קיך־געשירן זענען אויפן טיש געשטאנען, די טעלער אומאויסגעוואשענע, פארטריקנטע. אויף דער לינקער זייט פון בעט איז געהאנגען א פידל.

דער בלינדער האט זיך צום טיש צוגעשארט און אנגעהויבן אפרוי־ניקן דעם טיש מיט די דארע צעשפרייטע, לענגלעכע פינגער, יעדעם מאל א וויש טוענדיק מיט די דלאניעס. זיין ווייב איז אויפן בעט געלעגן און זיך ניט גערירט.

אויסגעזען האט זי פון א יאר דרייסיק, און אפשר נאך א צוויי יאר. א קאפ האט זי געהאט א געדיכטן, שווארץ פעך. די אויגן טונקל־

ברוינע, גרויסע. דאָס געזיכט, גלאַטיק. א געזונטער פעסטער קערפּער, אַביסל שוין צו קורץ געוויקסיק. דער בוזים, אַ פולער, אַן איינגעהאַמערטער, צוזאַמענגעפּרעסט אין דער גאַנצער פולקייט. זי האָט מיר אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן.

— קענסט גוט שרייבן?

— מיין מאַמע זאָגט, אז כ'קען — האָב איך געענטפערט אין א פּאָר־ביסענער שעמעוודיקייט.

זי האָט מיר געוואָלט היימלעך מאַכן.

— ווי אלט ביסטו?

— אין זעקס וואָכן ארום וועט מיר ווערן דרייצן יאָר.

דאָס צימער איז געווען א קליינער. די שאַפּע האָט זיך אין איין ווינקל אריינגעפּאַסט, אזוי אויך די אנדערע באַלעבאַטישקייט. צווישן די צוויי בעטן איז געווען אריינגעשטעלט דער אָפּגעהובלעוועטער רויער טיש, וואָס האָט זיך קוים געקענט אריינפּאַסן צווישן די צוויי בעטן. דער בלינדער האָט די צוויי שטולן אוועקגעשטעלט און ארויסגעלייגט א נייעם העפט. זיינע קני האָבן זיך כמעט אָנגעשטויסן אין מיינע. ער האָט זיך מיט זיין ווייב איבערגערעדט:

— זאָל איך זיי שוין שרייבן, אז דו ביסט אין אנדערע אומשטענדן, צו מיר וועלן נאָך אָפּווארטן?

— זאָלן זיי מיינען, אז עס איז אמת. זיי זענען שטיינער, ניט קיין מענטשן!

ער האָט זיך גוטמוטיק א בייזער געטאָן:

— שוין, הויבסט שוין ווידער אָן? ווייניק האָבן זיי אונז איבערגע־שיקט? דו מיינסט, אז עס באַרדינט זיך זיי אזוי שנעל דאָס געלט? ווי לאַנג זענען זיי אינגאַנצן אין אמעריקע?

— דו נעמסט זיך שטענדיק אָן פאַר זיי! זיי זענען שוין געבענטשט מיט דעם, וואָס זיי זענען ניט אזוי געשטראָפט ווי דו! און אפשר זענען זיי מיר מקנא, קען איך זיך מיט זיי בייטן!...

ביים בלינדן האָט זיך דאָס פּנים אויסגעקרימט אין אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע:

— דו וואַרפסט זיך מיט מיר? זעסט אַז איך האָב געבראַכט פייגעלע אינגל. עס וועט שוין עפּעס אַרויסקומען.

ביידע האָבן זיך דערמאָנט אין מיר. איך בין געזעסן ווי אַ פאַרשטיי־נערטער, אָן איבעריקער. ער האָט דערפילט מיין פאַרלוירענע אומהיימ־לעכקייט.

— איציקל, כ'וועל דיר עפּעס אויפן פידל שפּילן. וואָס האָסטו ליב? — האָט ער צו מיר אַ שמייכל געטאָן, אַ פּיר טועגדיק מיט צוויי פינגער איבער מיין רעכטער באַק... זי האָט דערפילט מיין צוריקגעהאַלטנקייט און האָט זיך אויף אים גוטמוטיק אַ בייזער געטאָן.

— וועסט נאָך דעם קינד די אויגן אַרויסנעמען. נאָר דו קריכסט מיט דיינע לאַפּעס!

ער האָט אַראָפּגענומען דעם פידל און אָנגעהויבן צו שפּילן עפּעס לע־בעדיקס, אונטערקלאַפּנדיק מיטן פוס. נאָך יעדן מאָל וואָס ער האָט אָפּגע־שפּילט עפּעס אַ זאַך, האָט ער מיר געפרעגט, אויב עס געפעלט מיר. און וואָס ווייטער איז ער אַריינגעגאַנגען אַלץ מער אין עקסטאַז און נאָך שנע־לער האָבן זיך זיינע בלינקע פינגער געצויגן איבער די סטרונעס.

דער פאַרנאַכט האָט זיך דערנענטערט. דער בלינדער האָט עס פון זיך דערפילט. ער איז צוגעגאַנגען צום ווינקל און אָפּגעזוכט דעם לאָמפּ, אים אויפן טיש אַרויפגעשטעלט, פון אַ פלאַש האָט ער דעם נאַפט אַריינגע־גאָסן און צוריק צוגעשרויפט, אַ צינד געטאָן אַ שוועבעלע. איך האָב זיך דערשראָקן און זיך אָפּגערוקט. גלייכצייטיק באַוואונדערנדיק זיין חוש.

— פּאַמעלעך, איר וועט נאָך מאַכן אַ שריפה! לאָזט וועל איך אָנ־צינדן.

ער האָט זיך צעלאַכט און אַ שפּאַס געמאַכט.

— איך זע אַלץ, נאָר ניט מיט די פאַרשטע אויגן...

זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט מיר אַ שנייד געטאָן ווי מיט אַ זעג.

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע וויצן?

איך האָב אויף איר א קוק געטאָן, דערזען איר צופרידן פּנים, און א האַס צו דער מיסטעריעזער אומבאקאנטער שיינער פרוי האָט מיר אָנגע־הויבן דלובען ווי א וואָרעם. אין מיין זכרון האָבן אָנגעהויבן ארויפשווי־מען די אונטערגעהערטע געשיכטעס וועגן דער פרוי פון בלינדן, אַז זי איז געווען אַן אָרעם מיידל, א יתומה, און קיינער האָט ניט געוואוסט אויף זיכער פון וועלכער שטאָט דער בלינדער האָט איר געבראַכט און חתונה גע־האַט מיט איר, און נאָך ווינציקער האָט מען געוואוסט, ווער עס איז גע־ווען דער שדכן. געערדט האָט מען אויך אויפן אויער פארשידענע זאכן, וואָס איך האָב ניט געקענט אויפכאַפּן, און אויב כ'האָב אַמאָל אויפגעכאַפּט א העכער וואָרט, איז עס געווען „ארויסגענומען". וואָס ארויסגענומען, פון וואַנען ארויסגענומען, האָב איך ניט געקענט דערגיין.

— פּע, אַ קליין אינגל מישט זיך ניט אין אַזעלכע זאכן...

געערדט האָט מען אויך, אַז זי האָט מיט אים חתונה געהאַט צוליב זיין געזונטן פּיסק, וואָס האָט איר איינגערעדט, אַז זי וועט ביי אים גע־בראָטענע גענזלעך עסן. און ווען ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און אראָפּ־געבראכט זי צו אונז אין שטעטל, האָט ער איר טאקע די ערשטע צייט גע־פּאַשעט מיט געבראָטענע גענזלעך. נאָר אין קורצן איז דאָס אמעריקאנער געלט אויסגעגאנגען, אָבער די „פּרינצעסן" אין איר איז פארבליבן.

איך האָב געקוקט אויף דעם פארקאָפּטשעטן לאָמפּ. געקוקט אויף איר, און אַן אומעט איז מיר באַפאַלן, אַן אומעט געמיישט מיט טרויער.

זי האָט ביידע הענט אונטערן קאָפּ אויסגעצויגן אין פוילקייט, די טונקל ברוינע אויגן האָבן זיך ווי ביי א הונגעריקע קאַץ פארגאַנגען, א בים טונג־דיק די אונטערשטע ליפּ. דער בוזים האָט זיך העכער פארצויגן, געריצט און ניט דערריצט מיינע קאַרגע דרייצן יאָר...

א שמעטערלינג האָט זיך ארום פארקאָפּטשעטן לאָמפּ צעחוליעט, אַלע מאָל א שמעק טוענדיק די לופט לעבערלעך פון דער קאָפּקע, זיך אָנשטויסנ־דיק אין גלאָז. דער שאָטן פון בלינדן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין טונקלקייט אויף דער זייטיקער וואַנט. ער האָט א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, א פּייב־

קייט ווי פון א מעלה־גירה'דיקע בחמה האָט זיך צעאָטעמט און זיך גע־גרייט צו דעם בריוו וואָס דאַרף אויפהאַלטן די ליבע פון דער שיינער פרוי, וואָס ער האָט מיט די אייגענע אויגן ניט געזען...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי און פריילעך איר א קלאַפּ געטאָן אין ווייכן פלייש.

— דו שלאָפסט, סאַלע?

— גיי, גיי, שרייב דעם בריוו! דאָס אינגל קוקט אויף דיר ווי אויף א משוגענעם...

— 3 —

שוין עטלעכע טעג ווי מיר שרייבן אַלץ דעם זעלבן בריוו. עס דאַכט זיך מיר, אַז דער בריוו וועט גאָר קיינמאָל ניט פאַרענדיקט ווערן. אַלע טאָג קומט ער מיר זוכן ביי אונז אין שטוב. ער אַפּעלירט צו מיין מאַמעס גוטס־קייט, זי זאָל ביי מיר פּועלן איך זאָל מיט אים מיטגיין אַרויסענדיקן דעם בריוו. ער קען דאָך ניט בייטן די האַנטשריפט, ער האָט שוין אָנגעהויבן מיט מיר, מוז ער שוין ענדיקן. ס'איז ניט שיין — גיט ער צו פאַרשטיין — אַז איין בריוו זאָל האָבן באַזונדערע האַנטשריפטן.

אין דער אמת'ן פיל איך, אַז עפּעס ציט מיר צו דער שטוב וואָס איז אַזוי אַנדערש ווי אַ צווייטע, וואו אַלעס איז אַזוי פריי. עפּעס רעדן זיי אָפטמאָל אַזעלכע ווערטער, וואָס איך האָב ווייניק געהערט. אונטערגע־הערט האָב איך יע אַמאָל אַזעלכע ווערטער, אָבער פון וועמען האָב איך זיי געהערט? איך וויל זיך אַליין אָפּשלאָגן פון די געדאַנקען. דער מאַמען קען איך ניט זאָגן פאַרוואָס איך וויל ניט גיין; און נאָך ווייניקער קען איך איר זאָגן וועגן דעם ווי עס ציט מיר... דאַכט זיך מיר, כ'האָב זיך שוין אַזוי צו־געוואוינט צום בלינדן אַז איך קען שוין אפילו זיצן רואיק און צוקוקן, ווען זיין פּנים ווערט שטאַרק אָנגעצונדן און באַקומט דעם אויסזען פון אַ צע־ריבענעם געלן פאַרמעט, ווען ער דיקטירט מיר געוויסע שטעלן פון בריוו. אָפטמאָל לעב איך מיט אים איבער דעם פאַרגעניגן פון דענקען און צו

טראַכטן פּאַסיקע אויסדרוקן, וואָס מוזן דאָס גרעסטע פאַרשטיינערטע האַרץ רירן. יעדעס מאָל ווען ער פאַרענדיקט, הויבט ער ווייטער אָן מיט דעם זעלבן טיטל, אָדער מיט אַ נאָך מער קלינגענדיקן טיטל:

„ליבסטער טאַטע! פאָטער פון הימל! אייגן בלוט און פלייש רעדט צו דיר, דיין בלינדער זון בעט רחמים, זאָלסט אים העלפן. דאָס געלט, וואָס האָסט מיר געשיקט מיט צוויי מאָנאַטן צוריק איז שוין אויסגעגאַנגען. אין שטוב איז ניטאָ וואָס צו עסן. דאָס מעבל, וואָס מיר האָבן געקויפט צו אונזער חתונה, האָב איך שוין צוריק אויספאַרקויפט. מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַ קלענערער וואוינונג, דאָס הייסט, איין צימער, גרויס ווי אַ קבר... איך שרייב דיר דעם בריוו, און מיינע אויסגערונענע אויגן הערן ניט אויף וויינען, מיינע ליפּן הערן ניט אויף צו לעכצן נאָך אַ שטיקל טרוקן ברויט. וואָס מיין ווייב זאָגט איז אמת. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בלינדן צו שטאַרבן פון הונגער, אָדער אויסצובעסערן זיך די לאַגע? איר האָט דאָך מיר געהייסן חתונה האָבן, איך זאָל ניט זיין אַזוי עלנט ווי אַ שטיין, און איצט לאָזט איר מיך איבער ווי אַ שיף אויף דעם שטורמישן ים“.

דער בלינדער צעשמייכלט זיך פון זיין געלונגענעם אויסדרוק. ער גייט אריין אין באַגייסטערונג, הויבט ער זיך אויף פון שטול און גייט צו צום בעט, וואו די ווייב ליגט און קוקט אויף דער סטעליע מיט אַ טעמפּן בליק. אַ לאַנגווייליקע איבערזעטיקייט, און אפשר שטילע באַגערן, וויעסלען זיך ביי איר אין די רעיונות. ער גיט איר אַ שטאַרקן קניפּ אויף דעם פליישיקן אונטער־חלק.

נו, וואָס זאָגסטו, סאַלע? האָסט געהערט? ניין?

ער זעצט זיך אויפן קאַנט פון בעט, דריקט איר צו צו זיך. זי ווערט ווייך.

— משוגענער, עס איז נישט שיין פאַרן אינגל. דו מיינסט, אַז ער איז בלינד? דו מיינסט אַז ער זעט אויך ניט?

אירע אויגן באַגעגענען זיך מיט מיינע. איך לאָז מיינע אַראָפּ פאַרשעמט. נאָדלען הויבן אָן שטעכן מיין יונגן קערפּער. עפּעס אַ תענוג'פולע ניט גוטקייט הויבט מיר אָן שטיקן אין האַלז, טרוקן מאַכנדיק דעם גומען.

דער הויכער בוזים דריקט זיך אין די שווארצאַפּלען פון מיינע אויגן און ראנגלט זיך מיט מיין אינגלשער אומשולדיקייט.

דער בלינדער זעצט זיך ווידער צום טיש.

— נו איצט קען מען ווידער אָנהויבן. איך האָב שוין ווייטער צוגעטראכט גאָלדענע ווערטער — גיט ער מיר גוטמוטיק א קניפּ אין בעקל.

„ברידער, וואָס זיצט אין גאָלדענעם לאנד! ווער נאָך מער ווי דו דארפסט מיר העלפן. דו, וואָס האָסט מיר פאראומגליקט אויפן גאנצן לעבן. אמת, דו האָסט עס געטאָן אומשולדיקערהייט. עמיץ האָט אונז ביידע פארשאָלטן! מיר, וואָס איך בין פאראומגליקט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן און דו אויך, וואָס ביסט געווען דער מלאך המוות פון מיין אומגליק. און דערפאר דארף עס ליגן אייביק אין דיין זכרון, אז דו ביסט נאָך אלץ דער גליקלעכער מענטש אין דער גאָלדענער מדינה. אין יעדער פרייד דארפסטו מיין צער נישט פארגעסן. ווען איך וואָלט ניט געווען קיין בלינדער, וואָלט איך דאָך פּונקט ווי דו געקענט זיין אין אַמעריקע. און אזוי וועל איך שוין מוזן אָפּפּינסטערן מיין יונג לעבן דאָ אין בלאָטיקן שטעטל. אפשר ווען איך וועל דיר דאָ ווידער דערמאָנען אלע איינצלהייטן פון מיין טראגעדיע, וועט זיך אויפעפענען דיין הארץ, וואָס האלט ביי פארשטיינערט ווערן. נישקשה, ווייטאָקן ווען מען דערמאָנט זיך אין זיי, ווערן זיי זיסער"...

דער בלינדער האָט דיקטירט וואָרט אין וואָרט, און אָנשטרענגענדיק דעם שטערן האָט ער אָנגעהאלטן דעם געדאנק פון איין זאץ צום צווייטן. פון צייט צו צייט האָט ער א רייב געטאָן איין האנט אין דער אנדערער און מיר געהייסן איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע. דאָס פארמעט פנים צעשמייכלט זיך ביי אים באַרימעריש.

— נו, וואָס זאָגסטו, סאלטשע? עס איז גאָלד, צי ניט?

— זאָל עס נאָר העלפן! — איז זי אראָפּגעקראָכן פון בעט און צוגעקומען צום טיש. זי האָט זיך אריבערגעבויגן איבער מיר, ארייגעקוקט אין אָנגעשריבענעם. איך האָב דערפילט איר ווייכע ווארעמקייט איבער מיין

אקסל. מיר איז געוואָרן א ביסל אומהיימלעך, די וואַרעמקייט האָט מיר צענומען.

— אויב איר ווילט לייענען, איז נאַט אייך!

איך קען ניט, מען האָט מיר ניט געלערנט — האָט זי צו מיר געזאָגט אין א באַדויערנדן טאָן. איך האָב זיך דערפילט א צופרידענער, א זיגבאַרער...

דער בלינדער האָט אָנגעהויבן טאַפּן ארום מיר... די פינגער, ווי שטע־ כיקע דראָט, האָבן אָנגעהויבן זיך נאָדלען אויף מיין לייב, קענטיק, אז ער האָט אויסגעמאָסטן מיין אינגלישע אויפגעוואַקסנקייט... זי האָט אויף אים א קוק געטאָן פון אויבן אויף אראָפּ מיט א גרימאַסע, גלייכצייטיק א חנדל טוענדיק זיך פון ווייטנס צו מיר...

ער האָט ווידער אראָפּגענומען דעם פידל, אים אויפן ברוסט קאַסטן אָנגעשטעלט, צובייגנדיק די שפּיציקע גאָמבע. די אויערן זענען ביי אים גע־ וואָרן אָנגעשפּיצט ווי ביי א האָז, די פינגער אויסגעצויגענע, האָבן זיך פלינקאַרטיק איבער די סטרונעס געצויגן, מיט די פיס האָט ער געהאַלטן אין צוקלאַפּן צום טאַקט, אונטערברומענדיק מיטן מויל, ביסלעכווייז האָט זי אויך אָנגעהויבן אונטערזינגען, צוברומענדיק מיט דער נאָז. וואָס ווייטער האָט זי אלץ העכער אָנגעהויבן זינגען. זי האָט זיך לעבן אים אוועקגעזעצט, ארויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין קני. דער שטערן האָט זיך ביי איר אָנ־ געהויבן אלץ מערער קנייטשן פון דער שטימע, די אויגן אירע האָבן אָנגע־ הויבן מעסטן מיין שעמעוודיקייט...

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און מיט איר א שניידנדיקע, אייזיקע קעלט. דער בלינדער לייב האָט צוריק אויפגעהאַנגען דעם פידל און אָגעהויבן פּאַ־ כען מיט די הענט, ארויסטרייבנדיק פון זיך די פוילע קעלט. ער איז צוגע־ גאַנגען צו דער טיר, א טאַפּ געטאָן די פאַרפרוירענע שויבן און א הויך גע־ טאָן מיט די ליפּן.

— דאַכט זיך, אז ס'איז היינט א פינסטערע נאַכט. מען דאַרף ענדיקן דעם בריוו.

זי האָט זיך אויף אים א בייזער געטאָן:

— שוין ענדיקן דעם בריוו? האָסט דאָך ניט ארויסגעשריבן וועגן אַלץ.
נישקשה, איציקל וועט קומען א צווייט מאָל, ווען מען וועט דארפן. ער איז שוין דאָ ווי ביי זיך אין דער היים — האָט זי א ווארעמען בליק צו מיר געוואָרפן, גלייכצייטיק האָט איר פארפרוירענע האנט א צי געטאָן איבער מיינע באקן.

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן שרייבן דעם בריוו. די הענט מיינע, לייכטיקע, האָבן זיך אויפן פאפיר געפלאָנטערט. ער האָט אָנגעהויבן דיקטירן די פאָרזעצונג:

„ברודער יאָסל! דערמאָן זיך גוט אין דעם טאָג, ווען איך בין בלינד געוואָרן! דערמאָן זיך, אז דו האָסט דיין אייגענעם ברודער בלינד געמאכט"...

דער בלינדער איז אויף אַ מינוט געבליבן שטיל. אין אַ ווייַלע ארום מיר געפרעגט, צי ס'האָט זיך שוין אויסגעטריקנט דאָס אָנגעשריבענע, און ער האָט אָנגעהויבן טאַפּן דאָס אָרט, וואו איך האָב אוועקגעשטעלט זיינע לעצטע ווערטער, און ווייטער פאָרגעזעצט:

„געדענקסט דעם קאַלטן, פאַרכמורעטן ווינטער־טאָג, ווען דו ביסט געקומען מיט די צוויי עמערס וואסער פון ברונעם, האָסט א קלאַפּ געטאָן די פארפרוירענע טיר, דער ארייַנגאַנג איז געווען א גליטשיקער, אַן אייז־בערגלדיקער. איך בין דיר געגאַנגען עפענען די טיר, האָסט זיך אַ גליטש געטאָן און די „נאָשעס", אויף וועלכע דו האָסט געטראָגן די צוויי עמערס וואסער, האָבן זיך אין דער פארפרוירענער שויב אָנגעשאָלגן, דאָס גלאָז האָט אָנגעהויבן בראַזגען מיט אימפּעט אין מיינע אויגן, אויך די „נאָשעס" זיינען מיר פאַרלאָפן אין די אויגן, און פון דאַן אָן איז פאַר מיר פינסטער געוואָרן די וועלט אויף אייביק... איך דערמאָן דיר דאָס אַלעס, כדי זאָלסט רחמנות האָבן אויף דיין פארשאָלטענעם ברודער, וואָס פייניקט זיך אין יסורים בייטאָג און ביינאכט. אַן אנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט זיך שוין לאַנג אָנגעטאָן א מיתה... ווען איך וואָלט ניט בלינד געוואָרן, וואָלט איך געקענט זיין אזא גוטער שניידער ווי דו און דער טאַטע, און וואָלט אויך גע־

קענט זיין אין דער גאָלדענער מדינה... זע מיר גלייך ארויסשיקן געלט, ווען ניט, וועל איך זיך אויף אמת מוזן אָנטאָן א מיתה. פון דער דירה וויל מען מיר שוין אויך ארויסוואַרפן, עס וואָלט שוין, כ׳לעבן, צייט געווען צו האָבן אן אייגענע הייזקע, וואו אויסצורוען מיינע בלינדע פאָר יאָר... שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך פאַרדין ניט קיין גראָשן, די צייט איז איצט א שווערע, עס קומט שוין א לענגערער צייט ניט פאָר קיין חתונות, איז פאָר אונז, קלעזמער־קאַפּעליע, נישטאָ וואָס צו טאָן. אַמאָל, ווי ס׳איז פלעג איך נאָך צו פאַרדינען אַ גראָשן. העלף מיר און זע, אז דער טאטע זאָל זיך אויך אָנשטרענגען און צושיקן געלט, ווען ניט, וועט מיר אויסקומען זיך צו הענגען אויף די באַנטעס.

ביי דעם לעצטן וואָרט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און ניט אָנגעשריבן. די נייגערייט צו וויסן די באדייטונג פון וואָרט, האָט מיר געלאָקערט, ווייל אויך זי האָט אויסגעגלאָצט אירע טיף ברוינע טונקעלע גרויסע אויגן.

— לייבל, וואָס איז אזוינס באַנטע? — האָב איך אים געשטעלט די פראַגע, מיינענדיק אויך, אז אפשר האָט ער א טעות געהאַט.

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן ווי א אָפּגעבריטער:

— וואו שטייט עס?

ער האָט אָנגעהויבן גראַבלען מיט די לאַנגע, געלע פינגער אויף דעם אָנגעוויזענעם פלאַץ, גלייכצייטיק אויפהויבנדיק דעם קאָפּ צו דער סטעליע.

— באַנטעס... באַנטעס... דאָס זענען באַלקנס! פאַרשטייסט, איך שרייב, אז עס וועט מיר אויסקומען זיך צו הענגען אויף די באַלקנס...

— נו, פאַרוואָס טאַקע ניט שרייבן בעסער אויף די באַלקנס? עס וועט דאָך זיין מער פאַרשטענדלעכער! האָב איך אים געפּרואווט געבן צו פאַר־שטיין.

ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן.

— פאַרשטייסט, באַנטעס איז א שטאַרקער וואָרט! אז עס איז שווער־ער, איז עס שטאַרקער, עס איז פון טעאַטער.

ער האָט מיר וואויל־יונגעריש א קוועטש געטאָן מיט דער האַנט אויפן אקסל:

— האָסט שוין אמאָל געזען טעאַטער?

— ניין!

— וואָזשע רעדסטו?

— און איר?

— געהערט !

— בלינדערהייט ?

— יע געהערט, עס איז געווען זייער גוט.

זי האָט זיך ארײַנגעמישט:

— און ווען דו זעסט נאָך ווי דער שפּילער האָט זיך געשטעלט אויף די קני פאַר דער פאַרפירטער מיידל, זי זאָל אים מוחל זיין, וואָלט עס נאָך מער דיר צעשניטן דאָס האַרץ. איך האָב דאָך א גאַנצע נאַכט געוויינט.

זי האָט א קוק געטאָן אויף מיין זייט, אויפגעכאַפּט מיינע פאַרוואונדערטע אויסגעגלאָצטע אויגן.

— ווען עס וועט אָנקומען דער ענטפער מיטן געלט פון אמעריקע וועלן מיר ווידער פאָרן אין טעאַטער ארײַן און דיר מיטנעמען.

דער בלינדער האָט זיך ארײַנגעמישט.

— וועסט ניט אויסזאָגן דיין מאַמען !

דער אַלטער פאַרשטויבטער זייגער האָט אויסגעקלונגען עלף. איך האָב אויפגעעפנט די טיר. אַ פּאָרע האָט אָנגעהויבן ארײַנקומען. די נאַכט איז געווען שטאַרק־פינסטער, א פאַרפרוירענע, פוילע קעלט האָט אָנגעהויבן ארײַנדרינגען אין מיינע איברים. אן עכאָ פון איר שטימע האָט זיך דערטראָגן צו מיינע קיצלדיקע פאַרפרוירענע אויערן.

די פאַרפרוירענע גרודעס בלאָטע האָבן זיך אין מיינע צעפּלאַסענע, לעכערדיקע שיך געריבן. פון אונזער הויז האָט זיך נאָך געלויכטן.

אויפן גלייכן וועג

א.

די הייזער פון שטעטל זענען ארומגענומען ווי א געשלאָסענע מעם, בלויז פון איין זייט שניידט זיך אַרויס דער בויך, וואָס ציט אַרויס א שרענגע הייזער צו דעם הויקערדיקן ברוקירטן שאָסיי, וואָס פירט אַרויס פון שטילן שטעטל.

שטיל איז אין רייוויץ. טאָמער גייט עמיץ אין די שפּעטע נאַכט שעה'ן, דערקענט מען גלייך אין די טריט ווער עס גייט. מען דאַרף אפילו צום פענסטער ניט צוגיין. קומט ערגעץ פון דער געשלאָסענער מעם מיט הייזער עפּעס א געשריי, ווייסט מען אויך פון וועלכער הויז עס איז און ווער עס גייט צו קינד. שיקט מען שטילערהייט די ברכה און מען שלאָפט ווייטער.

צייטנווייז בלויז הערט זיך אין שטעטל דאָס בראַזגען פון א שווערן לאַסט־וואָגן, די פערד־פּאָטקעוועס וואָס רייסן אויף די שטילקייט פון דער נאַכט. הערט מען די אָקס ווײנט פון דער פאַרטריקנטער סמאָלע־אַטעם וואָס גייט אים אויס; נאָר מער פון אַלץ הערט זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דאָס קריגעריש וואַנזיניקע קול מיט א געמיש פון א גמרא ניגון, פון דעם אויפגעבלאָזענעם פענכער פנים פון רויט באַשפּרינקלטן בחור, וואָס מען רופט ביים נאָמען, לייזער בולץ.

זיין אמת'ער נאָמען איז לייזער ווענגערקע; נאָר מען וואָלט אייך געהאַלטן פאר א פרעמדן, ווען איר וואָלט גערעדט וועגן לייזער'ן און עס וואָלט זיך אייך אויסגערעדט דער נאָמען: לייזער ווענגערקע!

ער אליין וואָלט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף אייך, א זאך וואָס ער טוט במילא זייער זעלטן, ווען איר זאָלט אים רופן ביים אמת'ן נאָמען

אַנשטאָט לייזער בוליץ. עס איז בלויז ניט באוואוסט, צו ער אליין פאַר־שטייט, אז דעם צונאָמען האָט ער באקומען פאַר זיין אַנגעבלאָזענעם גוף, וואָס איז עפּעס ווי א מין געשווילעכץ. אז עס איז ניט פון עסן צופיל. האָבן אלע געוואוסט. פאַרקערט: מען האָט זיך געוויצלט, אז לייזער בוליץ ווערט דיק פון די תעניתים וואָס זענען ביי אים געוואָרן פון די ערשטע געוואוינהייטן . . .

האָבן טאקע א טייל אידן צוגעלייגט צום נאָמען: „דער משוגענער לייזער בוליץ!" בלויז די ווייבער, ווען זיי האָבן געהערט, האָבן זיי געטאָן מוסר זאָגן:

— מען טאָר ניט! א גרויסע זינד! ער דינט דאָך גאָט! ער איז דאָך א לערנער! פון פרומקייט איז ער דאָך אזוי . . .

נאָר לייזער בוליץ, דעם שווייגער, איז עס סיי ווי סיי ניט אָנגעגאנגען. ער האָט געלעבט זיין וועלט, געגאנגען זיין אייגענעם דרך, אפילו גערעדט צו זיך אליין.

דאָס פיל איז געמאכט געוואָרן תפילה צו טאָן... וואָרין אז מען רעדט עפּעס מער ווי דאָס נויטיקסטע רעדט מען דברים בטלים... אז מען רעדט קען מען זיך אַרויסכאַפּן מיט זינדיקע ווערטער... עס איז גענוג אז די מחשבות ווערן אָפּטמאָל געשטרויכלט און פאַרפירט פון יצר הרע . . .

האָט לייזער בוליץ געהאלטן אין איין שווייגן, אפילו דאַן ווען די שקצימדיקע אינגלעך האָבן אים פאַרבייגייענדיק א צי געטאָן ביי א פאָלע פון דער איינגעשמירטער שווארצער קאַפּאָטע, אָדער די תבואה סוחרים האָבן מיט א שטרוי אים א קיצל געטאָן אונטערן אויער, וואָס ער טוט מיט דער האַנט פּרוּאוון אָפּיאָגן, ווי ער וואָלט א פליג פון זיך אַראָפּגעטריבן. ער האָט בשום אופן דעם קאָפּ ניט אומגעקערט. עס איז אַן עברה; א איד דאַרף גיין בדרך הישר! עס שטייט דאָך געשריבן: „וואויל איז דעם מענטש וואָס גייט אויפן גלייכן וועג!" און לייזער בוליץ מאַכט די גרעסטע אַנשטריינגונג ניט אַראָפּצוגיין פון גלייכן וועג. דער גלייכער וועג האָט ניט קיין דריידלעך.

אמת טאקע, עס קומט אים אָן יעדן טאָג זייער שווער אָנצוהאלטן דעם גלייכן וועג. נאָר איז דען דאָ א שווערע זאך ביים דינען גאָט? האָבן דען די אידן ניט געשפּאָלטן דעם ים און זענען אריבערגעגאנגען? וואָס פאר א זין האָט עס, אויב דער מענטש קען זיך ניט אָנהאלטן אויף דער וועלט ביי דעם געבאָט פון „דרך הישר?" — הערט לייזער ניט אויף צו טראכטן.

האָט מען יעדן טאָג געקענט זען ווי אזוי לייזער שאַרט זיך ביי די ווענט. דאָרט וואו עס איז די לעצטע וואַנט, טוט ער אָן עפּן די טיר ביים שכן, שטעלט אַריין די טריט און טוט זיך אזוי א דריי אז ער קומט אויס פּונקט אויפן גלייכן וועג צום בית־המדרש. די קעלבערנע אויגן כאַפּן א קוק, די ליפּן זיינע גאַווערן אויס א טרוקענעם „גוט מאָרגן", וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויף קיין ענטפער.

האָבן שוין די שכנים געוואוסט פון זיין משוגענער פרומקייט. כאָטש מען האָט אינגאנצן ניט געקענט תופס זיין ווי אזוי ער מאכט דעם חשבון פון דרך הישר, עס זאָל אים אַזוי אָרום אויסקומען דער גליי־כער וועג צום בית המדרש. האָט זיך אמאָל געמאכט, אז די קינדער ביי די שכנים איז דערעסן געוואָרן צו זען אלע פרימאָרגן ווי ער עפנט אויף אונטערוויילעכץ די טיר און לאָזט אריין די פארפרוירענע פּראָסטיקע קעלט, וואָס כאַפּט זיך אַריין אין די בעטן וואו זיי ליגן אַזוי אויך האלב געפרוירענע. האָבן זיי גענומען דעם ריגל און פארלייגט די טיר. זאָל זיך דער משוגענער לייזער בולי זוכן אַן אנדער וועג פאַר זיין גלייכן וועג . . .

לייזער בולי איז געשטאַנען א פארפרוירענער, געשטופּט די טיר, פריער לייכט, נאָך דעם שטאַרקער און נאָך שטאַרקער, ער האָט אָנגע־הויבן סאָפּען דעם אָטעם, א פאַרצווייפלטער. זיפצן און קרעכצן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן פּראָסטיקן קלאַנג פון דעם אייז וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אָפּפלאַצן פון דער טיר, נאָר די טיר האָט זיך אליין ניט געעפנט. אי־נעווייניק האָבן די קינדער געלאַכט און געוואַרט מיט דער גרעסטער גע־שפּאַנטקייט וואָס עס וועט געשען, צו וועט לייזער בולי אַוועקגיין אָדער ניט? נאָר לייזער איז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט בלויז אלע ווײַלע אָפּגע־

וואָרט אַביסל און ווייטער אָנגעהויבן שטופּן די טיר.

די מוטער איז אָנגעקומען, אָנגעהויבן שרייען אויף די קינדער.

— וואָס טוט איר? אַ רחמנות! ער ווערט דאָך דאָרט פאַרפרוירן! לאָזט אים אַריין! עס איז אַ גרויסע זינד!

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר אויף שנעל, לייזער איז ממש אַריינגעפאַלן. ער איז גיך אויפגעשטאַנען, זיך געפילט שולדיק פאַר דעם וואָס ער איז אומגעפאַלן, ער האָט עפּעס ווי מיטאַמאָל דעם חשבון פאַרלוירן פון דעם דרך הישר... ער האָט אַ קוק געטאָן מיט זיין רחמנות פּנים אויף דער שכנה פול מיט דאַנקבאַרקייט און אַ זאָג געטאָן דעם „גוט מאָרגן". מיט אַמאָל האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און אַ געשריי געטאָן, ווי עס וואָלט אים ווער מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן וויינען, אַרויסלאָזנדיק אָפּגעהאַקטע ווערטער פון די גאַנצווערדיקע ליפּן:

— תפילין! מיט די תפילין געפאַלן!

ער האָט גענומען צודריקן די תפילין צום מויל, קושן דאָס תפילין־זעקל ווי עס וואָלט אַ ניי געפונען קינד געווען.

די שכנ'טע האָט אים גענומען טרייסטן:

— דו ביזט דאָך בלויז געפאַלן! די תפילין זענען דאָך אויף די־געלעגן. אפילו די ערד ניט אָנגערירט.

דער גאַנצער קערפּער ביי לייזער'ן האָט זיך עפּעס איינגעקאָרטשעט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שטעלן די גלייכע טריט צום אַרויסגאַנג. קיין קעלט האָט ער ניט געפילט. ער האָט אויך ניט געטראַכט אין דעם וואָס די קינדער פון די שכנים האָבן אים אָפּגעטאָן... ער האָט בלויז געטראַכט אין דעם תפילין־זעקל, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן נאָך מער צוגעטוליעט צו זיין אָרעם און צו עס וועט אים פאַרגעבן ווערן, נאָך דעם ווי ער וועט די דריי טעג תעניתים פאַסטן.

לייזער בולין האָט ניט שטאַרק ליב דאָס בית מדרש. עס איז ניט מער אַן ענין ווי גיין דאַווגען מיט מנין. ער ווערט סיי ווי סיי געשטערט אין דעם דאַווגען. זיי יאָגן דאָרט אַזוי שנעל, אַז ער קען זיי קיינמאָל ניט

אַניאָגן. ער האָט ליב צוצומאַכן שטאַרק די אויגן, זיך צו פאַרטראַכטן און שרייען אויף די העכסטע טענער. דעם „אחד" האָט ער ליב אויסצוציען, אַז מען זאָל אים אין אַלע הימלען דערהערן, ער בלייבט אַזוי אַרום שטענדיק אונטערשטעליק. נאָר ביי זיך איז ער שטאַרק, גאָר שטאַרק צופרידן צו הערן די זידלערייען אויף זיין חשבון: דער משוגענער לייזער בולץ האָט זיך פאַרהאַקט!... מען דאַרף צוּוואַרטן! לאָזט אים, ער קעלבט זיך איצט!...

לייזער ווייסט זיך זיינס: דער מענטש דאַרף קיין הנאה ניט האָבן! אפילו פון קיין דאַווענען טאָר מען קיין הנאה ניט האָבן!... ווען ניט דאָס וואָלט ער געדאַוונט כסדר אין שטוב. עס טרעפט טאַקע אַ סך מאָל ווען לייזער זינדיקט אונטער און בלייבט אין שטוב צו דאַווענען, דאַן לאָזט ער זיך וואַוילגיין און ענדיקט דאָס דאַווענען זייער שפּעט אין טאָג אַריין. ער שטעלט זיך אַוועק לעבן דער וואַנט, הויבט זיך אָן געבן קלעפּ אין קאָפּ אַריין און ריידן צו זיך אַליין:

— ביזט זינדיק, לייזער! ביזט אַן אכזר! ניטאָ נאָך איינער צו דיר! אַ מענטש זאָל זיך ניט קענען באַהערשטן צו דינען גאָט ווי עס דאַרף צו זיין?... וואָס איז אַ מענטש? אַ שוואַכע בריאה וואָס קען אַ טריט ניט גיין אַליין! קען אפילו אַזאַ מין קלייניקייט געהעריק ניט דערפילן! גיין אין דרך הישר!...

ער האָט גענומען אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, בויגן די פוס טריט, געמאַכט אַ פּרוּוו אַביסעלע אויסצוקרימען, זוכן אַ וועג ווי אַזוי די פיס זאָלן מיטדרייען דעם קערפּער. אַפּטמאָל האָט ער אַזוי אַרום דערפילט שטאַרקע ווייטאָקן אין די פיס, אין קערפּער, נאָר דאָס האָט אים ניט אָפּגעשטעלט. אַז דער שווייס האָט אים אָנגעהויבן רינען פון גאַנצן פּנים, רינענדיק אים איבער די שטאַרק רויטלעכע בלוט פאַרלאָפענע באַקן, האָט ער אַליין אָנגעהויבן זיי צו קנייפּן: נבלה! ווי אומבאַהאָלפן דו ביזט! שרץ! דו קענסט ניט גיין בדרך הישר!

די מוטער מיט די שוועסטער לויפן אַריין, הויבן אָן אויף אים אָנשרייען!

— שוין גענוג דאָרט! א דיבוק איז דאָך אין דיר אַריין! וואָס וועט זיין דער סוף מיט דיר? די שטאָט האַלט דאָך אין איין לאַכן! שעמען מעגסטו זיך! גיי בעסער אַביסל אַריין אין קראָם אַריין! נאַדיר אַ דרייער פאר דיין גאַנץ פרומקייט, אויב דו קענסט אפילו דיין שטיקל ברויט ניט פאַרדינען!...

דאָס עסן וואָס די מוטער האָט געהאַט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש, איז סיי ווי סיי געשטאַנען אויפן טיש ניט באַרירט. די מוטער האָט א זאָג געטאָן:

— שוין צייט דאַכט זיך עפּעס צו עסן!
— היינט פאַסט איך!
— וואָס פאַר אַ פאַסטן איז היינט אויף דיין קאָפּ!
— די תפילין זענען נעכטן אַראָפּגעפאַלן!
— אַ בראָך איז צו מיר! די תפילין? ווי אַזוי?
נאָר לייזער האָט שוין מער ניט געענטפערט.

ב.

וויפל די שטעטלדיקע אידן האָבן זיך ניט אַריינגעטראַכט וועגן לייזערס פרומקייט משוגעת, האָבן זיי דאָך ניט געקענט באַשטימען צו ער איז משוגע, אָדער טאַקע אַזוי שטאַרק פרום. עפּעס רעדט ער דאָך גאַנץ זאַכלעך: דער מענטש דאַרף גיין אויפן גלייכן וועג! וואויל איז דעם מענטש וואָס גייט אויפן גלייכן וועג. איז דאָס דער גלייכער וועג ביי אים? האָט מען שוין אפילו א גוטן אידן דערציילט וועגן לייזער'ן, האָט דער רבי געזאָגט מען זאָל אים לאָזן, מען זאָל אים דעם גלייכן וועג ניט פאַרשטעלן... הייסט עס, אז דער רבי פאַרשטייט אים? איז דאָך יאָ עפּעס דאָ אין לייזערן... האָבן טאַקע א טייל אידן פון שטעטל געהאַלטן, אז ער איז משוגע און א צווייטע טייל האָט געשמועסט, אז עס איז עפּעס דאָ אין לייזערן פון א הייליקן... האָט איינער פון די דאָזיקע חסידים געפּרואווט אים אַרויסווייזן דרך ארץ, איז ער פון יענעם אָפּגעשפּרונגען

אינגאנצן ניט ענטפערנדיק, פונקט ווי יענער וואלט געווען זיינער א שונא. עס האט אים א לענגערע צייט געקלונגען אין די אויערן די ווער־טער: „ר׳ לייזער״. ער איז אהיימגעלאפן, א כאפ געטאן א העמד און גע־לאפן טובלען זיך אין דער קאלטער מיקווה, צו דערטרינקען דעם גיפט וואס האט זיך אריינגעכאפט דורך די אויערן: ר׳ לייזער! ר׳ לייזער! ער טראכט א מאמענט: ווי גוט וואלט געווען ער זאל איצט טויב ווערן! יעדן מאל וואס ער האט געזען דעם אידן וואס האט אים אנגערופן ר׳ לייזער, האט ער פארבייגייענדיק לעבן אים די אויגן פארמאכט.

איין זאך וואס די שטעטלדיקע אידן האבן ניט געקענט פארשטיין איז געווען דאס, וואס די פרומקייט משוגעת איז אים געקומען אזוי פלוצלינג און פון טאג צו טאג געווארן שטארקער. מען האט אנגעהויבן דערציילן אויסטערלישע זאכן וועגן לייזערן. אט זעט מען אים גיין מיט דער קאפאטע שטארק אויסגעמעליקט. וואו קומט צו לייזערן מעל? לאזט זיך אויס, אז לייזער איז ספּעציעל געגאנגען אין דער שטאטישער בעקע־ריי, זיך גערייט צווישן די זעק מעל, זיך צוגעדריקט און אפילו באקומען עטלעכע זידל ווערטער פון די בעקער יונגען ער זאל זיך אויפהערן דרייען ביי די פיס.

לייזער האט געהאט זיין אויסרעכענונג דערביי:

— דער מענטש איז א פאסקודנער בעל גאווה׳ניק, ער האלט זיך גרויס אלס מענטש! ער האלט זיך גרויס מיט זיינע מלבושים! ער האלט זיך גרויס מיט זיין גאנג! ער האלט זיך גרויס מיט זיין ריינקייט! דער גוף דארף זיין ריין! די נשמה דארף זיין זויבער און דורכזיכטיק! קליידער איז א מענטשלעכער פארגעניגן אויף דער וועלט! דער מענטש דארף בלויז נוצן די קליידער צו פארדעקן... אויסערלעך מעג דער מענטש זיין פאר־שמירט, אינערלעך דארף ער זיין ריין.

לעצטנס איז געווען א שטיקל טומל אין שטעטל. א רבי איז געקומען אין שטעטל, האט מען זיך א לאז געטאן מיט קוויטלעך. מען האט דער־ציילט דעם רבי׳ן וועגן לייזערן, האט ער אים געשיקט רופן, האט לייזער געענטפערט:

— ווער בין איך דען איך זאָל גיין צו א רבי'ן?

האָט מען ווידער געפּראוווט מיט אים איינ'טענה'ען:

— אז דער רבי רופט, דאַרף מען גיין!

האָט ער ניט געענטפערט. ער האָט בלויז שטאַרק צוזאַמענגעצויגן די אויגן און זיי פאַרמאַכט ווי א שלאָס, מורמלענדיק ווי פאַר זיך אליין: שמע ישראל... אחד!...

האָט מען עס דעם רבי'ן דערציילט, האָט ער א שמייכל געטאָן: לאָזט אים!... ער וועט שוין קומען!...

האָט זיך צו לייזער דערטראָגן, וואָס דער רבי האָט געזאָגט. ער האָט בלויז געהערט און גאָרניט איבערגעפרעגט. נאָר דער געדאַנק האָט אים ניט געלאָזט רוען. וואו נעמט זיך צו א בן אדם אזויפיל זיכערקייט? א רבי! נו איז וואָס? אָבער די זיכערקייט? ווי איז עס א מענטש אזוי שטאַרק? שטאַרק זיין דאַרף מען נאָר ביים דינען דעם וואָס לעבט אייביק! ניין איך וועל ניט גיין!... זאָל זיין וואָרט פון זיכערקייט פאַלן! מיטן רבונו של עולם מאַכט מען ניט קיין קאָנטראַקטן! מען דאַרף אים דינען אָן שום באַדינגג! עס איז פּונקט ווי ביי עולם הבא! מען דינט דעם רבונו של עולם, כדי ער זאָל דערנאָך אָפּצאָלן מיט עולם הבא! מסחר! מען מאַכט א מסחר מיט אים! מען זוכט ריווחים! ניין מען טאָר ניט! א זינד! מען דאַרף דאָס גאַנצע לעבן אַרבעטן זיך צו ראַטעווען פון גהינום! און אויב עס איז דאָך באַשערט, — דאַרף מען עס אויך אָננעמען מיט אהבה! דער גהינום איז אויך זיין יצירה! עס קען אויך שלעכט ניט זיין! ניין! איך וועל ניט גיין!

האָט זיך געמאַכט, אז לייזער איז פאַרבייגעגאַנגען די הויז וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען און ער האָט דערהערט א ניגון. דער ניגון האָט זיך געצויגן אויף די העכסטע טענער און האָט זיך אָנגעהויבן איינעסן אין זיין לייב, אין מוח, אין די געהירן, עס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן צאַפּלען. ער האָט אים אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן אונטערברומען, די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צומאַכן, די קאַרבן אויפן שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־וועגן ביי די רויטע ברעמען, ער פליט איצט ערגעץ אין די הימלען. ער

פרואווט זיך צוריקהאלטן, נאָר די פיס גייען און גייען, ווילן זיך ניט אָפּ־שטעלן. ער פרואווט זיך אָפּשלאָגן פון די געדאנקען: עס איז א זינד! עס איז תאווה! עס איז... א איד טאָר ניט קיין הנאה האָבן פון דער וועלט! נאָר ער קען מער ניטביישטיין דעם פארגעניגן. אָט שטייט ער שוין ביים פענסטער, דער ניגון עסט זיך איין אין אים, פרעסט זיין זינדיק פלייש... ער געפינט מער ניט קיין צוריקוועגס... די גלוסטעניש איז גרויס... דער יצר הרע האָט אים פארפירט... איצט איז פאר אים קלאָר: דער מענטש האָט זיך ניט אין די הענט... ער האָט צוגעקלעפּט דאָס פנים צום פענס־טער. ער וועט בלויז הערן פון דרויסן! דער ניגון! דער ניגון! ער וועט בלויז איינמאָל פארזוכן!... עס איז אזוי מחיה'דיק!... ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, עפּעס וואָס האָט אים געמאכט דערמאָנען אין א שטארקער זינד, וואָס קיינער ווייסט ניט פון איר... עס איז זיין סוד.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר:

— קענסט אריינגיין, לייזער!

לייזער איז געוואָרן זייער ערנסט און זיך ניט גערירט.

— קום אריין, לייזער!

לייזער איז געשטאַנען ווי ניט אים מיינט מען עס. דעם קאָפּ האָט ער געהאלטן אראָפּגעלאָזט ווי א שולדיקער וועמען מען האָט געכאפּט ביי א מיאוסער גנבה. מיט אמאָל האָט ער אָנגעהויבן לויפן, ער איז אזוי אָפּגע־לאָפן א היפּש שטיקל וועג, פונקט ווי עס וואָלט אים עמיצער נאָכגעיאָגט. מיטאיינמאָל האָט ביי אים אויפגעבליצט א געדאנק:

— א מענטש טאָר פון זיך אליין ניט אנטלויפן! פונקט ווי דער מענטש טאָר ניט אנטלויפן פון השם יתברך אזוי טאָר אויך דער מענטש פון זיך ניט אנטלויפן.

ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער. די טיר האָט זיך ווידער גע־עפנט שוין מיט כעס:

— וואָס פאר א שטיק פראוועסטו, לייזער בולין! דער רבי האָט גע־זאָגט אז עס איז שוין צייט זאָלסט אריינגיין!

ער האָט אָנגעהויבן שטעלן טריטעלעך, אַזוי ניט דרייסט און שטאַרק צוגערוקט צו דער וואַנט, ביז ער איז צוגעקומען צו דער טיר. ביי דער טיר האָט ער זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט, אַ קרום געטאָן מיטן פוס, אַז דער גאַנצער קערפּער האָט זיך מיטגעדרייט אין יסורים. ער איז געבליבן שטיין אינעווייניק. די חסידים האָבן אַלע אויסגעדרייט די קעפּ. לייזער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַן אָרעמאַן וואָס איז עפּעס געקומען בעטן. ער האָט זיך געפילט ווי עפּעס אַ שולדיקער.

— נו וואָס שטייסטו? גיי גיב שלום דעם רבי'ן!

— ווער בין איך דען? — האָט אַ גאַוואַער געטאָן די אונטערשטע ליפּ.

— ר' לייזער בולע! — האָט דער שמש אַ שפּאָט געטאָן . . .

לייזער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן קרעכץ, ווי עס וואָלט אים ווער אַ שטאָך געטאָן. ער האָט די גרויסע קעלביקע אויגן אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן צום רבי'ן און זיך ניט גערירט פון אָרט. די איינגעשמירטע קאַפּאָטע האָט געריסן די אויגן פון אַלעמען.

דער רבי האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד:

— נו, לייזער! ביזט אַ חתן? צו דו דאַרפסט ווערן, אָבער שלום עליכם מעג מען געבן.

לייזער האָט זיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט. ער האָט דערפילט, אַז עפּעס זינקט ער טיף... ער האָט אַמאָל געהאַט אַזעלכע געדאַנקען „אַ חתן", איצט האָט דער רבי דעם רמז געגעבן . . .

אַ חסיד האָט אַ צי געטאָן אַ ניגון, די איבעריקע האָבן אויפגעכאַפּט און אַזוי זינגענדיק האָט מען לייזערן אַ הויב געטאָן און צוגעטראָגן צום רבי'ן. דאָס פּנים איז ביי אים איצט געוועזן צונטער רויט. אַ חסיד האָט אים אונטערגעשטופּט די האַנט, לייזער האָט דערלאַנגט דעם רבי'ן די שפּיץ פינגער, די ליפּן האָבן זיך באַוועגט, נאָר געהערט האָט זיך גאָרניט.

דער רבי האָט אָפּגעמאָסטן דעם בחור און ניט געוואוסט ווי אָנצו־פאַנגען. אויף אַ מאָמענט האָט געהערשט אַ שטילשווייגעניש. דער רבי האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערן און ווי פאַר זיך אָנגעהויבן ריידן:

— מען דערציילט אויסטערלישע זאכן פון דיר!

ער שווייגט.

— מען זאָגט אז ניט גוטעס געוועלטיקט אין דיר!

ער האָט ווידער ניט געענטפערט.

— מען זאָגט אז דו מאכסט דיר משוגע!

לייזער איז געזעסן אויפן שפּיין בענקל און ניט געענטפערט.

— לייזער בוליע! דער רבי רעדט דאָך צו דיר! וואָס ענט־פערסטו ניט? . . .

דער רבי איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— לאָזט אים גיין!

לייזער האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג פון צווישן די דיקע פארגאַ־וועטע ליפּן:

— „דרך" איז א וועג! גיין! . . .

אַלע זענען מיטאיינמאָל שטיל געוואָרן, פּונקט ווי מען וואָלט פון ער־געץ דערהערט א געשריי. די פארוואונדערונג איז געווען גרויס. מען איז דאָך אים שוין געגאנגען צוריק אַרויסטראָגן אויף דער גאס. דער רבי האָט אים א פרעג געטאָן:

— אויף וועלכן וועג גייסטו?

— א היים גיי איך! . . .

— וואו איז די היים?

— אויבן! . . .

— דארפסטו זיך איינשמירן די קאפּאָטע?

— עס איז דער „דרך", דער וועג!

— פון וואָס פאר א וועג רעדסטו?

— „וואויל איז דעם מענטש וואָס קען גיין אויפן גלייכן וועג" . . .

— איז די מעליקע קאפּאָטע ביי דיר דער „דרך"? . . .

— מלבושי כבוד!... אז א מענטש טוט זיך אָן א מלבוש פון אטלעס אָדער זייד, הויבט ביי אים אָן גלאַנצן אין די געדאנקען דער שפּיגל פון גאווה... שפּיגלט ער זיך אין דער אייגענער גאווה, האָט ער מער קיין

שליטה ניט אויף זיינע עברות, ער צאָלט זיך אליין די צדקה און פאַר־משכנט די מיצווה'ס...

די חסידים האָבן זיך ביסלעכווייז אַנגעהויבן אָפּרוקן מיט דרך ארץ. זיי האָבן פון וווייטנס געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן פון שמועס וואָס דער רבי פירט מיט לייזערן, נאָר עס איז זיי שווער געווען. עס איז גענוג געווען דער רבי זאָל א קוק טאָן מיט זיינע אויגן, אז די חסידים זאָלן פארשטיין, אז זיי דארפן אביסל שטיין פון דער וווייטנס, נאָך דעם ווי דעם רבי'ן איז געלונגען לייזערס מויל אויפצושליסן. דער רבי האָט זיך מער צוגעבויגן צו לייזערן פלעכטנדיק די פאה:

— איז וואָס זאָגסטו אויף מיינע מלבושים, לייזער? ער האָט דערביי א וויז געטאָן מיטן פינגער אויף זיין גלאַנציקן ריינעם מלבוש.

לייזער קוקט אפילו ניט אין רבי'נס זייט. ער שווייגט.

— נו, נו, רעדט! דו זאָגסט דאָך! איז קומט אויס, אז דו לאַכסט פון מיינע מלבושים! אפשר דארף איך זיי גיין ערגעץ איינשמירן?

— יעדער איינער האָט זיך זיין וועג!... דער מענטש האָט א גוף און א נשמה!... דער גוף איז איינגעשמירט אין די מלבושים, מען זאָל ניט זען זיין נאַקעטקייט; די נשמה שוועבט אין דער לופטן ווען עס קומט די צייט; ביז דאַן באַגלייט זי דעם גוף און באַקליידט אים. איז וואָס פאַר א ווערט האָבן דען די מלבושים? אז מען מעליקט זיי, מען שמירט זיי איין, דערווייטערן זיי זיך פון גוף, קומט די נשמה און דערנענטערט זיך צום גוף, וואַרעמט אים אויס און גיט אים דעם זכות, ער זאָל אויף דער וועלט זוכה זיין צו געניסן פון בריאת העולם, זען די גרויסקייט פון יצירה . . .

— איז פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן וואַסער? מען זאָל טרינקען! יאָ?... מען זאָל קענען דעם גוף ריין האַלטן!

— מען זאָל קענען דערטרינקען די עברות! ניט מען זאָל זיך פוצן פאַרן רבונו של עולם! ער האָט ליב דעם אמת! בלויז שקר דאַרף מען איינ־היילן אין שיינע מלבושים! וואָס בעסער די צירונג איז, אַלץ וויניקער דאַרף זי דאָס שיינע שאַכטעלע!...

— האָסטו דאָך אויך גאווה? . . .

— זינדיק איך טאקע! זינדיקט איך און טו תשובה! איך בעט בלויז ביי אים, אז ווען מען וועט מיר א רוף טאָן, זאָל איך ניט שטיין מיט דעם זינד אויף די ליפּן, נאָך מיט דער תשובה!... נאָר קיין באדינג שטעל איך ניט! עס איז דער גהינום אויך געגוג פאַר מיר!

— וואָס זשע? דו בעטסט אויף דיר דעם גהינום?

— איך לויב בלויז אים אליין! אַלץ וואָס ער טוט איז גוט! עס איז מיר ליבער דער גהינום פון אויבערשטן איידער מלכות פון מענטשן . . .

— האָסט פיינט מענטשן?

— איך האָב בלויז ליב דעם אויבערשטן!

דער רבי האָט זיך א רוק געטאָן אין פאטעל:

— — דיינע דרכים זענען יאָ און ניין... זיי קענען דיר אראָפּפירן פון גלייכן וועג. די מענטשן לאכן פון דיין אויפפירונג! מען האָט מיר שוין דערציילט ווי אזוי דו ווילסט די וועלט איבערמאכן! האָסט דיר פארלייגט אויסצוטייטשן פּראָסט און פשוט דעם פסוק: „וואויל איז דעם מענטשן וואָס גייט אויפן גלייכן וועג"... וועסט דעם טריט ניט קענען איבערמאכן! דו מאכסט נאָר לאכן דעם מענטשן פון דיר! שמירסט איין די קאפּאָטע אין מעל... זיי לאכן. עס איז אַן עברה, אָפּצושפּאָטן, אָפּצולאכן פון א מענטשן. ווער איז גורם צו זייער עברה? דו אַליין!... מיט דיין אויפפי־רונג ברענגסטו צו דעם!

— זיי מיינען חלילה ניט קיין שלעכטס, רבי! עס איז זייער וועג! די מחשבה זייערע איז ניט חוזק צו מאכן, עס איז ניטאָ אין דעם קיין רשעות! . . .

— דאָס ערשטע מאָל אז דו רופסט מיר „רבי". איז פארוואָס פאָלג־סטו מיר ניט? פארוואָס שווייגסטו אַזויפיל? צייטן, זאָגט מען, גייט אוועק, ביז דו רעדסט אויס א וואָרט. אז ביזט געקומען צום רבי'ן דאַרפ־סטו פאָלגן.

— דער ניגון האָט מיר געפירט . . .

— האָסט ליב נגינה?

— אפשר...

— דאַרפסט חתונה האָבן!... אז א בחור האָט ליב ניגינה, דאַרף ער חתונה האָבן. זע מען זאָל דיר אַ שידוך ריידן!

— אַ זיווג קומט מן השמים!

— האָסט אמאָל געהאַט אַ מחשבה?...

— רבי, רבי, רבי!... איר גייט מיר אין „וועג", אויף מיין „וועג"... לאָזט מיר אליין. איך זע רבי ווי איר שלעפט ביי מיר אַ שלעכטן צאָן... איך וועל צו איר אַ שדכן שיקן. זאָל איך? . . .

דער רבי האָט אַ שמייכל געטאָן צו די חסידים: מזל טוב! מזל טוב! דעם ניגון! דעם ניגון! ניין, ניט דעם! דעם אַנדערן מיט דעם שלשלות!... אָט אַזוי, הויבט זיך לעבעדיק! לייזער נו, וואָס שטייסטו אין דער מיט?...

דאָן — דיין דאָן . . .
איין דרך . . .
איין בורא עולם . . .
לייזער, דאָן — דיי דאָן . . .
דאָן — דיין דאָן . . .

ג.

לייזער איז געלעגן אויפן האַרטן שטרוי זאַק. די פינסטערקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די פאַרפרוירענע פענסטער. ער האָט קיינמאָל ניט גע־פילט אזא מין קעלט אין די ביינער. זאָל ער אַראָפּגיין און אָנצינדן דאָס נאַכט־לעמפּל און אָנהויבן לערנען? ניין! עס איז ניט קיין צייט פאַר דעם. ער האָט איצט געפילט אַ באַגער זיך צו פייניקן, שטייט אָבער פאַר זיינע אויגן דער רבי, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע מחשבות און טייטלט צו אים מיט אַ פינגער; דאַרפסט חתונה האָבן! האָסט אמאָל געהאַט אַ מחשבה!...נו יאָ, אודאי האָט ער געהאַט אַ מחשבה! זי איז געלעגן טיף באַהאַלטן, בלויז געציילטע עטלעכע מאָל האָט זי זיך צו אים באַוויזן: זלאַטקע!

לייזער שלאָגט זיך מיט די געדאַנקען. די ליפּן האָבן דאַכט זיך

ארויסגעבערנגט דעם נאמען פון מויל. ניט שיין! א בחור טראכט ניט פון די דאזיקע ענינים... דעם רבי'נס פינגער... עס איז דאך א רמז... נו, יא, געגאנגען אינדערפרי אויפן גלייכן וועג, מיט די תפילין אונ־טערן ארעם, האט ער אן עפן געטאן די טיר, זלאטקע האט א הויב געטאן דאס איבערבעט. ער האט דערזען א מילך־ווייסע קני, נאקעט... אינגאנצן נאקעט... ער געדענקט אפילו ניט צו עס איז געווען דער געזונטער פוס אדער דער הינקענדיקער... א זינד!... מען טאר דערפון אפילו ניט טראכטן... בלויז עטלעכע מאל איז אים דער פוס געשטאנען אין די שוואר־צאפלען פון די אויגן... ער האט זיך געווערט, נאר א מחשבה האט איבער־געשלאגן:

— א זיווג קומט מן השמים!...

— ווערט די זינד געמינערט?

— זי הינקט אונטער...

— נו איז וואס? וועט זי ניט קענען גיין אויפן גלייכן וועג?... מיט א קרומען פוס איז נאך בעסער צו גיין אויף דעם גלייכן וועג.

און ווידער טראכטן די געדאנקען ביי לייזער'ן. דאס גאנצע בילד קומט ווידער פאר די אויגן: זי האט צו אים א קוק געטאן מיט קעציישע אויגן, זי האט געזען אז ער זעט ביי איר דאס נאקעטקייט... אז מען וויל זאגן זעגען זיי דאך שוין פאר'קנס'ט דורך די אויגן... זי האט צוגעדעקט... זי האט צניעות...

א פריידיקע מחשבה האט אים ארומגענומען, ער האט דערפילט מיט איינמאל א ווארעמקייט אין קערפער. איצט קען ער אויפשטיין עפעס לער־נען, ציען דעם ניגן... ער וועט יעדן טאג קענען גיין אין דרך הישר צום בית המדרש... מען וועט מער די טיר ניט פארמאכן. עס וועט זיין טיר ווערן. ער וועט מער אין וועג ניט שטיין פון זיינע שוועסטערס, וואס האלטן אין איין שרייען, אז זיין אויפפירונג וועט זיי לאזן „פארזעסן" ביזן גרויען צאפ אריין... די מאמע וועט מער ניט וויינען אויף איר ביטער מזל און אויפ־הערן שעלטן דעם טאג, וואס זי איז געבוירן געווארן און וועט דארט לאזן

ליגן דעם טאַטן אין קבר און אויפהערן אויך ריידן וועגן זכות אבות... אפשר שטערט ער זיי טאַקע? אפשר איז ער גורם אין דעם?... אפשר.

לייזער פּרוּווט זיך אַ הויב טאָן פון טאַפּטשאַן עפּענענדיק די אויגן, אין דער פינסטערקייט דאַכט זיך אים נאָך אַלץ אַז פון איין זייט שטייט דער רבי און שרייט: „מזל טוב"!... דעם ניגון!... פון דער צווייטער זייט שטייט זלאַטקע מיט די צעשויבערטע האָר און דעקט זיך צו... זי פרעגט אים דאַכט זיך: לייזער האָסט מיך גערופן? דער רבי ווערט ערנסט: זאָג איר, לייזער מען דאַרף שטעלן אַ חופּה!...

ער קנוילט זיך. עס איז ענג ממש דערשטיקט צו ווערן. ער פאַרהוסט זיך אַזש: אָבער ווי אַזוי? אַ שדכן? ניין! ער וועט אַוועק קוקן און אַ זאָג טאָן:

— זלאַטע! זלאַטע! מן הסתמא אַ זיווג!

זלאַטע וועט ענטפערן:

—אַז עס איז באַשערט!...

נו ווי דען וועט ענטפערן אַן ערלעכע אידישע טאָכטער?

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך די הענט געוואַשן און איז געבליבן שטיין ביי די פאַרפרווירענע פענסטער וואָס האָבן זיך געבלימלט מיט פראָסט. נאָר אים איז מער קאַלט ניט געווען. פּלוצלינג איז אים ווידער אַ מחשבה באַפאַלן: זאָל ער אויסשמירן די קאַפּאָטע אָדער גאָר זאָל ער אויסוואַשן די קאַפּאָטע?... אויב ער האָט שוין דעם רבי'ן נאָכגעגעבן אין איין זאַך, קען ער דאָך אים שוין איצט נאָכגעבן די צווייטע... האָט אים ווידער אַ צופּ געטאָן אַ צווייטער געדאַנק, אַ געדאַנק וואָס האָט ביי אים אין לייב אַ ביס געטאָן, פּונקט ווי עס טוט אַ ביס אַ הונט אין פלייש אַריין: עבירה גוררת עבירה! איין זינד שלעפּט נאָך די צווייטע! ניין! ער טאָר ניט אַראָפּגיין פון גלייכן וועג! ער גייט זיך דאָך אַנדערשן צוליב אַן אשה... אַ זינד! שטראָף מיר מיט בלינדקייט, נאָר נעם ביי מיר ניט אַוועק דעם דעת... פאַרבלענד מיר ניט די מחשבות! איך גיי מיין וועג... איך וויל ודערפילן דיין רצון ברענג מיר ניט צו קיין נסיון... איך וועל חתונה האָבן מיט זלאַטען, מיר וועלן קינדער ברענגען אויף דער וועלט, זי וועט מיט דער מוטער ווייטער שטיין אין

קרעמל און האנדלען, ער וועט ווייטער לערנען. און ווידער איז אים פאר־לאפן א רעיון:

און אז זלאטע וועט ניט וועלן?

— וואס הייסט ניט וועלן? עס איז דאך מן השמים!

— צווייפל איז ניט קיין אידישע מידה! בטחון! בטחון דאר־מען האבן!...

די נאכט איז ווי פארלוירן געווארן. דאס ערשטע מאל טרעפט לייזער זאל אפשטיין א גאנצע נאכט ביים פענסטער און זאל אפילו א ספר אין האנט ניט נעמען. ער האט זיך געפעדערט צו גיין אין בית המדרש אריין דאווגען. ער דארף היינט דאווגען מיט גרוים כוונה. דער רבונו של עולם פירט דאך אזוי שכל'דיק די וועלט, מען קען דאך עס ממש מיט ד'י הענט אנטאפן...

ער האט א נעם געטאן דאס תפילין זעקל אונטערן ארעם און גע־טראכט אז מען טאר מער ניט טראכטן פון זלאטען. נאר ער קען זיך ניט העלפן, ער וועט ווייטער מוזן א שטופ טאן די טיר ביי דער שכנה, ער וועט איצט ניט קוקן אין זלאטעס זייט צו איר געלעגער... ער וועט בלויז גיין זיין גלייכן וועג וואס פירט אים צום בית המדרש. ווען עס וועט באשערט זיין, וועט עס קומען.

ער האט זיך גענומען שארן ביי די ווענט פון די הייזער. א דריי גע־טאן דעם פוס אנרירנדיק אונטערוויילעכטס די קליאמקע. די טיר האט זיך אליין ווי אן עפן געטאן. עס איז געווען זי: זלאטע. ער איז געבליבן שטיין אין א פאזע ווי א גנב, דאס בלוט איז אים פארלאפן אין פנים, די דורכזיכ־טיקע שיטער צעלייגטע הערעלעך אויפן געזיכט האבן זיך ווי באוועגט אין א געיעג מיט די ליפן, וואס האבן אפילו דעם שטענדיקן „גוט מארגן" ניט גע־קענט ארויסברייגגען. ער האט אראפגעלאזט די אויגן און א פרעג געטאן:

— האסט געהאט א חלום, זלאטע?

זלאטע האט זיך מיט איינמאל געפילט ווי פארלוירן. ריטשקעלעך בלוט האבן ווי ווערעמלעך אנגעהויבן ארומלויפן איבער איר לייב. דאס ער־שטע מאל, אז לייזער רעדט צו איר ארויס אווארט. טעג און יארן ווי לייי־

זער עפּנס אינדערפרי די טיר, זאָגט גאָרניט. דאָס ערשטע מאָל הערט זי ווי ער ברענגט ארויס פאַר די ליפּן איר נאָמען. נאָך מער: ער ווייסט אין פאַר־רויס אז זי האָט עפּעס געחלומט! ניין, ניט עפּעס... נאָר טאקע מיט אים... איז דאָך אמת וואָס זי טראכט פון אים. ער האָט אין זיך עפּעס הייליקעס...

זי האָט געוואָלט שטעלן א טריט, האָט זי מורא געהאַט ער זאָל ניט דערזען דעם קורצן פוס. ער האָט אויפגעכאַפּט אירע געדאנקען:

— פון רבונו של עולם באַהאַלט מען זיך ניט! האָסט געחלומט?...

— געחלומט!...

— נו? ביזט מסכים?

— איך וויים ניט? די מאַמע...

— דער רבי האָט געהייסן!

— דער רבי?

— עס איז א זיווג מן השמים!

— אַ זיווג מן השמים, זאָגסטו?

— מזל טוב! מזל טוב, האָט דער רבי געזאָגט!

זלאַטע האָט געוואָלט אָנרירן זיין האַנט און בלויז באַוויזן אָנצורירן די שפּיץ פינגער. ער האָט זיך אָפּגערוקט:

— מען טאָר ניט! אַן עברה! שוין אַזוי אויך אַריבער דעם גדר.

זי איז געבליבן שטיין אויף א מאָמענט א פאַרשעמטע. זי איז אינגאַנצן ווי איינגעשלונגען געוואָרן פון דער גרויסער איבערלעבעניש. ענדלעך האָט זי עפּעס אַרויסגערעדט:

— איז וואָס דאַרף איך טאָן, לייזער?

— דאַרפסט תפילה טאָן!

לייזער האָט זיך ווידער א באַוועג געטאָן, א שטעל געטאָן דעם פוס טריט צום „דרך הישר" און אָנגעהויבן שטעלן די האסטיקע טריט צום בית המדרש. ער איז אַריינגעקומען, זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען מיט גרויס כוונה, ער האָט געצויגן די תפילות, די ווענט געריסן. עס האָט אויסגע־קוקט ווי לייזער גייט אומוואַרפן דאָס גאַנצע בית המדרש וואו די ווענט זענען אים קליין געוואָרן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן ציען

דעם „אחד", עס איז אים איינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען דאָס ברומען פון די איבעריקע וואָס זענען געשטערט געוואָרן דורך זיינע קולות. אפילו דאַן ווען לייזער האָט זיך שטאַרקט פאַרטיפט אָן שום באַוועגונג, האָט זיי אויך ארויסגעברענגט פון זייער געמיטלעכקייט. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן אַז עס שטייט אַ מת ניט קיין מענטש...

נאָכן דאַווענען איז נאָך לייזער געבליבן אין בית המדרש. ער האָט זיך געקליבן אַ ספר צו עפענען און אָנהויבן עפּעס לערנען, נאָר עפּעס אַ קול פון אַן אשה האָט זיך געלאָזט פון פעדער־שטיבל, אַ שטימע וואָס האָט זיך צו אים אַ ריס געטאָן דורך די ווענט, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט און בינדט זיך מיט אים איצט... עס איז פייגע פון שניט קרעמל, זלאַטעס מו־טער. ער וואָלט ניט געוואָלט איצט אין בית המדרש הערן איר שטימע, נאָר ער קען זיך ניט העלפן. איר שפּיציק קוויטשעדיק קול'עכל שרייט עפּעס אין איין אָטעם, ער הערט בלויז דעם נאָמען זיינעם:

— לייזער! לייזער!...

מען זאָל איר אַרויסשיקן לייזער'ן, וויל זי.

זי האָט דאָך אַלץ מיט אַן אַנדער איבערגעלאָזט, זי וויל הערן פון זיין איינן מויל. אזא מין בשורה!... משיח'ס צייטן!... פון מויל פליען צעשלאָגע־נע אָפּגעהאַקטע ווערטער אין איין אָטעם. די אידן וואָס רינגלען איר אַרום כאַפּן זיך ניט אויפן ערשטן אויגנבליק וואָס עס קומט דאָ פאָר. לייזער בלויז פאַרשטייט אַז עס איז פאַרבונדן מיט אים. אידן הויבן מיט די אַקס־לען, פאַרשטייען ניט וואָס פייגע איז אַזוי געלאָפן אָן איין אָטעם אַרויסצו־רופן לייזער'ן פון בית המדרש. עס איז דאָך ניט פייגע'ס טבע... וואָס א'ז געשען? וואָס טומלט זי וועגן משיח'ס צייטן? זי איז דאָך שוין עפּעס אליין אַ מין לייזער בולע וואָס מען הויבט ניט אָן פאַרשטיין...

מען הויבט אָן רופן:

— לייזער, לייזער!

לייזער פאַרטיפט זיך און קען זיך דאָך ניט פאַרטיפן. ער הערט פייגעס פּישטשעדיק קול'עכל. ער ווייסט ניט צו זי איז אין כעס צו זי איז צופרידן. ער הויבט אָן טראַכטן: זי וויל אים מביש זיין! נו איז וואָס? דרך הישר

מיינט דאָך גיין אויפן גלייכן וועג... איז אויב איך בין ניט געגאַנגען אויפן דרך הישר, מעג מען דאָך מיך מביש זיין! איך בין דאָך ווערט די שמייץ! אין עפּעס בין איך דאָך געשטרויכלט געוואָרן! פאַר וואָזשע באַהאַלט איך זיך צווישן די ספרים און טראַכט גאָר וועגן אַן אַנדער זאַך: עס איז חילול השם! עס איז עבודה זרה!...

פון דער אַנדערער זייט הערן זיך שטימען:

— לייזער בולץ! לייזער בולץ!

עס מישט זיך אוים די שטימע פון דער אשה וואָס שרייט:

— ניט אַלע מיט אמאָל! אידן, שרייט ניט! עס איז גאָרניט!... איר ווייסט ניט אַן אשה בלייבט אַן אשה!... זיך ניט געקענט דערוואַרטן! מען איז דאָך א מאמע!...

לייזער איז ארויסגעקומען. עס האָט זיך אים אוים געוואוינהייט אויסגעוויזן, אז ער גייט איצט אַריינגיין צו פייגען אין שטוב. האָט ער א דריי געטאָן דעם פוס אויפן „דרך הישר“, די גרויסע אויגן האָבן זיך ווי האַלבע לבנות א הויב געטאָן:

— גוט מאָרגן, פייגע!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, לייזער! זאָלסט זוכה זיין אָנצוזאָגן גוטע בשורות דעם אידישן פאָלק! זאָלסט אויפגעריכט ווערן און דערפרייט זאָל ווערן אַלע אידישע הערצער. עס איז אמת, לייזער וואָס זלאַטע האָט מיר געזאָגט?

— עס איז אמת!

— אָבער ווי אַזוי? כ'מיין...

— דער רבי...

— אַזוי, טאַקע אמת? דער רבי? ניסים ונפלאות! דער רבי... משיח'ס צייטן...

אַזוי ווייט האַלט עס ניט!...

— זאָגסט דאָך!... כ'מיין, זלאַטע האָט דאָך עפּעס דערציילט...

— מאַלע וואָס? ווייבער... אַ זיווג מן השמים... דער רבי האָט געזאָגט... אַ רמז...

פיינע האָט אָנגעהויבן שנייצן די נאָז ווישנדיק אַ טרער. די ליפּן האָבן זיך ניט צוגעמאַכט.

— געמיינט אַז זלאַטע דערציילט מיר מעשׂות פון די מעשׂה ביכלעך... עפּעס אַזוי אַה!... זיך ניט געקענט דערוואַרטן, איז בין איך געלאָפן... גע־וואָלט הערן פון דיין אייגן מויל... אַ שטיין איז דאָך מיר אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן... אידן מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט!...

— דער רבי האָט געזאָגט: מזל טוב!... מזל טוב! — האָט לייזער אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן.

ד.

צוויי גרויסע וועלט נייעסן האָבן אויפגערודערט דאָס שטעטל אין דער זעלבער צייט. אַ איד איז געקומען צו פאָרן און דערציילט בסוד סו־דות אַז עס איז אויסגעבראָכן די וועלט קריג. ווילהעלם מיט פראַנץ יוזעפן שלאָגן זיך שוין מיט די רוסן. פאָניע כאַפּט שוין קלעפּ. די צווייטע נייעס וואָס האָט אָנגעהויבן גיין פון מויל צו מויל און אפילו געשאַפן צדדים, איז געוועזן די געשיכטע פון לייזער בולץ מיט דער הינקענדיקער זלאַטען. די געשעעניש האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. מען האָט געהאַלטן אין איין דערציילן און איבערדערציילן, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דער „שי־דוך", מען האָט אָנגעהויבן צוגעבן צוביסלעך צו דער גאַנצער זאַך. עס האָט זיך געקאָכט און ניט געקענט איבערקאָכן. מער פון אַלע האָט זיך גע־קאָכט בעריש דער שדכן מיט דער שוואַרצער שפּיציקער באָרד. ער איז אַרומגעלאָפן מיטן פּאַראַסאָל, הויבנדיק די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע האָט ער געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע און געהאַלטן אין איין שרייען:

— עס איז עק וועלט!... אַזאַ מין מעשׂה! פּע... פּע... ניט גע־הערט געוואָרן! אידישע קינדער, אַזוי אַה, אָן אַ שדכן!... פאַר גוים פּאַסט עס! עס איז דאָך „ליובעטשקע", ליבע, שטיבע... פו... פו... פו...
זאָל עס ווערן!... אַזאַ מין זאַך?... אַרויסטרייבן פון שטאָט וואָלט מען זיי געדאַרפט!...

— נו יאָ! אזא מין זאַך!
— א שבתי צבי איז ער דאָך!
— ער נעמט דאָך נאָך צוהילף דעם רבי'ן!
— די גרעסטע אומגליקן וועט ער נאָך ביי אונז ברענגען!...

— באַלד אינדערפרי, די נקבה איז אליין אין שטוב, לייזער בולץ מיט זיינע שטיק שאַרט זיך אריין... ווער ווייסט וואָס ער האָט דאָרט אָפּגע־טאָן?... געהערט א מעשה? א בחור זאָל נעמען פאַרטאָג און קריכן צו א מיידל... און זי? נעבעך א קאַליקע, קיינער וואָלט זיך אויף איר ניט אומגע־קוקט, געדאַרפט לויטן שכל פאַרזעסן ביזן גרויען צאָפּ אריין, איז נאָדיר גאָר „ליובאָווקע"...

בעריש שדכן האָט ניט נאָכגעלאָזט. ער האָט געהאַלטן אין איין צו־גיסן אויל אויפן פייער, דערציילן אויסטערלישע געשיכטעס: מען זאָגט... מען רעדט... נאָר די אַלע זאָגעכצן האָבן מער געשטאַמט פון אים אליין. אידן און אפילו די ווייבער האָבן געלאָזט פאַלן פאַרשיידענע רעדעכצן:
— די לאָמע זלאָטע!
— הינקט אויף א פיסל... און הינקט שוין אונטער...
— „ליובאָווקע"...
— שטילע וואַסער גראָבט טיף!...
— אזא שמענדריק!
— דער משוגענער לייזער בולץ!
— דער שווייגער!... וויל דאָך אפילו קיין וואָרט ניט רעדן! קען דאָך דאַכט זיך קיין צוויי ניט ציילן!... געוווערט מיט די ליפּן און א ליבע גאָר געפירט...

— א יתומה פאַרפירט!...
— ניט סתם א יתומה, נאָר מיט א מום!...
— דאַכט זיך א אידיאָט! און זעט גאָר...
— זיצט איבער הייליקע ספרים! גייט אויף גלייכע וועגן, אויף קרומע וועגן... א וועג גאָר...
— און איר זעט דאָך: עס זענען דאָ אידן ביי אונז וואָס האַלטן אין

איין דערציילן ניסים ונפלאות... א שטעטל ביי אונז. ניט אומזיסט קומען פאַר מלחמות!... וואָס פאַר א זינד עס טוט זיך עס אָפּ אויף דער וועלט!...

מיט איינמאָל איז די וועלט מלחמה אוועקגעשטופּט געוואָרן אין א זייט. די מלחמה פון די צדדים האָט זיך צעפלאַקערט אין שטעטל. דער צווייטער צד איז ניט אָפּגעשטאַנען און געהאלטן אין איין דערציילן אויסטערלישע געשיכטעס וועגן דעם זיווג מן השמים. גאַנצע מעשה נורא׳ס זענען דאָן דערציילט געוואָרן:

— צדיקים זענען געקומען צו חלום, אזוי און אזוי...

— א בת קול פון הימל...

— מען האָט גוזר געווען, א יתומה, א אידישע טאָכטער טאָר ניט בלייבן קיין בתולה...

— עס איז דאָך מן השמים!

— א ניט וואָלט ער געגאַנגען!

— ער איז דאָך שטענדיק פאַרטאָן אין תורה. ער לערנט דאָך ביי טאָג און ביינאַכט.

— ער זעט דאָך אפילו קיין מענטשן ניט!

— ער האָט דאָך געהאַט א גאַנצן וויכוח מיטן רבי׳ן און דער רבי האָט אים געגעבן גערעכט!

— וואָדען?

— מזל טוב! מזל טוב! — האָט דאָך דער רבי אליין געזאָגט! די חסי־דים געהייסן אָפּגעבן מזל טוב... און א ניגון זינגען!

— איך האָב דאָך אליין געהערט, וואָס איז דאָ צו טראַכטן.

— די רשעים טרייבן רכילות!

— נו וואָס דען? ער איז דאָך א צדיק...

— ער האָט דאָך רחמנות אויף דער יתומה!

— נו, וואָס דען? וואָס ווייסט ער פון „ליובאָוועקע“?...

— אפשר איז ער גאָר טאקע פון די ל״ו צדיקים?

א איד האָט אפילו דערציילט א געשיכטע פון א קאָוואַל וואָס קען אפילו ניט דאַווענען, האָט מען אים אמאָל געפּאַקט אינמיטן דער נאַכט

זיצנדיק איינער אַליין און לערנען... פייער איז דאָך געגאַנגען פון זיין מויל... היינט פאַרט דאָך צו אים אַ וועלט... קראַנקע היילט ער דאָך אפילו. ווער ווייסט עס ניט?

— נו יאָ, ווער ווייסט?

— מען האָט דאָך שוין אויף זיי אויסגעטראַכט אַלדאָס בייז...

— זיי האָבן דאָך שוין אפילו געפּרואווט מיט אים רעדן!

— רעדן בלויז?

— זיי זידלען דאָך אים מיט די ערגסטע ווערטער!

— נואף!...

— זונה!...

— לייזער בולע! משוגענער הונט! האָסט דאָך אומגליקלעך געמאַכט דער קרומער זלאַטען! שבתי צבי'ניק! גולם דו! — הער אויף צו פּראָווען דיינע שטיק! זיי זיך מודה!... זעט נאָר ווי ער שווייגט! ער איז זיך דאָך מודה!... איר זעט דען ניט ווי ער שווייגט? ער ווייסט דאָך אַז עס איז אַלץ אמת!... וואָס קען ער דען ענטפערן?

— ער קוקט דאָך אפילו ניט אויף זייער זייט!

— זיי האָבן דאָך אפילו אים אין קיין כעס ניט געקענט אַריינטרייבן.

— שפיכת דמים!

— בעריש שדכן צינד דעם פייער!

— מען וואָלט אים געדאַרפט, איך וויים אַליין ניט, וואָס טאָן...

— ניט אומזיסט קומען מלחמות אויף דער וועלט.

מען האָט אָנגעהויבן רעדן אין שטעטל פון דער חתונה. מען האָט אפילו געזאָגט אַז לייזערס מוטער, ווי די שוועסטערס זיינע, זענען ניט שטאַרק צופרידן געוועזן מיטן שידוך. צו וואָס דאַרף לייזער חתונה האָבן מיט דער הינקענדיקער זלאַטען? זענען שוין ניטאָ קיין אַנדערע מיידלעך אין שטאָט? נאָר מיט לייזערן קען מען זיך ניט אויס'טענה'ן. ער נעמט און שווייגט. ער איז דאָך עפּעס אַזוי מאָדנע!... זיי ווייסן דאָך אפילו ניט אין וועמען ער איז געראָטן... דער טאַטע זיינער — ער זאָל דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן עדן — איז געוועזן אַן ערלעכער און פרומער איד. בלויז אַ שטיקל

עקשן. לייזער איז דאָך אינגאַנצן אַ שווייגער. מען ווייסט ניט וואָס ער וויל און ווי מען האַלט מיט אים?

אַט שטייט מען שוין פאַר דער חתונה. מען זאָל עס הערן פון אים אַ וואָרט? די אייגענע פאַמיליע ווייסט דאָך רעכט ניט ווי אַזוי עס איז צו־שטאַנד געקומען דער שידוך... לייזער בולץ האָט בלויז אַ זאָג געטאָן:

— די אָרעמעלייט זאָל מען איינלאַדן!

האָט מען מורא געהאַט פאַר לייזער בולצ'ן, ער קען נאָך אָנהויבן פּראַווען זיינע שטיק ביי דער חתונה, האָט מען טאַקע צוזאַמענגערופן די אָרעמעלייט, כאָטש פּייגע, דער כלה'ס מוטער, האָט געהאַלטן אין איין געוואַלדעווען אַז מען וועט איר בדיל הדל שטעלן... זי קען ניט, זי וועט שוין באַלד אַליין דאַרפן אָנקומען צו דער שטאָט. דאָך איז געקומען צו אַ שטיקל גערודער אויף דער חתונה, וואָס האָט זיך קוים איינגעשטילט און ערשט דאַן ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין, נאָך דעם ווי דער בדחן האָט „אויסגראָבן" די אבות פון די יתומים, די חתן־כלה. די ווייבער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ גרויסן געוויין, ווישנדיק מיט די טיכלעך די אויגן, האָט מען געהאַלטן אין איין קרעכצן און זיפצן, ביז, דער בדחן האָט אַווינק געטאָן צו די כלי־זמרים, אַז עס הויבט זיך שוין אָן די פריילעכע זייט.

די סעודה איז געווען אָן אָרעמע. די אָרעמעלייט האָבן זיך געהאַלטן אין איין קאָכן און שרייען:

— צו וואָס האָט מען אונז איינגעלאַדן? קוקן ווי מען פרעסט?
— מען גיט דאָך ניט קיין עסן?
— דאָס איז חתונה מאכלים?
— וואו זענען די גענז?
— די קאָטשקעס? די הינער?
— גאָרניט! גאָרניט!

עס האָבן זיך אַפילו געפונען אַזעלכע אָרעמעלייט וואָס האָבן אָנגע־הויבן אָרָאָפּכאַפּן לעקעך פון די טאַצן בשעת מען האָט געטראָגן צו די געסט. פון די פּילמיסקעס האָבן זיי געצויגן גאַנצע הערינג, וואָס זענען גע־גאַנגען צו די געסט און ניט דערגאַנגען... די מחותניסטעס האָבן געהאַלטן

אין איין קנייפּן זיך ביי די באַקן, אז זיי וועלן עס ניט אויסהאַלטן, זיי נעמען איין חרפּות און בושות... עס איז א פאַרשטערטע חתונה... פון וואַנען האָבן זיך עס גענומען אַזויפיל שלעפערס?...

פון ערגעץ א ווינקל האָט מען געקענט הערן ווי א טייל געסט טוען זיך א זאָג: א חתונה פון שנאָרערס... נאָר לייזער בולץ איז עס ניט אַנגעגאַנגען. ער האָט בלויז געטראַכט אין זיין „דרך הישר”, צו איז ער אמאָל ניט מיט עפּעס אַראָפּגעגאַנגען פון גלייכן וועג. אָט טאַקע ביי דער חופּה, ביי דעם „הרי את”, ביים אַרומדרייען זיך, צו האָט ער זיך אמאָל ניט אויסגעגליטשט?... א שטופּעניש פון אידן, אז עס איז דעם טריט שווער געווען אויפצוהאַלטן. לייזער זיצט ביי דער סעודה, פאַרזוכט קוים פון דעם עסן. ער טראַכט גאָר איצט: ווען ער קען זיך איצט באַפרייען, וואָלט ער זיך געזעצט איבער א ספר. ס'וואָלט ניט געשאַדט ווען ער זאָל איצט קענען א לערן טאָן „קדושן”... נאָר מען דאַרף היינט אַ מאָן זיין צו זלאַטען... ער כאַפּט א קליינעם קוק אין איר זייט: זי זעט דאָך טאַקע אויס ווי א כלה מיידל. מלא חן! ער דערמאָנט זיך: די קני... ער האָט געזען פאַר דער צייט! די עברה בלייבט עברה? אָדער...

עס לויפט פאַרביי א נייע מחשבה ביי לייזערן: ווען דער רבי וואָלט איצט געווען אויף דער חתונה, וואָלט ער דאָך געגעבן עפּעס אַ רמז... עפּעס איז ניט אינגאַנצן קלאָר דער „דרך”... ער דאַרף שוין באַלד מקיים זיין די מיצווה, ער דאַרף באַמאַנען די אשה וואָס ער האָט איצט מקדש געווען... עס איז דאָך דער אָפּגרונט פון זינד און מען דאַרף וויסן ווי זיך נוהג צו זיין!... א ניט קען מען געשטרויכלט ווערן... דער יצר הרע מיטן יצר טוב שטייען ביי דער זייט און שלאָגן זיך... דער יצר הרע וויל דערמאָלסט זיין דער הויפּט מחותן... עס איז שווער ביייצושטיין דעם נסיון. ווי אַזוי דאַרף איך זיך נוהג זיין צוצוהאַלטן זיך ביים יצר טוב... מען קען דאָך בלאָנדזשען... איך בלאָנדזשע דאָך שוין! וואו איז דער דרך הישר, דערבאַרעמדיקער? לאָז מיר ניט אליין אין אזא מין שעה... דער אָפּגרונט איז גרויס און טיף, איך בין בלינד און זע ניט דעם וועג... ווייז מיר דעם שונא כאַטש, וועל

איך וויסן זיך צושלאָגן; ווייז מיר די געפאר, וועל איך זיך וויסן ווי אנט־קעגנצושטעלן!...

ח.

די קריג האָט זיך דערנענטערט צום שטעטל. די צארישע ארמיי האָט געליטן איין מפלה נאָך דער אנדערער. זיי האָבן גענומען אָפטרעטן אין גרוים אייַלעניש. וואו זיי האָבן געמוזט אָפטרעטן, האָבן זיי גענומען אונטער־צינדן די הייזער. די רוסן ווארפן די שולד פון זייערע מפלות אויף די אידן, אז זיי זענען שפּיאָנען. דער פראָנט האָט זיך שוין אויך דערנענטערט קיין רייוויץ, עס הערן זיך שוין טיילווייז די שיסערייען וואָס ווארפן אָן א שרעק אין שטעטל וואָס ווארט אויף דער אויסלייזונג...

לייזער בולץ איז אויפגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען גוט פינס־טער. ער האָט ארויסגעשפאצירט אין דער פינסטערניש און זיך אוועקגע־שטעלט ביי איינעם פון די טעלעגראַפן סלופעס, זיך צוגעהערט צום שטילן גערויש און זיך פארטיפט אין זיינע מחשבות:

— די פעלקער שלאָגן זיך צווישן זיך און אלע שלאָגן דעם אידן!... עס זענען שטענדיק געווען מלחמות אויף דער וועלט און עס וועלן זיין, ביז עס וועט קומען משיח! משיח וועט קומען ווען די וועלט וועט ווערן אינגאנצן גוט אָדער אינגאנצן שלעכט... אפשר איז דאָס טאקע די לעצטע מלחמה פון גוג און מגוג?... מען קען אמאָל פארשלאָפן.

דאָס באָמבארדירן ווערט שטארקער, פון דער פינסטערניש לויפן אָן עטלעכע רוסישע סאָלדאטן, זיי קוקן דורך דער פינסטערניש און זעען ווי עפּעס א מענטש שטייט ביים טעלעגראַפן סלופּ און רעדט עפּעס צו אים אין דער שטיל. ער מאכט אפילו דאכט זיך מיט די הענט. די קאַפּאָטע באַוועגט זיך.

— א זשיד!

— א זשיד?

— די זשידעס זענען דאָך אלע שפּיאָנען!

— נו יאָ, ער גיט אוראי איבער דורך דעם טעלעגראפן סלופּ.

— אָבער ווי אזוי?

— ביי א איד זאָלסטו ניט פרעגן!... די זשידעס קענען אַלץ.

זיי זענען צוגעקומען צו לייזער בולצ'ן, אים אָנגעהויבן שלאָגן און זידלען.

— ביזט א שפּיאָן, זשיד!

ער האָט געשוויגן. ער האָט ניט געשוויגן, בלויז גערעוועט דורך די ליפּן ווערטער וואָס זענען פאר זיי אינגאנצן געווען אומפארשטענדלעך. איינער האָט א זאָג געטאָן מיט כעס:

— ער מאכט זיך דאָך ווי ער וואָלט געווען אַן אידיאָט!

א צווייטער האָט ווידער לייזערן געגעבן א זעץ אין פּנים:

— נו זאָג, אידיאָט, וואָס טוסטו דאָ? וואָס שווייגסטו? ביזט א שפּיאָן! האָסט דאָ איצט איבערגעגעבן צו די דייטשן! זאָג, ווי אזוי מאכסטו עס? זאָג, ווען ניט וועלן מיר דיר דער'הרג'ענען!

— מיט גאָט האָב איך גערעדט?...

— וועמען ווילסטו דאָ פארערדן די ציין, דו זשיד!

און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן קלעפּ פון אלע זייטן. איינער האָט אָנגעשטעלט די ביקס, א צווייטער האָט אים אָפּגעהאלטן:

— שיס נאָך ניט! מיר מוזן ביי אים ארויסקריגן ווי אזוי ער האָט זיך צוזאמענגערעדט מיטן שונא!

— שוין זאָלסטו זאָגן, אז ניט שיסן מיר!

— שוין געזאָגט!

— צום טייוול מיט דיר! פּראוועסלאווגע בלוט גיסט זיך צוליב דיין שפּיאָנאזש! מיר וועלן דיר אויך שטיקער צושניידן! אלע אידן וועלן מיר אויס'הרג'ענען!...

לייזער האָט זיך א צאַפּל געטאָן:

— איך בין געגאנגען מיין וועג! אויפן גלייכן וועג!...

— וויגן וועלכן וועג רעדסטו? וואָס פּלאַפּלסטו דאָרט? אלע אידן וועלן מיר אויסשיסן!

לייזער האָט אַ הויב געטאָן די הענט אין דער הויך, ער איז געווען זייער שוואַך, דאָס פּנים איז שוין געווען אָנגעשוואָלן, פון נאָז האָט געראָנען אַ ריטשקעלע בלוט. ער האָט זיך געפּרואווט שטאַרקן, נאָר די פיס זענען שוואַכער געוואָרן. ער האָט געפּרואווט זיך צוהאַלטן אין סלופּ ניט אומצופאַלן. די סאָלדאַטן האַלטן אין איין שרייען און שעלטן:

— זאָלסט זאָגן! זיי זיך מודה!

לייזער טראַכט אפילו ניט אין דעם. ער טראַכט בלויז אין „דרך הישר” וואָס ער איז געגאַנגען און צוליב דעם שרייען זיי אַז זיי ווילן אויסשעכטן אַלע אידן. ער האָט דאָך שטענדיק געבעטן דעם רבונו של עולם אַז ווען די שעה וועט קומען, זאָל ער שטאַרבן מיט אַ ברכה אויף די ליפּן, איז אויב עס איז איצט באַשערט? אָבער די אידן? צוליב אים? פאַרוואָס קומט עס אים?...

ער גרוילט אויף פון דעם געדאַנק: עס איז דאָך אַ זינד אַזוי צו טראַכטן? ווי קומט גאָר צו אים אַזעלכע מחשבות? וואָס הייסט שטעלן קשיות דעם אויבערשטן? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען ער גאָר האָבן טענות צו אים? ער וואָלט אים עפּעס יאָ געוואָלט בעטן: מען זאָל אים לאָזן אַ קוק טאָן אויף זלאַטען, דערנאָך אָנטאָן דעם טלית און תפילין און כאָטש אָפּדאַוונען.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן. די טרויעריקע בשורה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין שטעטל. אַלע זענען געווען אין גרויס ציטערניש און געטראַכט אין דער שוואַרצער כמאַרע וואָס האַלט זיך אין פאַרשפּרייטן. פון ווייטנס האָט זיך געהערט די קאַנאָנאַדע פון שונא. די רוסישע סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן שנעל אַנטלויפן. זיי האָבן בלויז באַוויזן אויסצושיסן אין לייזער בולצ'ן. די טירן זענען געווען פאַרהאַקט.

לייזער בולץ איז געבליבן ליגן אין אַ ריטשקעלע בלוט. די כוחות האָבן אָנגעהויבן אויסגיין. די גרויסע אויגן, קוקן אַריבער, זוכן עפּעס. פון דער ווייטנס זעט ער ווי עס לויפט זלאַטע מיטן הינקענדיקן פוס, זי שרייט עפּעס צו אים, ער פּרואווט אַ שמייכל טאָן, ער קוקט אויפן שפּיציקן בויך, דער

יורש... ער וועט הייסן לייזער! עס וועט מיט גאָטס הילף זיין א זכר. ער וואָלט איר נאָך געוואָלט עפּעס אָנזאָגן...

ער פּרואווט זיך צו האלטן מיט אלע כוחות... צו קבר ישראל דארף מען אים ברענגען! יאָ, זי זעט אים! דאָס איז אַז מען גייט אויפן גלייכן וועג!... אַז מען גייט אויפן גלייכן וועג, מוז מען אים געפינען!... ער האָט ניט געוואָלט אזא מין טויט, נו איז וואָס? מען קען זיך דען אויסביטן? האָט ער דען וויניק געזינדיקט?...

מיט איינמאָל האָט ער דערפילט אז עמיץ נעמט אים ארום און הויבט אים אָן פירן ביי דער האנט, ערגעץ ווייט אין די הויכקייטן. ער טוט א קוק עס איז דער פאָטער. די שטימע רעדט צו אים:

— קום מיין קינד! מען וואַרט אויף דיר! וואָס נעמט עס ביי דיר אזוי לאנג? האָסט דאָך געבענקט... ס'שטייט פאַר דיר גרייט... יאָ, זלאטע, וועט האָבן א בן זכר, לייזער וועט ער הייסן... האָסט מער ניט וואָס צו וואַרטן...

די דייטשן מיט די עסטרייכער זענען אריין אין שטעטל. לייזער האָט געהאט די שענסטע לויה. דאָס גאנצע שטעטל איז מיטגעגאנגען און גע־וויינט אויפן טויט פון קדוש, וואָס איז אזוי יונג און אומשולדיק אומגעקו־מען. ווען לייזער איז געשאָסן געוואָרן איז ער בלויז 23 יאָר אלט געוועזן. מען האָט באַדויערט די אלמנה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אנדערע אומשטענדן, וואָס איז, איר צו לאנגע יאָר, אינגאנצן עלטער געוועזן פון אים מיט צוויי יאָר.

דערציילט האָט מען דערנאָך אין שטעטל א גאנצע געשיכטע. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואנען מען האָט זי גענומען אָדער ווער עס האָט זי דערציילט, נאָר איבערדערציילט האָט מען זי פאַר יאָרן, ווען נאָר מען האָט עפּעס דערפילט א געפאַר פאַר די אידן.

די סאָלדאַטן זענען געקומען אינמיטן דער נאכט אומברענגען די אידן פון שטעטל, האָבן זיי אָנגעטראָפן לייזער בולצ'ן, האָט ער זיי פאַררעדט. און

אזוי ווי זיי האָבן געמיינט, אז זיי האָבן דאָ אָנגעטראָפן אויף דעם ריכטיקן שפּיאָן, האָבן זיי ביי אים אָנגעהויבן פאָרשן. עס איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו וויסן ווי אזוי ער רעדט זיך צוזאמען מיט שונא... דערווייל האָט זיי אָנגעיאָגט די דייטשישע אַרמיי. זיי האָבן בלויז באַוויזן אויסצושיסן אויף ליי־זערן... ווען ניט לייזער בולץ וואָלטן זיי דאָס גאַנצע שטעטל געוועזן אומגע־בראַכט... ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט וועגן דרך הישר... אפילו צו זיי האָט ער אויך גערעדט וועגן דרך הישר... אַ מענטש דאַרף שטענדיק גיין אויפן גלייכן וועג... וואויל איז דעם מענטש וואָס גייט אויפן גלייכן וועג...

דער זיידע

א.

די באָבע האָט אַ קוק געטאָן דורך דעם שליסל־לאָך און צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ שמייכל:

— יאָ, איר קענט אַריינגיין!

געזאָגט האָט זי עס צו בערל בעקער, וואָס איז געקומען איינמאָנען דירה געלט ביים זיידן און איז געשטאַנען אַ האַלב פאַרלוירענער מיט יראת הכבוד, וואַרטנדיק אויף דער באָבעס שאָקל מיטן קאָפּ. ער האָט שוין אפילו געוואוסט, אַז די באָבע איז זיך זעלטן טועה און עס איז גענוג, אַז זי זאָל בלויז אַ קוק טאָן דורכן שליסל־לאָך צו וויסן צו דער זיידע איז איצט ניט דורכגענומען מיט כעס. די באָבע האָט שוין אירע סימנים. איז דער זיידע געזעסן איבערן ספר און דער שטערן איז געווען שטאַרק פאַרקנייטשט, האָט זי אַליין אויך זיך ניט געטאָרט באַווייזן, אפילו אין די אַנדערע צימערן פון דער גאַנץ גרויסער וואוינונג האָט געמוזט זיין שטיל, דאַן האָט מען אפילו דער באָבעס טריט ניט געהערט. ער האָט אפילו ניט געמעגט לערנען, נאָר בלויז זיצנדיק ציען אַ האָר פון דער האַלב פאַרוויסטער באָרד, האָט דער שטערן עדות געזאָגט אַז מען טאָר איצט ניט שטערן. בלויז דאַן ווען די רויטע פאַטשיילע איז געלעגן אויף די אָפענע בלעטער פון ספר האָט מען געקענט אַריינגיין. מען האָט בלויז געדאַרפט וויסן נאָך איין קלייניקייט, ווי אזוי דער זיידע ציט די ליולקע. די באָבע האָט שוין דערקענט אין די שלענגלעך רויך. אויב דער זיידע האָט פון זיך געבלאָזן דעם רויך האָט מען זיך ניט געטאָרט באַווייזן, דאַן שלאָגט מען אים איבער די שווערע מחשבות, דאַן האָט ער באַגעגנט מיט אַ כעס און אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם דרך ארץ וואָס איז פון מענטשן אַוועקגעגאַנגען... אויב די שלענגלעך רויך

האָבן זיך געדרייט ארום זיין פּנים און ער האָט זיך אין זיי אליין געשפּיגלט, האָט מען געקענט אריינקומען.

דער זיידע האָט ספּעציעל ניט שטאַרק ליב געהאַט בערל דעם בעקער, ניט חלילה דערפאַר ווייל ער האָט עפּעס געהאַט אויסצוזעצן קעגן אים. פאַר־קערט: בערל בעקער האָט זיך געדרייט אין דרייען ווען ער איז געשטאַנען פאַרן זיידן... ער האָט עס אפילו געהאַלטן פאַר אַ כבוד דאָס וואָס דער זיידע וואוינט אין זיין דירה שוין מכּמה יאָרן. עס איז אפילו אַ סברה, אַז בערל בעקער האָט ספּעציעל געקויפט די דאָזיקע דירה.

אַ גאַנץ יאָר האָט זיך דער זיידע ניט אומגעקוקט אויף בערלען, ניט גע־קוקט אים אין פּנים אריין ווען ער האָט אים אויסגעציילט דאָס געלט, בלויז ווען עס איז אויסגעקומען אין די ימים נוראים טעג האָט זיך דער זיידע אויפ־געשטעלט, אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין און אפילו געשמייכלט געבנדיק אים איינמאָל די האַנט און אַ צווייט מאָל לייגנדיק אים די האַנט אויפן אקסל ווי ער וואָלט אים געבענטשט. בערל האָט דאַן געטראַכט: ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן קיין געלט וואָלט ער אַוועקגעשאָנקען דאָס דירה געלט... נאָר דאָס האַרץ דערלאָזט ניט... און פּונקט צו לחכעיס נעמט דער זיידע און טראָגט אזוי פריינטלעך אַנקעגן דאָס געלט און דאַנקט נאָך, שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּן אַזעלכע ווערטער וואָס זענען פאַר בערלען אומ־פאַרשטענדלעך. עפּעס בלויז כאַפּט ער אויף:

— רב בער, מען טאָר ניט בלייבן קיין בעל חוב צו די ימים נוראים!... גוט וואָס איר זייט געקומען!

און נאָך מער, דער זיידע בעט זיך גאָר ביי בערלען:

— זייט מוחל רב בערל טאָמער האָב איך אייך אַמאָל ווי געטאָן! מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. איר פאַרשטייט? אַמאָל אַ מחשבה... איי דער מענטש... שוועד, זייער שווער ניט צו זינדיקן, נאָר ער איז אל רחום וחנון... האָט קיין פאַריבל ניט. דערנאָך פרעגט דער זיידע וועגן געזונט און פּרנסה און צו עס פאַלט אים שווער די אַרבעט נעבעך...

דער בעקער שטייט אַ האַלב פאַרלוירענער, ער וויל עפּעס זאָגן, צוריק־ווינטשן, די ליפּן שעפּטשען אַ פאַרלוירענעם „גם אתם", וואָס איז ניט שטענ־

דיק אויפן פלאַץ. נאָך מער: דער זיידע באַגלייט אים צו דער טיר ביז די באָבע כאַפּט אים אויף אין פעדער הויז און באַגלייט אים מיט אַן אַ שיעור ווינטשעוואַניעס וואָס זענען פאַר אים אַן אויסטייטשונג פון זיידנס ברכות. עס איז אפילו אַ סברה, אַז בערל בעקער קומט ספּעציעל אין די ימים נוראים טעג, ווייל ער וויל אַ חוץ דירה געלט אויך אריינכאַפּן אַ ברכה צום נייעם יאָר פון זיידן. עס גייט אים נישט שלעכט מיט דעם זיידנס ברכות...

נאָך דעם אָפּצאָלן דאָס דירה געלט פילט זיך דער זיידע אַ שטיקל באַ־פרייטער פון זיין שטילן כעס וואָס ער טראָגט אַ גאַנץ יאָר אויפן בעקער. וואָס איז ער דער בעקער שולדיק וואָס דעם זיידן קומט אזוי שווער אָנצו־קלייבן דאָס דירה געלט און דערפאַר קומט אויס, אַז זייער אַ סך מאָל שלאָגן זיך איבער די געדאַנקען ביים לערנען און דער פּאַרמעליקטער בערל גנב'עט זיך אריין אין די רעיונות... דער זיידע טוט אַ זיפץ, אַ מחשבה גייט פאַרביי און ווערט גלייך נעלם:

— אַן אייגן דירה'לע, רבונו של עולם! מען זאָל קענען זיצן און לערנען און ניט דאַרפן אונטערזינדיקן... פּרנסה גיסטו דאָך ווי יעדן באַשעפעניש, אַן אייגן ווינקל וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, ניט צו דאַרפן טראַכטן וועגן בערלען... וואָס איז ער דען שולדיק?...

דער זיידע איז איינגעשלאָפן און ניט געוואוסט ווען די מחשבות האָבן זיך געביטן.

ב.

דער זיידע האָט פיינט געהאַט ווייבער. די באָבע בלויז האָט געוואוסט אַז עס איז ניט אמת. אַ סימן זי אַליין... נאָר דאָס איז דאָך כדאת משה וישראל. ער האָט בלויז פיינט געהאַט די שטימע פון פרעמדע ווייבער. יע־דעם מאָל וואָס ער האָט ביי זיך אין חדר מיוחד דערהערט אַ שטימע פון נשים האָט ער אָנגעהויבן העכער צו לערנען און אין צווישנצייט אַרויס־שרייען, נו אָהה... נו אָה... געהייסן האָט עס, שטיל זאָל זיין!... פאַר דער באָבען איז עס אפילו געווען אַ שטיקל וואַרענונג. און טאָמער האָט נאָך דעם די נשים שטימע ניט אויפגעהערט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון פּלאַץ

און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, איר אָן עפן געטאָן און באַלד פאַרמאַכט מיט אַ גרויסן קלאַפּ. דאַן איז אַלעס מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן. די באָבע האָט אָנגעהויבן גיין אויף די שפּיץ פינגער אָנשטעקנדיק דערמיט די אַנדערע ווייבער... די אַנדערע ווייבער האָט ניט שטענדיק געמיינט פרעמ־דע ווייבער, די אייגענע טעכטער, די אויסגעגעבענע, האָבן אויך געהייסן „פרעמדע ווייבער". אַז דער זיידע האָט געדאַרפט ארויסגיין זיך מכין זיין האָט ער אָנגעהויבן אונטערהוסטן און גראַבלען ביי דער טיר, האָט עס די באָבע דערהערט און איז באַלד אויסגעוואַקסן ביי דעם אַדורכגאַנג. מיטן גרעסטן יראת הכבוד האָט זי אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט שעפּטשענדיק אין דער שטיל, אפילו צו די אייגענע טעכטער:

— קינדערלעך, דרייט זיך אַביסל אַוועק, גייט אריין אין אַנדערן צימער. דער טאַטע דאַרף פאַרבייגיין!

די אייגענע טעכטער האָבן אָנגעהויבן רוקן אינסטינקטיוו די שייטלען, וואַרפנדיק אַזוי די בליקן, אַז דער זיידע זאָל זיי באַמערקן און אפשר זיך אָפּשטעלן און פרעגן וואָס מען מאַכט.

אַ סך מאָל איז אַ טאָכטער געקומען צוגאַסט, געוואָלט אריינגיין צום זיידן מיט די קינדער ער זאָל זיי בענטשן, נאָר די באָבע האָט אָפּגעהאַלטן, אַ צי געטאָן אַ פינגער ביי די ליפּן מיט ששש... שאַ... זי האָט פריער אריינגע־קוקט דורכן שליסל־לאָך, ווייל דער זיידע האָט ניט ליב, אַז מען שלאָגט אים איבער ביים לערנען. און טאָמער איז ער איבערגעבויגן איבער צוויי ספרים מיטאַמאָל קען אפילו מלכות ניט אריינקומען. דער זיידע האַלט פון זיך אַ וועלט און ווייסט, אַז די באָבע קוקט צו אים ארויף. שטיל ביי זיך אין האַרצן איז ער איר דאַנקבאַר דערפאַר וואָס זי מיידט אויס ער זאָל גע־שטערט ווערן אין זיין לערנען. אַז ער פאַרטראַכט זיך אין ענין עולם הבא ווייסט ער, אַז ער איז עגאָאיסטיש, ער שלאָגט זיך אליין מיט דעם דעה צו זאָל ער עפּעס אראָפּגעבן פאַר איר און שטענדיק זיגט די צווייטע מחשבה... פון זיין טייל גאָרניט... זי האָט געענוג מיט איר טייל... זי איז דאָך שטענ־דיק פאַרנומען מיט צדקה, עס דרייען זיך ארום איר אָן אַ שיער ווייבער און שטענדיק לויפט זי ארום איבער דער שטאָט מיטן פאַרטוך און אַלעמאָל

הערט ער ווי אַ אידענע צעכליפּעט זיך און דאַנקט דער באָבען און ווינטשט איר עולם הבא. ער ווערט דאַן אין כעס אויף די געשרייען און הויבט אָן קלאַפּן אין ספר אריין: נו, נו... שו... שש...

דער זיידע האָט ליבער די גבירישע טעכטער מיט זייערע מענער און קינדער. זיי, אַז זיי קומען אריין, פרעגט ער זיך אויס וואָס מען מאַכט און וואָס איז מיט דער פּרנסה? און די קינדער פרעגט ער וואָס זיי לערנען? די אָרעמע פרעגט ער בלויז וואָס מאַכסטו? און קוקט אין אַ צווייטער זייט. די קינדער גיט ער ניט קיין קניפּ אין בעקל, לייגט די האַנט אויפן אַקסל און טוט אַ זאָג ווי א פאַרוואורף: זאָלסט בעסער לערנען! מען דאַרף צולייגן דעם קאָפּ... נאָר דאָס אליין איז שוין אויך גענוג פאַר די אָרעמע... זיי קענען אים שוין אַלע און פאַרגעטערן אים. די טעכטער הויבן אָן צו ציען די קינדער פאַרן אַרבל, ניט צו שטערן דעם זיידן. דער זיידע לאָזט אריין טיף די האַנט אין דער הויזן קעשענע און טיילט פּרוטות די קינדער.

אַז אַן אָרעמע טאָכטער איז אַמאָל אַנטלאָפן מיטן מאַן קיין אַמעריקע, האָט דער זיידע צוזאַמענגערופן די איבעריקע קינדער, קריעה געריסן און אַלעמען אָוועקגעזעצט שבעה און אָנגעזאָגט מער ניט דערמאָנען דער פאַר־שטאָרבענער טאָכטער. דער באָבען האָט ער געהאַלטן אין פאַרוואַרפן, ווי זי וואָלט געווען אַ שטיקל שולדיקע אין דער פאַרשווערונג. יאָרן זענען פאַרבייגעגאַנגען, בריוו זענען אָנגעקומען און זענען צעריסן געוואָרן אומ־געעפנט. די באָבע האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, געוואָלט עפענען אַ בריוו און אַלץ מורא געהאַט. זי האָט אָנגעהויבן איינדאַרן נאָך מער, די באַקן זענען איינגעפאַלן געוואָרן. יעדעס מאָל ווען זי האָט דערמאָנט דעם זיידן וועגן די בריוו איז ער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און געסטראַשעט מיט אַ גט...

דעם ערשטן בריוו וואָס די באָבע האָט ניט אויסגעהאַלטן און זי האָט אים אויפגעעפנט, האָט ביי איר דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. אויסגעוויזן האָט זיך איר ווי זי וואָלט באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן זיידן... עס האָט זיך איר געדאַכט אַז דער יצר הרע האָט אָנגעהויבן ביי איר גע־וועלטיקן און איר געלייגט מיט אַ פרעמדן מאַנספאַרשוין...

ג.

נאָך דעם ווי עס זענען אַראָפּגעקומען די צוויי „דעלעגאַטן" איבערשמוע־עסן מיטן זיידן מכה דער רייזע קיין אַמעריקע צו דער רייכער טאָכטער, האָט זיך דער זיידע מיט זיי שטאַרק פאַרנאַנדערגעשמועסט וועגן די ישיבות, וועגן די רבנים וואָס וואוינען שוין אין אַמעריקע און די וואָס פאָרן. די דעלע־גאַטן האָבן גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענער מלחמה און וויפל אידן די רשעים האָבן אומגעבררענגט און ווי די נייע וועלט נעמט אויף די אידן, אַלע מענטשן זענען גלייך, אַ איד קען אפילו ווערן אַ פּרעזידענט... די דעלעגאַטן האָבן אויך דערציילט וועגן דער גרויסער עשירות פון דעם איידעם וואָס האָלט אליין אויס אַ שולכל, אפילו די אַרבעטער קומען שבת דאַוונען. דער זיידע האָט נאָך אַלץ אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט... בלויז די באָבע האָט עס גלייך אויפגעכאַפּט אַז דער זיידע איז איינגעבראָכן. זי האָט אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט צו די דעלעגאַטן אונטער דעם זיידנס פּלייצע, צו־שאָקלענדיק מיטן איינגעדאַרטן געמבקעלע:

— נו, נו! מען וועט מיט גאָטס הילף זען די קינדער!

די דעלעגאַטן האָבן צוגעגעבן:

— זיי קלויבן זיך אַריבערצונעמען די גאַנצע משפחה!

— אַלע קינדערלעך וועלן נאָך זיין צוזאַמען! משיח'ס צייטן!... — האָט די באָבע אַ שמייכל געטאָן מיטן געקאָרבטן געזיכט.

דעם זיידן האָט עפּעס אַ ברי געטאָן. צופיל פרייד דאַרף אַ איד ניט אַרויסווייזן האָט דעם זיידן פאַרדראָסן אויף דער באָבעס פרייד. ער האָט דערפאַר זיך נענטער צוגערוקט צו די דעלעגאַטן און זיי גענומען פאַרהערן אין תורה. זיי האָבן גענומען גלעטן די לאַנגע בערד דרייענדיק די פּיאות האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פּלייסן פאַרן זיידן אַזוי אַז פון אַ „דעפּענסיווע" זע־נען זיי אַריבער אויף אַן „אָפענסיווע"... דעם זיידן איז עס אפילו ניט אָנ־געשטאַנען, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון פּלאַץ, איז צוגעגאַנגען צום אַלמער און אַרויסגענומען דאָס שבת'דיקע שטריימל און עס אָנגעהויבן אויספּוצן, די צוויי דעלעגאַטן האָבן אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך דער זיידע זאָל

הערן: מחשבה פון גאווה איז ערגער ווי גאווה אליין... גאווה זעט מען און א מחשבה באהאלט זיך...

דער זיידע האָט פאַרשטאַנען זייער רמז, ער האָט בלויז ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אידן וואָס קומען פון אַ זינדיקן לאַנד זאָלן זוכן אַ שטראָף צו טאָן!... ווי אַזוי האָבן זיי ביי אים אָנגעטאַפּט די מחשבה?... ער האָט דאָך געפילט אַז ער איז איינגעבראָכן.

גאַנצע טעג האָט מען זיך ביים זיידן אין שטוב געאַמפּערט וועגן „לא תעשה לך פסל". דער זיידע האָט געהאַלטן אין איין אָנווייזן, אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין בילד פון זיך. עס איז צלם אלוקים... מען האָט געמישט אין ספרים, מען האָט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל איבערגערעדט, אַז מען דאַרף האָבן אַ פּאַספּאָרט און אַ פּאַספּאָרט מוז האָבן אַ בילד, נאָר דער זיידע איז געבליבן איינגעעקשנ'ט. ער וועט ניט פאָרן קיין אַמעריקע! עבֿרה גוררת עבֿרה!... ניין, ער וועט גאָרניט פאַרבייגיין. עס איז אפילו געפונען געוואָרן דאָס וואָס מען דאַרף!... דער זיידע דאַרף ניט וויסן ווען מען פאָטאָגראַ־פירט. טאַקע וואָס איז דער זיידע שולדיק וואָס דאָרט שטייט עמיץ און קוקט אויף אים און גיט עפּעס אַ מאַך מיט דער האַנט אויף אַזאַ מאַשינקע? דער זיידע קוקט דאָך ניט דירעקט!... ער ווייסט דאָך ניט ווען מען וואַרפט אויף אים דאָס אויג...

מען האָט טאַקע דעם זיידן ניט געזאָגט אַז מען פירט אים צום פאָטאָ־גראַפיסט, ער האָט אויך גאָרניט געזאָגט און זיך ניט געמאַכט ווייסנדיק אפילו דאַן ווען איינער פון די דעלעגאַטן האָט אַ זאָג געטאָן:

— זייטשע מוחל טוט אוים דאָס שטריימל... די יאַרמולקע בלויז טוט אָן!... עס איז מלכות דאָ...

פאַרן זיידן איז עס געוועזן אַ גרויסע איבערלעבעניש. צייטנווייז האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך שוין איבערגעאַנדערשט, עפּעס נעמט אים שוין ניט דאָס קול אַ געשריי צו טאָן אָדער אַ פאַרמאַך צו טאָן די טיר ווען ער דערהערט דאָרט דאָס רעדן פון די נשים. ער האָט זיך אליין גע־פּרוּווט מוסר זאָגן, אַז עס פּאַסט ניט אויף די עלטערע יאָרן אַראָפּצוגיין פון דרך הישר... וואָס זאָגט די שטאָט? אפשר האָבן זיי שוין אינגאַנצן צו

אים פארלוירן דעם דרך ארץ?... נאָך מער איז אים געקומען אויף די גע־דאנקען ווען ער האָט געהערט אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ברית און מען האָט צו אים ניט געשיקט ער זאָל אָנטאָן דעם כבוד צו זיין דער מוהל. ער דערמאָנט זיך די צייט ווען ער האָט אָנגענומען צו קומען אַלס מוהל צו די גרויסע גבירים וואָס זענען געווען גרויסע בעל צדקה'ס און האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט און אויסער דער שטאָט. ערשט דאַן האָט ער געשטעלט באַ־דינגונגען: אַ גוטע קארעטע מיט גומענע רעדער, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר הכנסת כלה, פאַר לינת הצדק, פאַרן קאַצקער שטיבל און פאַר וואָס ניט? נאָך דעם ווי דער גביר האָט אָפּגעענטפערט אַז ער באַשטייט, האָט דער זיידע אַ שמייכל געטאָן און געפּרואווט אָנווייזן, אַז רב זרח איז אַ גאַנץ גוטער מוהל, האָט שוין דער גביר אויך געדאַרפט צוזאָגן נאָך אַ וואָרט:

— נו און דער כבוד? עס איז דאָך פאַר מיר אַ כבוד! ניט קיין קליי־ניקייט! איך וויל דאָך ער זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער איד!...

דער זיידע גיט דאַן אַ שמייכל, שטעלט זיך אויף, ווערט ממש לענגער. ער פּרואווט אפילו אַ מאָך טאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס מיינט, אַז עס איז אַביסל איבערגעטריבן. ביי זיך אין האַרצן איז ער זייער צופרידן. ער לייגט דערפאַר ארויף די האַנט אויף דעם אידן און גיט אים אַ ברכה און טוט אפילו אַ זאָג אונטער:

— עס האָט מער ניט געפעלט, איך זאָל ניט זיין ביי אייך אויף אַ שמחה! די שטאָט שמ'ט דאָך מיט אייער צדקה... זאָל אייך טאַקע דער רבונו של עולם העלפן!

האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַז נאָך דעם ווי אַ גביר איז געקומען צום זיידן און געוואָלט ער זאָל אים צוטיילן דעם כבוד ער זאָל זיין דער מוהל, האָט דער זיידע אָנגעהויבן ארויסשטעלן זיינע באַדינגונגען וואו ער דאַרף אַלץ צעטיילן צדקה, האָט דער גביר אַזוי זיך אַ פרעג געטאָן: און אייך וויפל דאַרף איך געבן?...

דער זיידע איז אָנגעצונדן געוואָרן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן אַפּירקוקן פון די הויך באַוואַקסענע ברעמען, די באָרד האָט זיך פון זיך אַליין אָנגעהויבן באַוועגן אין דער ווייסקייט, ער האָט אָנגעהויבן זייער שנעל צו פּיפּקען די

ליולקע לאַזנדיק פון זיך דעם רויך, וואָס האָט ממש איינגעהילט דעם אידן. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם שטעקן און אים באַלד צוריקגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן:

— וועסט האָבן קצב אַן אָקס, איז פיר אים אין שעכט הויז אריין! דאָ איז ניט קיין שעכט הויז! און צו דער באָבען האָט ער אויסגעשריגן: — וואָס לאָזטו עפּעס אריין פרעמדע מענטשן?

דער איד וואָס איז קיין קצב ניט געווען, האָט זיך געפּרואווט פאַר־ענטפערן און ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן האָט ער געפּרואווט אָנווייזן, אַז כעם איז ניט קיין אידישע מידה... דער זיידע האָט געוואוסט אַז דער גביר וועט עס ניט פאַרשווייגן, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט העלפן... אין עט־לעכע טעג ארום איז צום זיידן דערגאַנגען, אַז ביים אידן איז אין עטלעכע טעג ארום נאָכן ברית געשטאָרבן דאָס קינד. אידן האָבן געזאָגט אַז עס איז געווען אַ שטראָף פון אויבערשטן, דערפאַר וואָס דער גביר האָט באַליידיקט דעם זיידן. אַזאַ מין איד וואָס גייט צום זיידן האָט פריער געדאַרפט וויסן, אַז דער זיידע נעמט ניט קיין איין פרוטה אפילו פאַר זיין טירחה... אין דעם ליגט זיין גרויסקייט. ער רירט זיך אפילו צום געלט ניט צו.

אין שטיבל ביי אַ קאַפע בראָנפן האָט דער זיידע זיך געריבן די הענט און אָנגעהויבן אונטערטאַנצן און זינגען. די חסידים האָבן געהויבן מיט די אַקסלען, דער זיידע האָט ווידער אָנגעגאָסן דאָס גלעזל:

— לחיים אידן! איך בין ניצל געוואָרן! איר פאַרשטייט זיינע דרכים? ר׳ חיים דער גביר איז ניט שולדיק, דאָס האָט רבונו של עולם אים אריינגע־לייגט די ווערטער אין מויל אריין, כדי מיר צו ראַטעווען... מען האָט דאָרט גוזר געווען, נאָר מיר האָט מען ניט געוואָלט מאַכן פאַרן מלאך המות... מס־תמא האָב איך דאָרט ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען... נו לחיים! אפשר צו אים אַריבערגיין?

דער זיידע זיצט פאַרטיפט אין זיינע רעיונות און שלאָגט זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה, צו ער זאָל פאָרן מיט די דעלעגאַטן קיין אַמעריקע אָדער ניט? גאָר פון אינעווייניק אין האַרץ לאָזט אים עפּעס ניט רוען, עס ציט אים אַ קוק צו טאָן צו דער טאָכטער וואָס שרייבט אַזעלכע האַרציקע בריוו, אַז זי

זענען רייך, וועלן די עלטערן גליקלעך מאַכן און דער טאַטע וועט כסדר קענען זיצן אין זיין צימער און לערנען תורה!... עס וועט אים מיט גאָטס הילף גאָרניט פעלן!... ער וועט לעבן אין עושר און כבוד און וועט האָבן זיין שטיבל. און נאָך מער האָט די רייכע טאָכטער געשריבן: ער דער זיידע זאָל זיך אויסקלייבן וועלכע טאָכטער מיטן איידעם ער וויל, זאָל ער זי גלייך מיטנעמען מיט זיך, די איבעריקע וועט מען אריבערנעמען ביסלעכווייז און עס וועט קיינעם גאָרניט פעלן.

דעם זיידן האָט מען געפירט אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן פון ערשטן קלאַס. די דעלעגאַטן זענען פון אים ניט אָפּגעטראָטן און געהאַלטן זייער צוזאָג צום רייכן איידעם, אַז זיי וועט געלינגען אַראָפּצובערענגען דעם טאַטן קיין אַמע־ריקע. אין פּאַריז זענען זיי אָפּגעוואַרט געוואָרן פון איינעם פון די אָנפירער פון דעם איידעמס אָפּטיילונגען פון די גרויסע געשעפטן. נאָך מער: ביז מען וועט דעם זיידן מיט דער באָבען אָפּפירן צום שיף האָט מען דעם זיידן אריינ־געזעצט אין אַ באַזונדער צימער מיט ספרים וואָס זענען ספּעציעל פאַר דעם צוועק צוגעגרייט געוואָרן. דער זיידע דאַרף בלויז זען, אַז אומעטום איז אַ אידישע וועלט... דער זיידע איז כסדר געזעסן און געלערנט און קיין שום אנונג ניט געהאַט פון דער זינדיקער פּאַריז... בלויז איין זאַך האָט אים אַביסל שאָקירט: די גלאַנציקע פּאַדלאָגעס און דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט זיצן און עסן מיט די צוויי דעלעגאַטן ביי איין טיש, ניט וויסנדיק זייער יחוס. ער האָט בשעת מעשה געטראַכט: זענען זיי זיינע אורחים אָדער איז ער זייער אורח?...

ד.

די באָבע האָט שטאַרק פאַריסן דעם קאָפּ צו זען די געביידעס וואָס רייסן זיך אין הימל אריין, זי האָט געוווּשט די אויגן און אָנגעהויבן הוסטן זאָגנדיק דערביי אַז זיי מאַכן איר הוסטן. מסתמא האָבן זיי עפּעס אויף די דעבער אַזאַ מין זאַך... מען האָט איר געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס קומט פון דעם, וואָס זי פאַרציט שטאַרק דעם קאָפּ אין דער הויך, איז שטערנגט זי אָן דעם האַלז. די באָבע האָט זיך ניט געלאָזט איינרעדן. זי

האָט אויך ניט געקענט פאַרשטיין צוליב וואָס דאַרף מען עס אַ באַן אונטער דער ערד, אויף דער ערד און איבער דער ערד. קענען אַלץ האָט זי געהאַט אויסצוזעצן אין נעוו יאָרק. די באַן פון דער הויך קען געבן חלילה אַ פאַל אַראָפּ; אונטער דער ערד קען מען דאָך דערדושעט ווערן און וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ באַן זאָל גיין אינדערמיט שטאָט?

דער זיידע האָט בכלל ניט גערעדט וועגן די זאַכן. ניטאָ זיך וואָס צו וואונדערן! דער אויבערשטער, דער פאָטער אין הימל פירט די וועלט, איז אויב ער האָט געקענט שאַפן די וועלט, איז וואָס איז זיך דען דאָ צו וואונ־דערן וועגן די גרויסע הייזער, וועגן די באַנען? טאָמער איז עס אינגאַנצן ניט פאַר זיין שכל הישר, איז וואָס? אַלע אַנדערע דרכים זענען דען שטענדיק פאַר אים פאַרשטענדלעך! עס איז בלויז געמאַכט געוואָרן, אַז די אידענעס זאָלן זיך וואונדערן...

מען האָט דעם זיידן איינגעאָרדנט אין אַ גרויסער וואוינונג צוזאַמען מיט דער פרומסטער טאָכטער און ליבלינג איידעם וואָס איז מיט אים מיט־געקומען. מען האָט זיי אויך געוויזן דאָס שולכל זייערס וואו זיי זאָלן אַלע טאָג קענען קומען דאַוונען, זיך טרעפן מיט די אַנדערע פרומע אידן. אינ־גאַנצן צופרידן איז דער זיידע דאָך ניט געווען. עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין קעניגרייך. אפילו די באָבע וואָס פלעגט אין דער אַלטער היים אַזוי אונטערטאַנצן אין פעדער הויז מיטן שאַ... שטיל... דער זיידע איז דאָ... האָט דאַכט זיך דאָ אביסל אויפגעהערט צו ציטערן און פלאַטערן. אמת טאַקע, דער זיידע האָט געהאַט זיין באַזונדערן צימער, עס איז דאָך מער ניט געווען דאָס פון דער אַלטער היים. עס האָט אים גע־צויגן אַ קלאַפּ צו טאָן אין דער טיר ווי אין דער אַלטער היים, אָבער דער מוט האָט געפעלט...

יאָרן זענען פאַרבייגעגאַנגען, דער זיידע האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכ־וויז צוגעוואוינען. ער האָט זיך שוין אפילו געשאַפן זיין סביבה, סיי אין שטוב און סיי אין שולכל. ביסלעכווייז זענען אויך אָנגעקומען קיין אַמעריקע די איבעריקע קינדער זיינע מיט די אייניקלעך. חתונות זענען געפּראַוועט געוואָרן, בר מצוות און אַנדערע שמחות, דער זיידע איז שטענדיק געזעסן

אויבן אַן און באַשיינט די שמחה. אפילו די אייניקלעך וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע האָבן שטאַרק דורך אַרע געהאַט פאַרן שטריימל. דעם זיידנס שטריימל איז געוואָרן דער יחוס־סימן פון דער פאַמיליע.

די באָבע האָט זיך אויסגעלערנט פאַרן אין די סאַבוויים, זי האָט שוין געהאַט אירע סימנים פון די סטאַנציעס, טאָמער האָט זי ניט געוואוסט האָט זי אָפּגעשטעלט ווען זי האָט נאָר באַגעגנט און אויף פּראָסט מאַמע־לשון זיך צערעדט און געבעטן אַנווייזן דעם אדרעס. דאָס איז די באָבע געגאַנגען מקיים זיין אַ מיצווה. זי איז געגאַנגען צו די לאַנדסלייט צוזאַמענגעמען אַביסל געלט אַוועקצושיקן פאַר די אָרעמעלייט אין דער אַלטער היים אויף אַ יום טוב.

אַז די באָבע האָט אַמאָל דערציילט דעם זיידן ווי אַזוי זי האָט שיער ניט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די באַנען אונטער דער ערד און זי האָט דאָך געטראָפן, האָט עס דער זיידע אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— בהמה׳לע! דו גייסט דען אַליין? וואָס איז דען זיך דאָ וואָס צו וואונדערן? אויב עס האָט ניט געבלאָנדזשעט דער וואָס האָט געמאַכט די באַן, איז ווי אַזוי קענסטו בלאָנדזשען? ער זאָל לעבן פירט די וועלט, איז פירט ער דיר אויך!... אדרבה, גיי אַן אים אַ טריט?...

די באָבע ווערט דאַן נאָך מער איינגעשרומפּן, פילט זיך אַביסל שולדיק פאַרן זיידן. פון דער צווייטער זייט טוט איר אַן הנאה וואָס דער זיידע טענה׳ט זיך מיט איר אויס... אין דער אַלטער היים וואָלט ער שוין אויף איר אָנגעשריגן... דער זיידע איז בעסער געוואָרן אין אַמעריקע, די דאגות פּרנסה זענען פון אים אַוועקגענומען געוואָרן, ניט ער דאַרף מער זיין שוחט און ניט קיין מוהל. זיצט ער אין די פרייע שעה׳ן מיט אַ פּען מעסערל און שניצט אויס פיגורן פון פייגעלעך, הירשן. אין די ספּעציעלע שעה׳ן ווען ער פילט זיך בעסער שניצט ער אפילו אויס קלעצעלעך דורך וועלכע ער פּרואווט צוזאַמענצושטעלן אַ הויז. לעצטנס איז אים געוואָרן שווערלעך דאָס כסדר׳דיקע אריינקוקן אין די ספרים, די אויגן האָבן זיך אָן צומאַכן. עס האָט שוין אפילו עטלעכע מאָל געטראָפן, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן

און פאַרגעסן פאַרדעקן דאָס ספר מיט דער רויטער פאַטשיילע זיינער. דאָס איז דאָך שוין אַן עברה...

ביסלעכווייז האָט זיך די עלטער אָנגעהויבן אָרויספּרוקן אויף ביידע. די באָבע איז שוין געווען אַ זקנה פון עטלעכע זיבעציק יאָר און מיטאַיינמאָל האָט זי אָנגעהויבן אונטערקרענקען. דער זיידע האָט עס ניט געוואָלט ליידן, ער האָט צו איר אָנגעהויבן האָבן טענות, אַז זי קוקט זיך אויף אים ניט אום. זי האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק אויספעלן. נאָר די באָבע האָט אים ניט גע־קענט העלפן. זי האָט שוין אַליין געדאַרפט מען זאָל איר כסדר באַדינען. זי האָט זיך מער ניט געקענט באַפרייען פון אירע קראַנקהייטן וואָס זענען איר אַזוי פּלוצלינג באַפאַלן, זי איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צום בעט. אָפטמאָל ביינאַכט האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק אונטערקרעכצן, דער זיידע האָט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן, האָט ער געהאַלטן אין איין סטראַשען מיט אַ גט... און אַז די באָבע האָט צוגעמאַכט אויף אייביק די אויגן איז דער זיידע צוריק־געגאַנגען פון דער לויה און געהאַלטן אין איין קרעכצן און רעדן:

— קינדערלעך, כיבוד אב איז אַ גרויסע זאַך!... די מאַמע האָט מיר אָבער געזאָגט איך זאָל מיט איר ניט חתונה האָבן, זי איז אַ קראַנקע! דאָס איז אַז מען פאָלגט ניט קיין טאַטע מאַמע! געדענקט קינדערלעך כיבוד אב...!

ווען די באָבע איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען אַכט און זיבעציק יאָר.

ח.

מען האָט דעם זיידן געמאַכט אַ נייע אַטלעסענע קאַפּאָטקע. דאָס איז געווען אַ געשאַנק צו דער בר מיצוה פון אַן אייניקל. עס האָט געקאָסט אַ־רבעט צו באַוועגן דעם זיידן ער זאָל באַנייען דאָס מלבוש. עס האָט פּונקט דעם טאָג גערעגנט און דער זיידע האָט ניט געוואָלט איינגנעצן דאָס נייע מלבוש. עס האָבן אפילו ניט געהאָלפן די צוזאָגן, אַז מען וועט נאָך מיט גאָטס הילף מאַכן אַנדערע קאַפּאָטקעס. דער זיידע האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ן, אַז עס איז אַ יום טוב׳דיקע קאַפּאָטע, איז וואָס מיינען זיי זיך?... מען האָט געמוזט ברענגען זיינס אַ פריינט פון שטיבל, וואָס איז אויך געווען פון די איינגע־לאַדענע ער זאָל איבערצייגן דעם זיידן אַז ער דאַרף אָנטאָן די קאַפּאָטע. פאַר

דעם דאָזיקן איד האָט דער זיידע געהאַט דרך ארץ, כאָטש ער איז געווען אַ סך אינגער פון זיידן. גערופן האָט מען אים ר׳ זרח מגיד. ער האָט טאַקע געהאַט אַ כוח הדיבור. דער זיידע האָט זייער ליב געהאַט מיט אים צו זיצן אין שולכל און אויסהערן זיינע מעשׂות. ער האָט מיט אים גערעדט וועגן וועלט פּאָליטיק, וועגן די הויכע הייזער פון ניו יאָרק וואָס רייסן זיך צו די הימלען, וועגן די באַנען וואָס גייען אונטער דער ערד מיט זייערע עלעקטרי־שע לעמפּעלעך. כאָטש ביים זיידן האָט עס געהייסן, אַז ער זינדיקט אַביסל אונטער אין ניבול פּה, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט העלפן... עס זענען אים געפעלן געוואָרן די שיינע מעשׂות. ר׳ זרח מגיד האָט אפילו געוואוסט צו רעדן וועגן גבירישאַפט. ביי אים האָט דער זיידע שטענדיק געוואוסט זוער פון די קינדער עס זענען די גבירים און ווער עס זענען די גרויסע גבירים פון די אייניקלעך זיינע.

ר׳ זרח האָט אזוי געשילדערט יעדן איינעם פון דער פאַמיליע פונקט ווי ער אַליין וואָלט ביי יעדן איינעם פון זיי געווען און געציילט דעם פאַרמעגן. אז דער זיידע האָט געפּרואווט איבערפרעגן פון וואַנען ער ווייסט און אז ער האָט געפּרואווט אַליין אַ רעדט טאָן מיט די קינדער, האָבן זיי בלויז געענט־פערט: — נישקשה, נישקשה טאַטע! נישקשה זיידע, עס פעלט דיר הלילה עפּעס?...

אָפטמאָל האָבןביידע זקנים צווישן זיך ארומגערעדט וועגן זייערע פער־זענלעכע ענינים און פון דער אַלטער היים. דער זיידע האָט דערציילט וועגן בערל בעקער, וואָס פלעגט צו אים קומען נאָך דירה געלט, ווי שווער עס איז אים געפאַלן? ווי ער האָט קיינמאָל ניט געקענט צוקומען צו אַן אייגענער וואוינונג. יעדעס מאָל פלעגט ער זיך אַ ווינטש טאָן, דערלעבן נאָך צו האָבן אַן אייגענע נחלה. ר׳ זרח האָט אים צוגעגעבן מוט, האָט אים אפילו אַ פאַרוואורף געמאַכט:

— נו, און וואָס גייט עס? פאַרוואָס טאַקע ניט? איר קענט עס מיט גאָטס הילף האָבן! זיי זענען קיין עין הרע רייך די קינדער! די אייניק־לעך! דאָסגלייכן זיי קענען אייך קויפן אַן אייגענע נחלה. איר דאַרפט נאָר וועלן און זיי וועלן אייך קויפן! בטחון דאַרף מען האָבן! בטחון!...

— און וואָס איז מיט אייערע קינדער? — האָט דער זיידע צוריקגע־פרעגט.

ר' זרח האָט א גלעט געטאָן די באָרד און א זאָג געטאָן מיט א גמרא ניגון:

— ראשית זענען מיינע קינדער ניט אזוי רייך און שנית זענען מיינע קינדער ניט אזוי איי־איי צום טאָטן... איר זייט אינדערהיים געווען... נו, איר פאַרשטייט... עס האָט צום כאַראַקטער... א מענטש צו א מענטש איז ניט גלייך... שוין געהאַט א הויז אין דער היים... און אפשר איז טאַקע גליי־כער איר זאָלט דערפון ניט רעדן... עס פעלט עפּעס... נו איז וואָס? ווען אייערע וואָלט געלעבט וואָלט אַנדערש געווען...

דעם זיידן האָט שוין מער די הויז ניט געקענט ארויס פון קאָפּ. יעדעס מאָל וואָס א קינד אָדער אַן אייניקל איז אים געקומען זען איז ער געזעסן און געשניצט דאָס הויז, וואָס איז אַלעמאָל פון אים איבערגעאַנדערשט געוואָרן. יעדעס מאָל ביים געזעגענען האָט ער געבעטן מען זאָל למען השם ניט פאַר־געסן ברענגען א נייע שטיקל האָלץ. דאָס לערנען איז אים שוין אָנגעקומען שווער. פאַר אים אַליין האָט עס געהייסן, אַז ער הויבט אָן אַביסל פויל ווערן אין אַמעריקע. טאָמער האָט ער אַמאָל א טראַכט געטאָן פון די יאָרן זיינע, האָט ער זיי באַלד געזוכט צוריק צו פאַרטרייבן, דאָן טוט ער מיטן שטעקן א ריר ביי דער טיר און בעט א היים גלאָז טיי און הויבט אָן זאָגן מוסר אַז מען האָט אים פאַרלאָזט. ווען די קינדער זענען זיך צוזאַמענגעקומען האָט ער זיי געהאַלטן אין איין רעדן פון כיבוד אב און טיילנדיק שטיקלעך פון די שניצערייען האָט ער די ערשטע צייט בלויז געגעבן אָנצוהערעניש, אַז עס איז שוין צייט דער זיידע זאָל האָבן אַן אייגענע נחלה אויף די עלטערע יאָרן... ער האָט אפילו געפּרוּווט אָנווייזן אויף זייער גבירישאַפט. מען זאָגט דאָך אַז לייבעלע אַליין פאַרמאָגט קיין עין הרע מער פון פופציק טויזנט... די קינ־דער שמייכלען אונטער. דער זיידע קרעכצט אונטער און מאַכט א פאַרוואורף:

— ביי לייטן קינדער!

די קינדער טראַכטן ווי אזוי צופרידנצושטעלן דעם אַלטנס קאַפּריז אויף

די עלטערע יאָרן. זיי ווערן דאָך ווי די קינדער! וואו איז אַהינגעקומען דעם זיידנס שטאָלץ? זיין הדרת פּנימדיקייט? זיין גרויסע פּאַטריאַכאַלישע ווייסע באָרד? ער וועט דאָך פון טאָג צו טאָג מער איינגעשרומפּן. די באָרד איז דאָך שוין געוואָרן אזוי שיטער, אז עס זעט זיך ארויס די איינגעדאַרטע גאָמבע, די אויגן זענען טיף ארייינגעזעצט אין די צוויי אויגן לעכער, גיבן ארויס אַ מין בלאַסקייט. וואו זענען אַהינגעקומען די צוויי גרויסע ברעמען?

דער זיידע איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר. עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ גרויסע שמחה, נאָר דער זיידע האָט געלאָזן אַ טרער. דאָס ערשטע מאָל וואָס די קינדער זעען אַ טרער ביים זיידן. ער האָט דאָך אפילו ניט געוויינט ווען די באָבע איז געשטאָרבן. די קינדער האָבן אָנגעהויבן אויסרעדן דעם זיידן:

— עס איז דאָך היינט אַ שמחה!

— די יאָרן דאַרף מען ניט ציילן!...

— זיידעניו, טאַטעניו, ביז הונדערט און צוואַנציק!

דער זיידע האָט זיך געפּרואווט שטאַרקן, ער האָט אַ הויב געטאָן דעם שטעקן, — כיבוד אב! כיבוד אב! אַ נחלה קויפן איז ניטאָ ווער?... עס איז פּוסטע פרייד! קינדערלעך עס איז שוין צייט אויף די עלטערע יאָרן אַן אייגן הויז צו האָבן!...

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט:

— ס׳וועט זיין טאַטע, ס׳וועט זיין, זיידעניו! מען וועט דיר קויפן!

דער זיידנס פּנים איז אויסגעלייטערט געוואָרן.

— אַן אייגענעם טאַטן טאָר מען ניט אָפּנאַרן!...

— טאַטע מען נאַרט ניט! מען וועט קויפן אַ הויז און וועסט נעמען דאָס דירה געלט!...

דער זיידע האָט אַ הויב געטאָן ביידע הענט אין דער הויך, זיי האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון ציטערניש:

— איך דאַנק דיר, טאַטעניו אין הימל! וואָס דען, בערל בעקער יאָ און מיר ניט?...

די ליפּן האָבן געשעפּטשעט עפּעס אַ ברכה פון די פאַרגאַנגענע צייטן...

איינמאָל אַ טאָג האָט מען דעם זיידן ארײַנגעזעצט אין סאָבווי. דאָס האָט מען אים געפירט אָנקוקן אַ גרויס הויז צו עס געפעלט אים. דער אמת איז געווען אַז די פאַמיליע האָט באַשלאָסן אים צו ווייזן וועלכע עס איז הויז. וואָס איז דער אונערשייד? ער קען דאָך סיי ווי סיי ניט איבערלייע־נען די פּאַפּירן זאָל דער זיידע האָבן דעם גלויבן, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון אַן אייגן הויז.

ווען מען איז צוריקגעפאָרן אַהיים האָט דער זיידע צווישן איין פאַרהוסטן זיך ביזן צווייטן געהאַלטן אין איין שטעלן פראַגן: וויפל שכנים די דירה האָט? צו זיי צאָלן גוט דאָס דירה געלט? דער זיידע האָט זיך אויך געמאַכט סימנים פון דעם וועג. ער מוז דאָך וויסן ווי אַזוי מען פאָרט אַהין!... ער וועט דאָך דאַרפן קומען נאָך דירה געלט...

פאַרן זיידן איז עס געווען איינע פון די גרעסטע איבערלעבענישן ווען מען האָט אים איבערגעגעבן „פּאַפּירן". די פּאַפּירן האָבן געהאַט גרויסע „פּיטשאַטן", ער האָט זיי באַקוקט פון אַלע זייטן און אַלעווײַלע געווישט אַ טרער מיט דער רויטער פאַטשיילע. די אויגן האָבן געקוקט מיט גרויס ליב־שאַפט צו דער פאַמיליע:

— קינדערלעך, מען דאַרף מאַכן אַ לחיים!

דער זיידע האָט געמאַכט די ברכה, זיך שטאַרק פאַרהוסט ביים אויס־טרינקען און באַדויערט וואָס די באָבע איז איצט ניטאָ. זי וואָלט געשעפּט נחת... ער האָט זיך געשפּילט מיט די פּאַפּירן ווי אַ קינד און געזאָגט, אַז ער אַליין האָט חשק זיך ארײַנצוציען אין דער נייער וואוינונג, זוכנדיק בשעת מעשה אַ פלאַץ פאַר די פּאַפּירן...

דער זיידע איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך געלייגט אין בעט נאָר קיין שלאָף האָט ניט געקומען, כאָטש ער האָט זיך היינט געפילט זייער מיד און אָפּגעשוואַכט. ער איז געלעגן און געטראַכט פון דעם גרויסן גליק. מיט איינ־מאָל האָט ער דערפילט אַ גרויסן עול, אַן עול פון פּרנסה... ער האָט געטראַכט אין דעם, אַז ער וועט דאַרפן גיין מאָנען דירה געלט... וועט ער געדענקען וואו דאָס איז? יאָ, ער וועט געדענקען! ער האָט זיך דאָך געמאַכט אַ סימן, מען פאָרט מיטן באַן ווי זיי רופן עס דאָרט: „בי עם טי". מען פאָרט אָפּ

זעקס סטאַנציעס גייט מען ארויס, דערנאָך דרייט מען זיך אביסל רעכטס גייען אַזעלכע דראָטן און אביסל ווייטער איז עפּעס דאָ אַ גרין הויז, עס איז שוין אביסל אָפּגעבליאַקעוועט, שטייט דאָרט אַ גראָבער גוי מיט צייטונגען און מאַכט מיט די הענט. דערנאָך: דאָס איז עס! ער וועט אריינגיין און זאָגן, אַז ער איז עס דער נייער באַלעבאָס וואָס איז געקומען איינמאָנען דאָס דירה געלט... טאָמער וועט איינער אָפּלייגן, וועט ער זאָגן, אַז ער איז שוין אַן אַלטער מאַן און האָט ניט קיין כוח ווידעראמאָל צו קומען... און אַז איינער וועט טאַקע ניט האָבן צו באַצאָלן וועט ער אָפּוואַרטן!... ער דאַרף דאָך ניט אויסגעבן מיטאַמאָל דאָס גאַנצע געלט... ער דאַרף דאָך בכלל ניט קיין געלט. אַלע מאָל ברענגט די משפּחה, אַ פינפערל, אַ צענערל, זיי ליגן ביי אים, ער האָט ניט וואו אויסצוגעבן... ער וועט אָפּנעמען דאָס דירה געלט — איז ווידער אדורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — וועט אָנהויבן קלייבן אויפצובויען אַ שטיבל, עס וועט זיין זיין שטיבל, אַלע מתפללים וועלן עס וויסן און וואַרטן אויף אים מיטן דאַוונען, ער וועט שרייבן אַ ספר... ער וועט חתונה האָבן און ווידער שטעלן קידוש. טאַטעניו גיב כוח, עפּעס פילט ער ניט זייער גוט די לעצטע צייט... עס טוט וויי, עס גייען אויס די כוחות האָט דער זיידע אָנגעהויבן קרעכצן. ער האָט מיט די לעצטע כחות אַ צי געטאָן די האַנט אונטערן קישן, אַ טאַפּ טוענדיק די פּאַפּירן צו מען האָט זיי פון אים ניט וועך אַוועקגענומען. אַן אוצר דאַרף מען היטן! דאָס איינציקע וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אויף די עלטערע יאָרן!...

מיטאַמאָל האָט דער זיידע דערפילט אַז ער זיצט אין סאַבוויי, קוים וואָס ער האָט זיך אריינגעשטופּט... ער ווערט דאָך ממש דערשטיקט! ער דאַרף ציילן די סטאַנציעס, איינס... צוויי... דריי... פינף... ווי שווער עס איז? דאַכט זיך פאַרלוירן אין ענגשאַפט דאָס ציילן.... די לופט פאַרלוירן... דאָס גרינע הויז... אָט איז עס! ניין, עס פעלט נאָך! די צייטונגען וואו זענען? נו אָט איז עס, נאָר די באַן שטעלט זיך ניט! זי פאָרט און קלאַפּט אזוי משונה'דיק שווער, טויב צו ווערן! אפשר ניט געדאַרפט אַליין פאָרן? בערל בעקער... אָט גייט ער אויך! וואו האָט ער גענומען דאָ אין אַמעריקע אַ הויז? ווען איז ער געקומען? איך וועל אים אַ וויַיז טאָן די פּאַפּירן מיטן „פיטשאַט”... זאָל ער אויסשטעקן אַ פּאָר אויגן... וואָס, ער גייט נאָך אַליין

ביי מיר מאַנען דירה געלט? איך קלויב דאָך שוין פאַר אים מער קיין געלט! גענוג געצאָלט!... פאַר דעם געלט געקענט האָבן אַן אייגענע „קאַמעניצע"!... וואָס שלעפּט ער בערל בעקער ביי אים די פּאַפּירן?... ער וועט מאַכן אַ געשריי... עס איז ניט הפקר קיין וועלט...

די פאַמיליע האָט עפּעס דערהערט אַ גאָר שטאַרקן קרעכץ פון זיידנס צימער, עפּעס אַ מאָדנער געשריי. זיי זענען גלייך אריינגעלאָפן. דער זיידע איז געקומען אַביסל צו זיך! ער איז ניט אַליין... די ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט:

— איך צי זיך! אין אַן אייגענער דירה!... גענוג געוואוינט אין דער פרעמד!

— וואָס רעדסטו טאַטע, וואָס זאָגסטו זיידעניו?

— איך צי זיך! גענוג געלעבט אין דער פרעמד... גענוג געלעבט... דעם קידוש בעכער גיט...

דער זיידע האָט צוגעמאַכט די אויגן און מער זיי ניט געעפנט...

געצל הויקערס חתונה

א.

די שטעטלדיקע אידן האָבן פיינט דאָס רויטע הויז. מער פון אַלץ שרעקט זיי דער געדאַנק אַז זייערע קינדער קענען זיך נאָך אָנשטעקן. אין די געדאַנ־קען פעדימט זיך אַ מחשבה וואָס זיי ווילן ניט צולאָזן: אפשר זענען זיי שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דאָרט...

אין די אָוונטן און נאָך מער אין די שבתים קען מען הערן ווי אַזוי זיי מאַכן זיך דאָרט פריילעך זינגענדיק עפּעס אַזעלכע מאָדנע לידער, וואָס רייסן זיך דורך די פענסטער צום גרויסן מאַרק און קריכן אַריין אין די אויערן פון די באַלעבאַטישע אידן וואָס קענען עס ניט ליידן און האַלט זיי אין איין שרעקן...

די שטעטלדיקע אידן זענען מכבד מיט קללות דאָס רויטע הויז. נאָר אַז עס קומט שבת קודש קאָכט עס אויף די אידן נאָך מער, דאַן קען מען אויך הערן נאָך שטאַרקער די קללות, מחמת שבת קומען זיי זיך צוזאַמען די אינגלעך מיט די מיידלעך, לאַכן דאָרט, זינגען און שפּעטן אָפּ פון גאָטס תורה. בחורים מיט מיידלעך האַלטן זיך דאָרט אין איין קושן בפרסיה... און מען טוט זיי דאָרט לערנען, אַז דער מענטש קומט ניט פון אָדם הראשון נאָר פון עפּעס אַ מאַלפּע... גאָטס יצירה ווערט דאָרט זאָגט מען אינגאַנצן אָפּגעלייקנט... הפקר פּעטרישקע... אַלע מענטשן זענען גלייך... נישטאָ קיין יחוס! שוסטערס, שניידערס, סוחרישע קינדער, ישיבה בחורים — אַלע גלייך!... דורך דעם באַלקאָן זעצט אַרויס אַ שטאַרקער רויך פון די פּאַ־פּיראָסן וואָס זיי רויכערן דאָרט שבת קודש. ערגער פון גוים זענען זיי דאָך!... גייען אידן פאַרביי, ציגט עס ביי זיי אָן דער כעס און זיי הויבן אָן שעלטן:

— פאַרברענט זאָלן ווערן די פּושע ישראל!

— דער רויך זאָל זיי דערשטיקן די מחלל שבתניקעס!

— דער גיהנום איז פאַר זיי ווייניק!

— די טאַטעס מיט די מאַמעס האָבן געדאַרפט זיי טעכטער ביי די צמות אהיימשלעפּן!...

כאָטש דאָס הויז איז געפאַרבט אויף גרין, האָט עס באַקומען דעם צו נאָמען „דאָס רויטע הויז", ווייל געזאָגט האָט מען, אז די פון רויטן הויז האָבן פאַרבינדונגען אזש מיט וואַרשע, און גייען דאָרט מיט א רויטע פאָן דעם ערשטן מאי און האָבן אפילו ניט קיין מורא פאַר די קלעפּ וואָס זיי באַקומען פון די צעיושעטע קאָזאַקן און אז עס קומט דאָס צווייטע יאָר לויפן זיי ווידער מיט די רויטע פענער...

הערן די שטעטלדיקע די מעשות, ציטערן אויף און טראַכטן בשעת מעשה אין די אייגענע קינדער...

די גאָר פרומע האָבן א שטאַרקן עגמת נפש. אין בית המדרש ביים דאַוונען טומלט זיך. עס ביילן זיך פויסטן אז מען דאַרף אַרויפגיין אָנ־ברעכן די ביינער... נאָר עס איז דאָך נישטאָ ווער עס זאָל גיין... זיי האָבן מורא פאַר די באַלמעלאָכעס; נו טאַקע, ווער וויל עס האָבן צו טאָן מיט די דאָזיקע לייט?... עפּעס זאָגט מען דאָך, אז זיי זאָגן, אז זיי וועלן פלעטן קעפּ, אויב די פינסטערלינגען וועלן וואַגן...

עס קומט אפילו צו פאַרשידענע קריגערייען אין בית המדרש. איי־נער וואַרפט אויף דעם צווייטן אז זיינע קינדער זענען שוין אויך אָנגע־שטעקט, דעם צווייטן דאַכט זיך אז עס איז א בילבול. מען שלאָגט אויך די קינדער, נאָר עס העלפט ניט... עס ציט זיי צום רויטן הויז...

באַלעבאַטישע טעכטערלעך וואָס שטייען אין שידוכים זענען אויך אָפּטע איינגייערס אין רויטן הויז און אז א שדכן באַווייזט זיך ביי די על־טערן, הויבן זיי זיך אויף און גייען אוועק פון שטוב, אָפּענטפערנדיק שאַרף:

— מען וועט שוין אליין אָפּזוכן דאָס פּאַסענדע!

— וואָס הייסט אליין אָפּזוכן? האָבן שוין טאַטע מאַמע טאַקע גאָר־

ניט וואָס צו זאָגן? ווייניק בלוט פארגאָסן? פאסט עס פאר א אידישער טאָכטער?

נאָר גיי רעדט מיט היינטיקע קינדער אז מען האָט זיי אָנגעטאָן כשוף... און ווער מיינט איר?

עס איז עפּעס איינמאָל אראָפּגעקומען א יונגערמאנטשיק, גערעדט האָט ער עפּעס אזוי מאָדנע מיט א רריייש, געהאלטן אין איין הויבן דעם הוט, פון מויל האָט זיך אפילו קיין גוט מאָרגן ניט געהערט, נאָר עפּעס א מורמל מיט די ליפּן. און טאָמער איז עס געוועזן א פרוי, האָט ער זיך א בויג געטאָן פונקט ווי די פריצים. ער האָט צוזאמענגענומען די בחורים מיט די מיידלעך און צו זיי עפּעס גערעדט. און דווקא ביי גדליה דעם שוסטערוק אין שטוב. דאָרט, זאָגט מען, האָט ער עס גערעדט אז עס איז שוין צייט מען זאָל ארויסגיין פון דער פינצטערניש און וועלכן דאָס שטעטל איז איינגעהילט און מען דאַרף אראָפּוואַרפן די קייטן און זיך אויסקעמפן דעם ליכטיקן מאָרגן... מען דאַרף זיך אָרגאניזירן.

האָבן אידן געהויבן מיט די פּלייצעס און געפירט גאנצע שמועסן צווישן זיך: מאלע וואָס? וואָס פאר א ווערטער זענען דאָס? פאר וואָס ציט אזוי דער יונגווארג? געקומען א בחור אויף עטלאכע טעג און געמאכט אזא איבערקערעניש. זעט ווער עס איז אלץ געוואָרן חברים?... חסידישע טעכטער הענגען זיך אָן אין די שוסטער יונגען, שמייכלען צו זיי, סודען זיך צייטנווייז. וואָס איז געוואָרן? און ווער האָט דאָס אלץ אָנגעמאכט? עפּעס אַ דאר בחורל מיט אַ רויט אויסגעפונדעטע שניפּס וואָס איז אראָפּגעקומען אזש פון ווארשע. מען שמועסט אפילו אין שטעטל אז גדליה דער שוסטערל מיט דער בלאנדער טשופּרינע האָט געארבעט א זמן אין ווארשע, האָבן זיי זיך דאָרט צוזאמענגערעדט. און זעט וואָס עס איז געוואָרן? דאָס גאנצע שטעטל ברענט דאָך!... זיי וועלן דאָך נאָך אלעמען אָפּשמדן, אויב מען וועט עפּעס ניט טאָן דערצו!...

שטילערהייט בלויז האָבן די עלטערן פון די באלמעלאָכעס דערלעבט א שטיקל נקמה אין די גבירים, די שיינע אידן. עס איז זיי געפעלן געוואָרן צו זען זייערע קינדער ווי זיי חבר'ן זיך מיט די גבירישע טעכטער און

בחורים. עס געפעלט זיי בלויז ניט דאָס וואָס זיי הערן אז די קינדער האָבן אויפגעהערט גלויבן אין גאָט... פאטשן זיי די זין מיט די טעכטער, כאַטש מיט איין זאך זיין גלייך מיט די נגידים... ביים וואַרשטאַט בלויז ברומען זיי אויך אונטער די לידער וואָס די קינדער זינגען.

לעצטנס האָט מען אפילו דערציילט אז גדליה שטעלט זיך דאָרט ביי זיי אוועק ביים עמוד, א גאנצער מגיד געוואָרן גדליה דער שוסטער, זיי הערן זיך צו אים צו, קוקן אים אין מויל אריין ווי ער וואָלט געוועזן א ר'בי זייערער. ער קען דאָך רעכט אפילו ניט דאווענען!... און ווי זיי קלעבן עס ארום אים די באַלעבאַטישע טעכטערלעך און באוואַרפן אים מיט פראַגן:

— חבר פעלדמאַן!

— חבר גדליה !

— עס איז ריכטיק חבר פעלדמאַן! מען דאַרף טאַקע האַנדלען ענער־גיש! יעדער דאַרף זיין פאַר עפּעס פאַראַנטוואָרטלעך! אויב איינער נעמט זיך אונטער עפּעס אדורכצופירן און טוט עס ניט, איז דאַרף ער צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אפילו ווען מען וועט דאַרפן אויסשליסן! ווען ניט וועט אונזער אָרגאַניזאַציע ווערן דיסקרעדיטירט! דיסציפּלין! דאָס איז די הויפּט באַזע אין א באוועגונג!

לעבן גדליה'ן איז געשטאַנען געצל הויקער מיטן פלאַטשיקן נעזל און איינגעדאַרטן גוף, ער האָט פאַריסן דאָס ברייטע צעוואָקסענע קעפּל מיט א געוויסן שטאָלץ, צושאָקלענדיק אז עס איז ריכטיק און מען באַדאַרף זיך גוט צוהערן וואָס דער חבר פעלדמאַן זאָגט. געצל טראַכט בשעת מעשה, אז ער אליין איז גרייט צו טאָן וואָס מען וועט הייסן!... ער איז גליקלעך! אלע זענען איצט גלייך!

די חברטע פּעשקע וויל מיט עפּעס באווייזן אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז פון גרויס יחוס באַנעמט זי ווי געהעריק די זאך, טוט זי א לייג ארויף די האַנט אויף געצל הויקערס אקסל, גיט אים א גלעט ביי די האָר מיט א מין אונטערטעניקייט, וואָס מיינט אז זי ווייסט שוין פון לאַנג אז אלע זענען גלייך!...

ביי געצל הויקער הויבט אָן טרוקענען דער האלדז, ער וויל עפּעס א זאָג טאָן, נאָר פּעשקעס האנט־גלעט מאכט אים די בלוטן ארומלויפן אין קער־פּער. זי פילט עס און דריקט אים נאָך מער צו צי זיך, אירע טשאָקאָלאַט גרויסע אויגן, קוקן אריין אין זיינע מיט א שמייכל, די ליפּעלעך ווי האַלבע לבנות טוען זיך אזוי האלב ראָמאנטיש א זאָג:

— מיין טייערער אַבר גינזבורג! ווי אינטערעסאנט איר זייט?

געצל גינזבורג רויטלט זיך און איז גליקלעך. די פינגער רירן אָן איר האנט מיט א ציטערניש און קוקט אויף איר געקרייזלטן קאָפּ האָר. עס לויפט אים פארביי א מחשבה: ווען ר' אהרן מאנדעלבוים זאָל זען ווי אזוי ער געצל שטייט ארומגענומען מיט זיין טאָכטער פּעשקע, וואָלט ער אראָפּ־געגאנגען פון זינען!...

מען הויבט אָן איינשטעלן דעם כאָר און ווידער קומט געצל הויקער אוים צו שטיין לעבן פּעשקען, ער קען פארציען א הויכע שטימע, גיט דעם טאָן. פּעשקע ווידער שטייט אויך ניט אָפּ, די שטימע איז קרעפטיק, זי קנאקט אפילו אונטער מיט די פינגער ווען מען דארף. געצל האָט זייער ליב צו פילן איר אָטעם! ער וואָלט געוואָלט אז דאָס זינגען זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. ער כאפּט אויף די בליקן פון די אנדערע חברים וואָס עסן פּעשקען מיט די אויגן. ער ווייסט אז פּעשקע איז א מיידל א ברען, א קאפּריזנע... איר צוגעלאָזנקייט צו אים איז אויך איינע פון אירע מיידלשע קאפּריזן, ער פילט אז זיין ניט גלייכגילטיקייט צו איר וועט אים בלויז פייניקן... ער קען דאָך גאָרניט צולאָזן קיין ערנסטן געדאנק וועגן דעם. ער באנוגנט זיך מיט איר קאפּריזנעם לאשטשען... עס איז אודאי גוט צו חלומען!...

צייטנווייז כאפּט פּעשקע מיט אים א לייכטן פלירט. זי איז די וואָס „אטאקירט“, די בחורים מיט די חברטעס קוקן, שמייכלען אונטער:

— א קאפּריזנע דאָס איז!

— האָט ליב אלעמען אָנצוציען!

— אפילו געצל הויקער!...

— זי וועט אמאָל באצאָלן פאר דעם!...

פעשקע ווינקט מיט אן אייגל וואויל יונגלעריש, דער הויכער בוזים רייצט זיך מיט אלעמען. דאָס ווייסע גלאטיקע פנימל ציט די אויפמערק־זאמקייט סיי פון די מענער און סיי פון די פרויען. די פרויען טראָגן א באַהאלטענע קנאה צו איר, זיי וואָלטן געוואָלט זיין אזוי ווי זי, איר האלטונג... נאָר פאר דעם דארף מען האָבן א ספעציעלן כאראקטער... אָט זיצט זי און פאררדרייט דאָרט דעם קאָפּ פון געצל הויקער, שפּילט זיך מיט די הענט... ער טוט איר כלומרשט אָן א רינג. ער זאָגט:

— הרי את מקודשת...

זי לאכט.

ער לאכט אנטקעגן.

— כ׳האָב אייך מקדיש געווען!

זי פארגייט אין א הילכיקן געלעכטער!

— חברים, גיט אָפּ מזל טוב !

א טייל חברים לאכן מיט:

— אפשר וועט איר שוין דאָרט אויפהערן זיך נאריש מאכן !

געצל הויקער שמייכלט אונטער און טוט זיך אזוי א זאָג:

— לויטן אידישן דין איז פארפאלן!...

גיט פעשקע א דריי מיטן קאָפּ, שפּילט ממש א יאכנע אויסזינגענדיק מיט א גמרא ניגון:

— איז וואָזשע טוט גאָט? פייפן מיר דאָך אויפן דין! נאָר שלאָפן זאָלט איר זיך חבר געצל גינזבורג אליין דאָרט אין ווארשטאַט; קיינער וועט אונז ניט פירן לייגן!...

אלע צעלאכן זיך:

— שוין איינמאָל א ווילדע קאזע!... א ממזר׳דיקע מויד!

דער הויקער הויבט מיט די אקסלען:

— איך ווייס גאָרנישט; נישט מיין עסק!... הרי את איז הרי את...

נאָר קיינער האָט סיי ווי סיי ניט געלייגט קיין אכט צו די שטילע ווערטער וואָס געצל האָט א זייער געטאָן צווישן די ליפּן.

ב.

אין שטעטל קאָכט זיך ווי אין א קעסל. מען האלט אין איין דערציילן א געשיכטע וואָס איז זיך פארלאָפן אין רויטן הויז. א טייל לאָבן פון דער גאַנצער זאַך, אנדערע באדויערן, נאָר ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן.

יעדער איינער דערציילט בלויז וואָס ער האָט געהערט, אָדער וואָס אים איז אויסגעקומען צו זען, דערנאָך ווערט ווי די טבע איז, אביסל צוגעגעבן... אָט דערציילט מען אז ר' אהרן מאַנדעלבוים דער נגידישער תבואה סוחר האָט געשלאָגן דער כלה מויד זיינער, פעשקען, איר געריסן ביי די געקרייזלטע האָר און געשריגן אויף איר :

— הצופה! ביי דער מאמען אין בויך האָב איך דיר געדארפט לאָזן דערשטיקט ווערן, איידער זאָלסט אויסוואקסן אזוי! הרפה און בושה! האָסט דאָך אונז געקוילט אָן א מעסער!...

פעשקע האָט געבליפעט:

— טאטעשע! עס איז געווען אויף א געלעכטער!

— א געלעכטער, זאָגסטו? דו פאסקודסטווע!

— א שפאס געמאכט! עס איז א ליגנט טאטעשע!

— וואָס איז א ליגנט? די גאַנצע שטאָט קאָכט זיך דאָך!... דאָס שומערל דיינס, דער הויקער זאָגט דאָך! זע נאָר ווי די מאמע דיינע ליגט דאָרט אָן לשון! זי איז דאָך שוין דאָרט געווען!

— זיך בלויז מיטן רינגל געשפילט, טאטעשע!...

— אזוי, אזוי, מיט דעם רינגל געשפילט? אָנגעטאָן דאָס רינגל און געזאָגט „הרי את״! ער האָט דאָך מיט דיר חתונה געהאט!... ער האָט דאָך עדות!

— איך וועל אים דערהרגענען! וואו איז ער? זאָל ער מיר זאָגן אין די אויגן!...

— ער וועט זאָגן! נאָך ווי?... ער האָט דאָך עס אויסגעפלאַנט! ער האָט מיר געוואָלט אריינכאפן! דאָס האָסטו פאר חברן זיך מיט די דאָזיקע

מענטשעלעך!... דאָס שטראָפט מיר גאָט דערפאַר! דיר גלייך גערעדט די האָר אויסרייסן, ווען מען איז מיר געקומען זאָגן אז אויך דו גייסט אין רויטן הויז!...

ר׳ אהרן מאַנדעלבוים האָט אָפּגעלאָזט די טאָכטער און אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן צימער ברעכנדיק די הענט:

— אָבער וואָס הויבט מען אָן טאָן? אַזאַ אומגליק! גאָטעניו פאַר וואָס שטראָפסטו מיר אַזוי שטאַרק? וואָס האָב איך אַזויפיל געזינדיקט? באַשטראָף מיר, אָבער זאָל עס זיין מיט חסד!...

שרה, פּעשקעס מוטער, איז אינגאַנצן געווען צוזאַמענגעבראָכן פון וויינען און פון דעם וואָס זי האָט איבערגעלעבט. זי איז דאָך ערשט ניט לאַנג צוריקגעקומען פון הויקערס שטוב. עס איז דאָך גאָרנישט געווען צו מאַכן... זיי זענען דאָך גאָר אויף איר אַרויפגעפאַלן אַז די טאָכטער האָט עפּעס אָנגעטאָן אַ כשוף זייער געצלען. געצלס מוטער האָט געעפנט אַ מויל און איר געוואָלט איינשלינגען:

— וואָסי? וואָס שטייט אייך אַזוי ניט אָן דער שידוך? וואָס מיינט זי זיך, פריער וועט זי אים פאַרדרייען אַ קאָפּ און דערנאָך פון אים חוזק מאַכן? מיר זענען אַזעלכע שיינע אידן ווי איר! מיר זענען ערלעכע מענטשן! ביי קיינעם חלילה גאָרניט צוגעגנבעט! מיין געצלען האָט זי ביי אייך ניט אַרויסגעגנבעט פון שטוב! זי האָט געוואָלט, נו מילא פון מיין סמאָלן וועגן, איז זאָל זיין מיט מזל!

שרה האָט גענומען ברעכן מיט די הענט, פריער געפּרוּווט מיט גוטן דערנאָך מיט בייזן איינטענהן:

— כ׳בעט אייך רבקה, קרוינישע! איר זייט דאָך אויך אַ מאַמע! איר זעט דאָך אַז עס איז ניט קיין גלייכער שידוך! איז זייט דאָך ניט קיין נאַוויישע!

— קלוגע באַנאַרישן זיך אויך!... טוט רבקה אַ שטאָך שרה׳ן.

— אָבער רבקהלע, האָט רחמנות! איר טרייבט דאָך מיר אין דער ערד אַריין מיט אייער רעדן!

— וואָס קען איך דען טאָן? אדרבה טוט א קוק אויף אים, אויף מיין געצעלען! ער איז דאָך אינגאנצן געוואָרן אוים מענטש! ער וויל דאָך גאָר־ניט נעמען אין מויל אריין... איך האָב מיט אים געפּרואווט א רעד טאָן:

— געצעלע קרוין, ווי פאלסטו עס אוים?

ענטפערט ער:

— ליבע... מאמעלע...!

— ליבע?

— יאָ מאמעשע! איך האָב איר ליב! איך ווער פאר איר די כפּרה! מאמשע, מיש דיר ניט! די ווייסט ניט פון אזעלכע זאכן!

— ווי קומסטו צו איר!

— זי איז געקומען צו מיר...

און צו שרהן האָט זי א זאָג געטאָן:

— זיי האָבן זיך דאָך שוין אפילו געקושט דאָרט!...

שרה האָט גענומען ברעכן נאָך שטארקער מיט די הענט, זי איז געוואָרן אינגאנצן היסטעריש און אָנגעהויבן שרייען, קלאפנדיק זיך מיטן קאָפּ אין דער וואנט, זוכנדיק ארויסצורופן ביי רבקהן רחמנות און אפשר אויך ביי געצלען:

— אידן ראטעוועט! מען קוילעט דאָך מיך! מען שנייד פון מיר לע־בעדיקע שטיקער פלייש! מען שינדט דאָך פון מיר די הויט!... האָט רחמנות מיר געפונען זיך דאָך ניט אין וואלד צווישן גזלנים! איר זייט דאָך אויך אידן! איר ווייסט דאָך אליין אז עס איז ניט קיין גלייכער שידוך!... נו זאָג דו אליין, געצעלע: זאָג אז עס איז ניט אמת! דו... ווילסט געלט? מען וועט געבן!...

— ניט אלץ איז געלט! — האָט געצל א זאָג געטאָן. איך האָב איר ליב.

שרה האָט דערפילט ווי מען וואָלט איר א ברי געטאָן מיט א הייס אייזן:

— פו, פו זאָל עס ווערן! משוגע געוואָרן!... גזלנים!

— אלע גלייך! אלע גלייך! — האָט געצל א באוועג געטאָן מיט די ליפּן.

שרה איז אַהיימגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע און ערשט אויף אַן יומא צוזאַמענגעבראָכן אין שטוב.

ג.

ביים רב אין בית־דין שטיבל איז געפּאַקט מיט אידן. ר' אהרן מאַנ־דעלבוים האָט גערופן צום רב, עליע שוסטער מיטן זינדל, געצל הויקער, נאָר עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי לאַגערן: די שיינע באַלעבאַטים אויף איין זייט און די באַלמעלאָכעס אויף דער צווייטער זייט. דער רב אַליין איז געווען אַביסל אַ צעשראָקע־נער. ערשטנס איז ער ניט געוואוינט צו זען מיט איינמאָל אַזויפיל מענטשן ביי זיך אין חדר און צווייטנס: דער אונטערשייד פון באַלעבאַטים און באַלמעלאָכע... ער האָט זיך געווישט דעם שווייס פון געקאַרבטן שטערן, געפּרואווט אָפּשטעלן די שטעכווערטלעך וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן פון די צדדים און האָט שיער ניט געפירט צו קיין געשלעג, צוליב פּעשקעס חוצפה...

געצל איז געשטאַנען אין אַ זייט אַ נאָך מער איינגעהויקערטער און געכאַפּט אַ זייטיקן גניבישן בליק צו פּעשקען, האָט עס איר אַריינגעטריבן אין אַ כעס. וואָס מיינט ער זיך דער הויקער? ער מיינט דאָך עס טאַקע אויף אַן אמת!... זי האָט שוין אַזוי אויך גענוג געליטן!... זי וועט אים געבן איבער דער נאָז:

— זאָג נאָר דו פּראַנצעוואַטער יונג, וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט? אידיאָט דו!

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן:

— מיט יענעמס געפילן שפּילט מען זיך ניט!... זיך פאַרליבט אין דיר!...

— אָבער ווי קומסטו צו מיר! זעסטו דען ניט ווער איך בין און ווער דו ביסט? אַז דו זעסט ניט, איז גיב אַ קוק אין שפּיגל, אויב דו ביסט ניט קיין מבין אויף דיר אַליין?...

— אלע גלייך! אלע גלייך! זיך ניט געדארפט שפּילן מיט מיר!... איצט איז שוין פאַרפאַלן!

פּעשקע האָט זיך אָנגעצונדן און א הויב געטאָן די האַנט, אים אראָפּ־לאָזנדיק א הילכיקן פּאטש. געצל האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן שטיקנדיק די טרערן. רבקה, געצל הויקערס מוטער, איז צוגעלאָפן און א כאַפּ געטאָן פּעשקען ביי די האָר און איר אָנגעהויבן טרייסלען:

— קורווע דו! וואָס מיינסטו דיר? הפקר א וועלט? דו וועסט שלאָגן מיין קינד? האָסט אים נאָך ווייניק אָפּגעטאָן, איז שלאָגסטו אים נאָך? א נייע חתונה גאָר?

געצל האָט זיך אריינגעשטופּט אין דער מיט.

— שלאָג ניט מאמע! לאָז אָפּ! די פאַרשטייסט ניט.. זי איז פאַר עפּעס אנדערש אין כעס...

די צדדים האָבן שוין אויך געוואָלט הויבן הענט, בלויז דעם רבס שטימע האָט אַלעמען צוריק איינגעשטילט:

— דרך ארץ! דרך ארץ! איר שטייט איצט פאַרן בית־דין!

די געמיטער האָבן זיך אָנגעהויבן איינשטילן, שטילערהייט האָט מען בלויז נאָך געקענט הערן:

— אזא חצופה!

— שלאָגן גאָר א בחור !

— שוין איינמאָל א סחורה!...

— מען קען דאָך איינעם ארויסטרייבן פון געדולד! זעט נאָר ווער עס רעדט פון געפּילעכץ... געצל... נישט האָבן געזינדיקט מיט די רייד...

— וואָזשע, ער האָט ניט קיין הארץ? ס'איז פון שטיין?... אז מען גיט אויף איר איין קוק, זעט מען שוין ווער זי איז... ווען איך בין א מאַן וואָלט איך אויף איר א שפּיי געטאָן... גאָט וועט איר באשטראָפן פאַרן חוזק מאכן פון אזא בחור...

— זעט נאָר ווער עס האָט זיך פאַרליבט?

— ניש'קשה, עס מעג איר אָנשטיין דער צנועה... שוין איינמאָל א צנועה... א צווייג איז זי... אָבער קושן זיך מיט אים האָט זי געוואָלט...

דער רב האָט א שמאַרקן קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— רבותי, שטיל זאָל זיין! איר לאָזט דאָך אפילו אין א ספר ניט אריינ־קוקן.

עמיץ האָט אריינגעוואָרפן א וואָרט:

— זיי מיינען אז זיי זענען ביי זיך אין רויטן הויז!

דער רב איז אויפגעשפּרונגען און א געשריי געטאָן:

— שטיל זאָל זיין שייגעץ!...

דער איצטיקער געשריי האָט געווירקט. מען האָט געקענט ממש אָנ־טאַפּן די שטילקייט. דער רב האָט א רוף געטאָן געצלען:

— ביסט גרייט צו שווערן ביי א ספר תורה?

— כ׳בין ניט גרייט!

— דו ווילסט קיין ליגנט ניט זאָגן?

— ניין, איך גלויב ניט!...

— גלויבסט ניט אין דער תורה?

— איך קען שווערן, אָבער איך גלויב ניט אין דעם!...

אלע זענען געבליבן שטיין אויפגעציטערט. עס האָט זיך בלויז געהערט אן אויסגעשריי פון רבקה׳ן, געצל׳ס מוטער:

— רבי, עס איז ניט אמת!... זי האָט אים אזוי אָנגערעדט!... זי האָט אים אינגאנצן איבערגעפּירט...

דער רב האָט זיך אינגאנצן ניט געמאַכט הערן און ווידער זיך גע־ווענדעט צו געצלען:

— האָסטו מקדש געווען?

— יאָ!

— ווי אזוי?

— אָנגעטאָן איר א רינגל!

— און וואָס נאָך?

— געזאָגט דעם הרי את...

— ווי קען איך דיר גלויבן?

— אויפן ערן וואָרט!

— די תורה גלויבסטו ניט אין דעם!... אז דו גלויבסט ניט אין דער תורה, איז פאר וואס גלויבסטו אז איך דארף אנערקענען דעם „הרי את" וואס האסט דארט געזאגט? דו גלויבסט ניט און ווילסט דיר יא האלטן... איך פארשטיי ניט אזעלכע זאכן. איך וועל בטול מאכן אזא חתונה!...

— כ'האב עדות!

— עדות?

— זיי זיינען געשטאנען דערביי ווען איך האב איר אנגעטאן דאס רינגל.

עס האבן זיך אנגעהויבן ארויסרוקן צוויי דערשראקענע בחורימלעך. עס איז געווען געווען אז פעשקע זאל צו זיי א קוק טאן מיט די גרויסע טשאקאלאט אויגן, זיי זאלן בלייבן שטיין צעטומלט. דער רב האט זיי א רוף געטאן:

— איר זייט גרייט צו שווערן ביי א ספר? וויסן זאל איר זיין אז מען שווערט פאלש ווערט מען פארשאלטן פון דער וועלט און פון יענער וועלט!... אין גהינים ברענט מען און מען בראט... וואס האט איר געזען?

די עלטערן האבן אנגעהויבן צולויפן צו זייערע קינדער שרייענדיק:

— זאלן זיי זיך אליין פארדרייען זייערע קעפ! צו וואס דארפט איר דעם גהינים?

דער רב האט א זאג געטאן:

— אויב זיי וויסן עפעס דארפן זיי זאגן!

דער רב האט א רוף געטאן פעשקען. זי איז צוגעקומען. א שטילער כעס האט זיך אויסגעלייגט אויף איר אויסגעמאטערט פנים. זי האט אפילו ניט געווארט דער רב זאל איר עפעס פרעגן און גלייך אנגעהויבן רעדן:

— רבי, די גאנצע זאך איז א קאמעדיע. מיר געהערן צו איין באוועגונג! מיר האבן זיך אזוי געשפילט! איך האב אינגאנצן ניט געוואוסט פון אזא מין זאך אז מען טאר זיך ניט שפילן מיט קיין רינגל... אז מען טאר זיך ניט לאזן אנטאן פון קיין בחור קיין רינגל. פון וואנען זאל איך וויסן?

— ער האָט דיר אָנגעטאָן דאָס רינגל?

— ער האָט עס אזוי זיך געשפּילט עטלאכע מאָל?

— האָט ער געזאָגט דעם „הרי את״?

— ווער האָט דען געהערט וואָס ער האָט געזאָגט דער פראנץ!...

געצל הויקער איז אונטערגעשפּרונגען:

— איך וועל איר ניט באפרייען רבי, איך האָב איר ליב!...

פּעשקע האָט זיך ווידער א לאָז געטאָן צו אים מיט די פויסטן:

— זעט נאָר ווער עס האָט מיר ליב?... נישטאָ ווער עס זאָל לאכן! איך האָב דיר פיינט ווי א שפּין! דו טאָרסט דאָך אפילו אין א באוועגונג ניט זיין! ביסט אַן אויסוואורף!...

— רבי, עס איז א ליגנט! זי האָט מיר געקושט... זי האָט איצטער חרטה, אָבער איך וועל איר ניט אָפּלאָזן! זי איז מיין ווייב!... איך בין גרייט צו שווערן!

דער רבי האָט ווידער געפּרואווט רעדן צו געצלען:

— לויטן דין קען מען ניט צווינגען א ווייב, ווען עס זאָל זיך ארויסווייזן אפילו אז מען האָט איר מקדש געווען... ביידע טאָרן דערווייל נאָך אמאָל ניט חתונה האָבן ביז די זאך וועט אויפגעקלערט ווערן...

גדליה דער שוסטער איז אריינגעלאָפן א פארסאפּעטער, האָט זיך גלייך א לאָז געטאָן צום רב. אלע האָבן זיך געוואונדערט ווי עס נעמט זיך עפּעס אזויפיל קוראזש ביי גדליהן. עפּעס גייט ער דאָך מיט אזא מין זיכערקייט ווי ער וואָלט געהאט די לייזונג צו דעם סקאנדאל. ער בייגט זיך צו צום רב און זאָגט אים אזוי אין דער שטיל:

— מיר האָבן נאָר וואָס געהאט א זיצונג. מיר נעמען אויף זיך די איניציאטיוו אויפצוקלערן דעם גאנצן ענין. גיט מיר א האלבע שעה צייט אויף צו כאפּן א שמועס מיט חבר געצל און נאָך עטלאכע חברים. דערנאָך וועט אלץ קלאָר ווערן! איר וועט זען ווי מיר וועלן אייך העלפן ארויסקריכן פון דער סיטואציע!.. איך אליין קען ווייניק לערנען! אין

אונזער באוועגונג זענען דאָ אזעלכע וואָס קענען די קליינע פּינטעלעך... עס זענען אויך דאָ ישיבה בחורים...

דער רב האָט ניט געוואוסט צו זאָל ער ווערן אין כעס אויף דער חוצפּה פון דעם שוסטער בחור. ער האָט דאָך דערפילט עפּעס א זיכער־קייט אין דער שטימע זיינער און ער האָט אים א פרעג געטאָן:

— איר וועט אים צוריקברענגען?

— איך שווער אייך ביי מיין לעבן, רבי, אז מיר וועלן אים צוריק־ברענגען!

ד.

אין רויטן הויז קומט פאָר א זיצונג א גאנצע. נייגעריקע מענטשן האָבן זיך א לאָז געטאָן, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן פון דעם היציקן גע־שפּרעך וואָס קומט דאָרט פאָר, שטייט אָבער ביי דער טיר א געזונטער בחור און לאָזט ניט צוגיין ביז צו דער טיר. אלעווייל טוט ער א זאָג א נייגעריקן:

— עס איז דאָ ניט קיין חתונה! א חברים שמועס! א זיצונג! מען וועט אייך שוין לאָזן וויסן מיט דער ערשטער פּאָטשט!...

די נייגעריקע פארשעמען זיך אביסל און טרעטן אָפּ אביסל. דאָך געלונגט זיי פון צייט צו צייט אויפצוכאַפּן א וואָרט וואָס האָט א שייכות צו געצלען מיט פּעשקען... אפילו געצלס שטימע הערט זיך. בלויז פּעש־קען הערט מען ניט. זי וואָס שטענדיק הערט זיך איר שטימע העכער פון אלעמענס, שווייגט גאָר.

דער חבר גדליה שטייט לעבן חבר געצל און טענהט איין מיט אים:

— דו באגרייפסט ניט וואָס עס מיינט פאר אונזער באוועגונג דיין האנדלונג. מיר ווערן דאָך אלע דיסקרעדיטירט. באטראכט זיך גוט חבר געצל: מיר זענען די טרעגער פון סאָציאליזם ביים אידישן פאָלק! מיר זענען די וואָס פירן א קאמף קעגן פינסטערניש און פארשקלאפונג! מיר קלערן אויף און לערנען דעם סאָציאליזם, קומסטו און באנוצט זיך מיט

קלעריקאַליזם... און בכלל איז דיין שטעלונג ניט אויסגעהאַלטן, עס איז ניט סאָציאַליסטיש! וואָלסט געדאַרפט אָנהויבן אביסל מער לעזן וואָלטן זיך דיר געעפנט די אויגן! דו ביסט א געטרייער און איבערגעגעבענער חבר אין דער באַוועגונג, אָבער?...

— אָבער איך האָב זיך פאַרליבט! וואָס בין איך שולדיק? זי האָט דאָך מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט!... איך פיל ווי ניט צו לעבן אָן איר...

— מיר, חבר געצל, האָבן אויך אויף ליבע א גאַנץ אַנדערן קוק. די קליינבירגערלעכע באַגריפן זענען פאַר אונז ניט מאַסגעבנד און מיר זוכן זיי אויסצואוואָרצלען!... וואָס הייסט ליבע? א פאַרשטענדלעכקייט, א חברישקייט פון אַן ער מיט א זי און דעסטגלייכן פאַרקערט! ביי זיי די פרומאַקעס עקזיסטירט ניט דאָס וואָרט ליבע... עס איז גענוג אַז די על־טערן קומען צו וועלכער עס איז פאַרשטענדעניש, שליסן זיי שידוכים דורך שדכנים. דאָס לאַכן מיר אויס! דער סאָציאַליזם לערנט אונז ניט נאָר וועגן קאַפּיטאַל און אַרבעט, נאָר אויך וועגן ליבע און ליידנשאַפט! ליבע אויב זי איז ניט קעגנזייטיק איז עס קיין ליבע ניט... איז עס בלויז ליידנ־שאַפט... ליבע קען מען ניט אַרויפצווינגען... דער מענטש דאַרף זיך קענען קאָנטראָלירן!...

— איך ווייס ניט פון די דאָזיקע זאַכן... חבר גדליה, מיר טוט ווי דאָ אָ... — האָט געצל א ווייז געטאָן אויפן האַרץ, אַפּעלירנדיק מיט די אויגן אַרויסצורופן אביסל רחמנות.

— וואָס קען מען מאַכן? מען מוז זיך באַהערשן! איך וועל זיך ניט שעמען דיר צו זאָגן אַז אויך מיר ציט צו פעשקען. איך ווייס אָבער אַז עס קען ניט זיין! זי האָט פאַר מיר ניט קיין אינטערעס! איך פיל אויך אַז זי איז פאַר מיר ניט צוגעפּאַסט! ניט וויכטיק זענען איצט אַרויסצו־ברענגען די מאָטיוון! דאָס איז א פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט.

ביי פעשקען איז אַדורכגעלאָפן א מחשבה, א געדאַנק וואָס זי האָט גלייך געפּרואווט דערשטיקן. זי האָט זיך דאָך ניט געקענט איינהאַלטן און געפּרואווט א שמייכל טאָן צו גדליהן. ער האָט גלייך אוועקגעדרייט דעם קאָפּ:

— איך וועל ניט זאָגן אַז זי איז אינגאַנצן אומשולדיק! זי האָט נאָך אין זיך אַזויפיל קלײנבירגערישקײט... זי איז נאָך אַלץ מער פרוי ווי חברטע... דו ביסט דאָך דער געזונטער קערן פון די פאָלקס־מאַסן, טאָרסטו זיך ניט לאָזן כאַפּן אין נעץ. דײַן האַנדלונג, דײַן אײַנגעשפּאַרטקײט וועט פון אונז פאַרטרײַבן די מאַסן! פון אײן זײַט קעמפּסטו פאַר פרײַ־הײט און פון דער צווײטער זײַט ווילסטו אַ פרוי אָנטאָן קײטן! ווילסט איר צווינגען זי זאָל דײַן פרוי ווערן! איז עס אויסגעהאַלטן? ווי אַזוי וועסטו מיט איר קענען לעבן?

א צווײטער חבר האָט געפּרוּווט אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט:

— נו יאָ, פּערזענלעכער אימפּעריאַליזם!

דער חבר געצל האָט אַ שמײכל געטאָן:

— נישטאָ אַזאַ מין זאַך! בלויז אַ שײנע פראַזע וואָס פּאַסט זיך ניט צום ענין.

— נו וואָס זאָגסטו, חבר געצל? ווי זאָל מען אַלץ גוטמאַכן? מיר דאַרפן דאָך ווײַזן די קלעריקאַלן, די פאַנאַטיקער, די פינסטערלינגען אַז מיר פאַר־שטײען און קענען בעסער לײזן אַן ענין ווי זײ... מיר דאַרפן ניט קײן שבועות בײַ באָרד און פאות... איז וואָס זאָגסטו, חבר געצל?

געצל האָט אַ קוק געטאָן אין פּעשקעס זײַט, דערפילט די שנאה אין אירע אויגן. ער האָט מיטאײנמאָל דערפילט אַז זײַן האַפענונג איז אינ־גאַנצן אַ פאַרלוירענע. דאָך האָט ער געשוויגן. די חברים פון אַלע זײַטן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם געדולט.

— וואָס שווײַגט ער דאָרט? וואָס מײנט ער זיך? מען דאַרף אים אויסשליסן!...

געצל האָט אויפגעציטערט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: ער קען ניט לעבן אָן איר, אָבער אָן דער באַוועגונג איז ער דאָך אינגאַנצן איצט אַ פאַרלוירענער! וואָס איז ער פריער געווען? אַ שוסטער אינגל וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, קײנער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט... קײן נאָמען אפילו ניט געהאַט!... אַלע האָבן אים גערופן דער הויקער, צוליב דעם וואָס אײן שטיקל פּלײצע איז בײַ אים עפּעס העכער געוואַקסן... ער

האָט אין דעם מאָמענט מקנא געווען דעם חבר גדליה. דער זעלבער שוסטער ווי ער, אָבער ער איז שוין דער פירער דאָ פון דער באוועגונג... פעשקע זוכט אריבערצעוואַרפן אירע טשאַקאַלאַד אויגן צו אים, דרייט ער אוועק זיינע. זי געפעלט אים, נאָר ער וויל זי ניט... זי קומט פון אן אנדער קלאַס... מען דאַרף קענען זיין ווי גדליה... מען דאַרף זיי ווייזן אז מיר זענען אנדערש... איך טאָר איצט ניט לאָזן גדליהן פארלירן... וואָס וועל איך דען געווינען? נו יאָ, ער איז דאָך גערעכט: ליבע קען מען ניט ארויפצווינגען. ער האָט מיט איינמאָל אנטשלאָסן א זאָג געטאָן:

— נו גוט, איך וועל איר גטן!...

א טייל חברים האָבן ארויסלאָזנדיק דעם אָטעם א זאָג געטאָן:

— אזוי רעדסטו שוין צוריק ווי א מענטש!

גדליה האָט א קלינג געטאָן ווידער מיט דעם גלעקל, דרייענדיק מיטן קאָפּ. וואָס האָט אלעמען גלייך געלאָזט וויסן אז ער איז ניט מסכים. ער האָט טאקע גלייך ווידער א זאָג געטאָן:

— ניט דאָס איז דער וועג. אזוי קענען ניט האנדלען קיין סאָציאַליסטן. אונזער איינשטעלונג דאַרף זיין א גאַנץ אנדערע. מיר גלויבן אינגאַנצן ניט אין דעם „הרי את" ווי זיי האָבן אים אוועקגעשטעלט!... עס איז קיין חתונה ניט געווען און עס דאַרף קיין גט ניט זיין! עס איז פאָרגעקומען א נארישע שפּיל, א פלירט צווישן א חבר מיט א חברטע, זיי האָבן געהאַלטן עפּעס א רינגל, נו האָט זיך עמיצן א נאַר אויסגעוויזן... קיינער האָט ניט געזאָגט דעם „הרי את". און צו געצלען האָט ער דירעקט א זאָג געטאָן:

— אמת געצל אז דו האָסט גאָרניט געזאָגט?

— גאָרניט !...

— אן אויסגעטראַכטע מעשה פון אָנהויב ביזן סוף!...

— אויסגעטראַכט!

— די עדות?

— וועלוול, בערל, וואָס זאָגט איר?

— א שפּאַס אזא...

— א געלעכטער בלויז...

— געוואָלט בלויז אביסעלע אָנלערנען פעשקען...

— חברים, פעשקע און געצל: גיט אייך די הענט! עס איז גאָרניט געשען! מען דאַרף בלויז זיך אָפּגעבן מער מיט דער באַוועגונג! מען דאַרף נאָך זייער א סך לערנען! נו שנעלער, חברים! מיר דאַרפן איצט גיין צום רב. איר זאָלט זיך ווײַזן ווי צוהאַלטן חברים! זאָלן זיי זען וואָס אונזערע יאַטן זענען!...

:: :: ::

זיי זענען אריינגעקומען צום רב. אלע האָבן שוין געוואַרט מיט דער גרעסטע אומגעדולדיקייט. פעשקעס טאַטע מאַמע זענען געשטאַנען און געציטערט, קיין געדולד מער ניט געהאַט. צו דער זעלבער צייט האָבן זיי מורא געהאט פאר דעם וואָס קען קומען. מער פון אלץ האָבן זיי איצט געציטערט איבער זייער טאָכטער: ווער ווייסט, אפשר האָט זי מיט אים אָפּגעמאַכט אז עס איז אלץ אמת? אפשר האָבן זיי איר דאָרט איבערגע־רעדט? זיי האָבן דאָך איר דאָרט כשוף אָפּגעטאָן!... זי איז דאָך פאַרקאָכט אין זיי . . . א שרעקלעכע צייט...

גדליה איז צוגעגאַנגען גלייך צום רב, קוקנדיק אויך צו די איבעריקע.

— די זאַך איז אויפגעקלערט געוואָרן! עס לאָזט זיך אויס א גע־לעכטער! זיי, האָבן בלויז געוואָלט אביסל שפּאַס טרייבן! בערל און וועלוול האָבן א שפּאַס געמאַכט, האָט זיך עס דערטראָגן צו אייך ... געצל האָט געוואָלט אביסל אָנלערנען פעשקען... זי האָט זיך מיט אים גע־טשעפּעט, א שפּאַס געמאַכט...

דעם רבס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן:

— געצל, האָסט איר מקדש געווען?

— א ליגנט רבי!

— פעשקע ער האָט דיר מקדש געווען?

— איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געזאָגט אז עס איז נישט אמת!...

— וועלוול, ס'איז אמת, ער האָט איר מקדש געווען?

— זאָל איך געהרגעט ווערן, רבי! ווייס איך וואָס? אפילו קיין רינגל ניט געזען פאר די אויגן... דאכט זיך א בראָשקע האָט ער געהאלטן...

— און דו בערל? ער האָט געזאָגט דעם הרי את?

— גאָרנישט רבי! איר הערט דאָך שוין א מעשה...

דער רב האָט זיך אויף א רגע פארטראכט און א זאָג געטאָן:

— מען קען דאָך אפילו ניט בטול מאכן די התונה! עס איז דאָך אלץ לא היה ולא נברה!... צו די חברים פון רויטן הויז האָט ער א זאָג געטאָן:

— שקצים! אזעלכע לצנות לערנט מען דאָרט ביי אייך? נו וואָס ווארט איר? גייט אייך אלע געזונטערהייט!

פעשקעס מוטער האָט דריי מאָל אויסגעשפיגן:

— וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט זאָל אויסגיין צו אונזערע שונאימס קעפּ...

געצלס מאמע האָט אויך ניט געוואָלט אָפּשטיין. זי האָט אויך געוואָלט ווייזן אז זי וועט זיך ניט לאָזן שפייען אין דער קאשע אריין, האָט זי פארביייגייענדיק פעשקעס מאמע אויך דריי מאָל אויסגעשפיגן און א זאָג געטאָן אלע זאָלן הערן:

— נו גאָט צו דאנקען געוואָרן אוים מחותנים...

אלטער גייט

א.

ווען אלטער איז געבאָרן געוואָרן, האָט זיך אין שטעטל א רודער געטאָן. די באַלמעלאָכעס האָבן אוועקגעלייגט די ארבעט און זיך פארזאמלט ביי א פעסל ביר מיט געפעפערטע ארבעס, צו פייערן דעם גרויסן זיג... מען האָט געהאלטן אין איין אריינגיסן און געוואונטשן מזל טוב פּונקט ווי אלע וואָלטן געהאט א האנט אין אלטערס געבורט. אלעווייִלע האָבן די באַלמע־לאָכעס ווידער זיך צוזאַמענגעלייגט און עס איז אויסגעוואַקסן א פריש פּע־סעלע ביר.

זענען מענטשן פארבייגעגאנגען, געזען די צעהיצטע פּנימער און גע־הויבן מיט די אקסלען:

— וואָס פאַר א יום טוב איז עס היינט ביי די קבצנים?

— אלטער איז געבאָרן געוואָרן! א ברית ביי געצל שניידערוק!...

— געצל לאַטוטניק?... שרה לאה?... אויף די עלטערע יאָרן גאָר?...

— וואָס? עס שטייט אייך ניט אָן?... האָבן די באַלמעלאָכעס צוריק־געפרעגט, ווי זיי וואָלטן זיך געררייצט. — איר האָט מורא אריינצוגיין אָפּ־געבן מזל טוב?... איר זעט דאָך אז די צדיקים האָבן זיך געמיט פאַר זייערט־וועגן!...

געווען זענען אין שטעטל צוויי ווייבער שווין אין די פערציקער. איינע איז געווען דעם רייכן האָלץ סוחר משה פינקלשטיין'ס ווייב און די צווייטע איז געווען שרה לאה געצל דעם לאַטוטניק'ס ווייב. וואָס האָט קוים געהאט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען. ביידע ווייבער האָבן איינגערעדן וועלטן צו האָבן א קינד. דעם האָלץ סוחר'ס ווייב האָט געהאלטן אין איין פאָרן צו גוטע אידן און צו די גרעסטע דאָקטוירים, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן.

שרה לאה דעם שניידערס האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן צו די גוטע אידן און צו גרויסע דאָקטוירים אודאי ניט, האָט זי בלויז געהאַלטן אין איין רייסן קברים אויפן בית עולם און די אויגן זיך אויסגעוויינט. יעדעס מאָל האָט מען געקענט הערן די געשרייען און דאָס אויס׳טענה׳ן זיך אויפן בית עולם ביי די קברים פון די פארשטאָרבענע אבות און עלטער אבות.... אזוי וויינענדיק, האָט זיך זיך אלעווייל דערמאָנט אין א עלטער באָבען פון וועלכער זי האָט בלויז געהערט פון דער באָבען, האָט זי איר געטאָן רופן זי זאָל זיך מיען פאר איר. אָפטמאָל האָט זי זיך אפילו צוזאמענגעטראָפן מיט דעם האָלץ סוחר׳ס ווייב, וואָס איז אויך געקומען אויפן פעלד צו איר׳ע קרובים זיי זאָלן זיך מיען. די שטאָט האָט שוין אפילו פוןביידע געלאכט און געהאַלטן, אַז זיי טוען עס שוין בלויז אוים געוואוינהייט. ניט קיין קלייניקייט, שוין איבער צען יאָר ווי זיי האַלטן אין איין איבערקערן דעם בית עולם און גאָרניט...

מאכט זיך א מעשה, אז עס איז אמאָל געשטאָרבן אן אָרעמאן וואָס איז ניט געווען פון שטעטל. האָט שרה לאה א טראכט געטאָן, זי וועט זיך שטעלן ביים קבר זיינעם און וועט אים א בעט טאָן ער זאָל זיך מיען. זי, שרה לאה, האָט געהערט, אַז עס זענען דאָ אַ סך אָרעמעלייט וואָס זענען פארשטעלטע צדיקים. האָט זי אזוי געטאָן. זי האָט זיך געשטעלט ביי זיין קבר און פונקט דאן ווען מען איז אים געגאַנגען אראָפּלאָזן אין קבר אריין, האָט שרה לאה א עפן געטאָן דאָס מויל אזוי אומגעריכט, אז די עטלעכע אידן וואָס זענען געקומען צו דער לויה האָבן אזש אויפגעציטערט. זי האָט גע־וויינט, געשריגן און געבעטן. די חברה האָבן ניט געקענט איינהאַלטן דעם שמייכל... נאָר שרה לאה׳ן איז עס וויניק וואָס אָנגעגאַנגען... זי האָט זיך אראָפּגעבויגן און אריינגעשריגן אין קבר אריין. דער דיקער קאפטאן האָט איר געהאַלטן ארומגענומען און איר געמאכט נאָך דיקער ווי זי איז: דאָס קורצגעוויקסיקייט פון איר קערפּער האָט איר נאָך מער איינגעשרומפּן און געמאכט אויסזען נאָך מער קאָמיש. דאָס נעזל איז ביי איר געווען שפּיציק פאררימן און דורכגעווייקט מיט די טרערן. עס האָט אפילו האַרמאָנירט מיטן פארפּעצטן קאפטאן.

איינער פון דער חברה האָט איר א נעם געטאָן ביים קאפטאן:

— נו גענוג שוין! מען דאַרף גיין! ס'איז שפּעט! שרה לאה, ווי לאַנג איז דער שיער זיך נאַריש צו מאַכן!...

שרה לאה האָט אַפילו אין זיין זייט ניט געלאָזט אַ קוק טאָן. זי האָט בלויז אַ שנייץ געטאָן דאָס שפּיציקע נעזל און מיטן אַרבל אַ וויש געטאָן די טרערן.

אַז עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע חדשים האָט מען גענומען שמו־עסן אין שטעטל, אַז שרה לאה איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. די לצים האָבן חוזק געמאַכט, ביי שרה לאה'ן איז גרויס געוואָרן דער בויך פון וויינען. אַנדערע האָבן גע'חוזק'ט, אַז פון רייסן קברים קען מען ניט פאַרגיין אין טראָגן. נאָר שרה לאה האָט געהאַלטן אין שווערן ביי אירע עלטער באָבעס, אַז זי האָט געהאַט אַ זכות... עס זאָל אַזוי קומען ישועות און נחמות אויף אידן, זאָל אַזוי קומען שנעל משיח ווי עס איז אמת!... זאָל זי נאָך אַזוי דער־לעבן אים צו פירן צו דער חופה, ווי עס איז אמת...

די שטאָט האָט געלאַכט. בלויז די באַלמעלאָכעס זענען געוואָרן ערנסט נאָך דעם ווי זיי האָבן געכאַפּט אַ שמועס אויג אויף אויג מיט געצלען אין באַלמעלאָכישן שולעכל. זיי האָבן אָנגעהויבן רייבן מיט די הענט און שמו־עסן צווישן זיך אויף זייער שטייגער.

— טאַקע אַ זכות!

— אַ גרויסער זכות!...

— ניסים מן השמים!...

— דער האָלץ סוחר'ס ווייב האָט איינגעלייגט וועלטן און גאָרניט!

— האָבן מיר דאָך טאַקע אַ גרויסן גאָט!...

— תהילים דאַרף מען זאָגן, אַז עס זאָל גיין אַ פּאַרע!...

— נו יאָ, טאַקע תהילים אַז עס זאָל ברענען! ניט קיין קליי־ניקייט! ס'איז דאָך פאָרט אונזער גאָט!... ער האָט זיך צוגעהערט צו דער פאַר־שמאַלצעוועטער שרה לאה'ן, איז ער ווערט אַ מעדאַל!...

— גיט נאָר אַ טראַכט: ניט קיין קלייניקייט. משה פינקלשטיינ'ס ווייב, האָלץ סוחרים, האַנדלט מיט פּריצים, שטייט שטענדיק אין מזרח אין דער גרויסער שול און זי? זי גייט אויסגעפּוצט אין האָניק און אין עסיק,

רייסט קברים און ווישט די הענט מיט א זיידן טיכל... לויפט צו די גרעס־טע דאָקטוירים און צו די גרעסטע רבנים און גאָרניט... נאָר שרה לאה, דאָס דיקע פּעסעלע און ווייסט אזוי וועמען מען דאַרף און וואו מען דאַרף אָנשפּארן... אזוי זיך גאָרניט און האָט אויף זיך א מיניסטער קאָפּ... איך וואָלט פאָרגעלייגט, אז מען זאָל שוין אויף דער קאנטא א ברענג טאָן א פּעסעלע ביר אויף לחיים... זאָלן די שיינע אידן זען, אז די באַלמעלאָכעס האָבן אויך אַ שטיקל צוטריט צו די הימלען!...

אלטער'ס ברית האָט אזוי ארום באקומען א דאָפּלטע באדייטונג. דער זיג פון אָרעמען קלאַס איבערן רייכן און דער זיג פון דעם געבורט פון נאָך א איד.

די גדולה איז געווען גרויס. נאָר שרה לאה מיט געצלען זענען געווען צופיל צעטראָגן צו קענען ארומטאַנצן און ארומשפּרינגען מיט די געהויי־בענע געסט. זיי זענען געווען אריינגעטאָן אין דעם קליינעם קינד וואָס קוים מען זעט עפּעס. עס איז אַ פּיצלס ווי פּייגעלע און האַלט אין איין וויינען... נאָר דאָס גייט שוין די געסט ניט אָן. אבי עס איז געבאָרן געוואָרן... עס איז גע־שען א נס און זאָלן פּלאַצן די וועמען עס געפעלט ניט!...

שרה לאה האָט אויסגעזען זייער בלאס. זי האָט אפילו וואָג פארלאָרן. זי קען נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך, עס איז געווען ניט אזא לייכט האָבן, מ'יין האָט נאָך געמוזט רייסן דאָס פּרוכת אין שולעכל... זי איז אפילו דאכט זיך אינגער געוואָרן פון דער קימפּעט... די עלטער האָט זיך גיכער ארויפגע־רוקט אויף דעם אזוי אויך אויסגעדארטן געצלען וואָס ווייסט איצט ניט אויף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך... ער איז פּשוט ניט גרייט אויפ־צונעמען די גרויסע האָפענונג וואָס האָט אזויפיל יאָרן זיך געטוליעט צי אים אין זיינע געדאנקען.

געצל האָט געלעבט אין אָרעמקייט, נאָר דאָס האָט אים איצט ניט גע־ארט. ער האָט בלויז געטראכט, אז מיט אלטער'ס געבורט האָט ער זיך ווי פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאר אַלע באַלמעלאָכעס, דערפאַר דאַרף ער איצט אָנהויבן שמייכלען צו דער ווייב און איר אפילו צוהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט. אויב שרה לאה האָט געקענט פועלן אזא מין זאך, איז זי

דאָך ניט קײן קלײניקײט... ער װאָלט איצט זײער ניט געװאָלט, אַז זי זאָל אים פֿאַרקלאָגן פֿאַר די חברים, פֿאַר דער משפּחה...

אין דער אמת'ן איז געצל קײנמאָל ניט געװען קײן באַלמעלאָכע. ער האָט אַפילו רעכט קײן צײט ניט געהאַט זיך אױסצולערנען שנײדערײ. אײדער ער האָט נאָך צײט געהאַט זיך אױסצולערנען דאָס פֿאַך, באַפֿן דעם שניט, דעם ריכטיקן געניי, האָט ער זיך „פֿאַרקוקט" אױף שרה לאה'ן, װאָס האָט געדינט בײ אַ שטעטלדיקן גביר און אַזױ װי ער האָט מורא געהאַט, אַז מען װעט זי אױסכאַפּן האָט ער זיך דער ערשטער פֿאַרליבט און אַ װאָרט פֿאַר אַ װאָרט האָט ער שױן געמוזט שטעלן אַ חופּה און גײן פֿאַר זיך. געצל האָט אָנגעהױבן פֿאַרריכטן און איבערנײען מלבושים. מען קען אַפילו זאָגן, אַז געצל איז געװאָרן אַ גאַנצער ספּעציאַליסט. ער האָט געקענט אַזױ גוט פֿאַרלאַטעװען אַ מלבוש, מען זאָל גאָרניט װיסן װעלכעס עס איז געװען די ערשטע שטאָף פֿון מלבוש. טאָמער איז געצלען אױסגעקומען איבערצוניצעװען אַן אַנצוג אױף דער צװײטער זײט, האָט ער זיך ספּעציעל געסטאַרעט עס זאָל אַרױסקומען גאָר גוט. ער האָט דערמיט געװאָלט באַװײזן: אױב איך קען אַלײן ניט אױפֿנײען דאָס מלבוש, איז עס בלױז דערפֿאַר, װײל איך װיל זיך ניט אונטערנעמען, װײל די שטאָפֿן זענען הײנטיקע צײטן זײער טײער און אַ מענטש איז דאָך ניט מער װי אַ מענטש... טאָמער מאַכט זיך און ער װערט געשטרױכלט, איז װיל ער קײנעם ניט אומגליקלעך מאַכן...

האָט טאַקע שרה לאה אָפּטמאָל געהאַט צו אים טענות און איצט נאָך דעם געבורט פֿון אַלטער'ן האָבן זיך אירע טענות נאָך מער פֿאַרגרעסערט. דאָס קינד איז ניט װי אַמבעסטן, עס איז געבאָרן געװאָרן שװאַך, קוים עס אױסגעװײנט, מען דאַרף רופֿן דעם רופֿא, מען דאַרף אַ מעדיצין און מען דאַרף װידער האָבן אַ זכות... ניט אײנמאָל אין יאָר קומט שרה לאה'ן אױס צו לױפֿן אױפֿן פֿעלד די עלטער באָבעס זאָלן זיך באַמיען און אָפּראַטעװען אַלטער'ן װאָס אָטעמט קױם... מען װיל עס פֿון איר אָװעקנעמען, נאָר שרה לאה שרײט אָפּ די גזירה, זי לאָזט זײ ניט רוען די באָבעס מיט די זײדעס אין די קבֿרים. די תהילים זאָגערס זענען שױן מיד פֿון שרה לאה'ס

געבעט, דאָס פּרוכת אין קליינעם שטיבל פון די באַלמעלאָכעס איז פאַר־בעטעט פון אירע הענט. שוין דאָס אַכטע יאָר און קוים וואָס דאָס קינד האַלט זיך, עס קריכט אַרום ווי אַ הינטעלע איבערן שמוציקן פּאָל און שפּילט זיך, עס רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער וואָס זיפּן זיך אַרויס פון דעם ברייט צעעפנטן מויל, די צונג איז עפּעס גרעסער, איז פויל צו לאָזן רעדן ווי עס באַדאַרף צו זיין. בלויז די שטוביקע פאַרשטייען זיין שפּראַך און זעען זיינע חכמות וואָס צייכענען זיך אין קיין זאַך ניט אויס.

שרה לאה האַלט דאָך אין איין אָנקוועלן. ווייזט געצלען די חכמות פון קינד. אָט טוט זיך עס אַ פּלאָנטערביים רעדל פון מאַשין, כאַפּט אַוועק די הענטלעך ווייל עס ווייסט שוין, אַז דאָס הענטל קען אַריינגעכאַפּט ווערן. אַלטער קען נאָך אַלץ ניט גיין, בלויז אַרומקריכן. עס פּראָוווט אַפילו זיך אויפשטעלן, נאָר עס פאַלט צוריק אַוועק. געצל זאָגט אַרויס אַן אַפּיקורסישן געדאַנק: דאָס קינד זאָל אַמאָל ניט פאַרבלייבן קיין קאַליקע?... שרה לאה האַקט אים שנעל איבער: זיץ דיר דאָרט און ניי! זע בעסער עפּעס צו פאַר־דינען און ביים דיר אָפּ די צונג!... זעסטו דען ניט ווי אַזוי דאָס קינד פּרואווט זיך אַלעווײַלע אויפשטעלן? עס איז דאָך קלוג ווי די גאַנצע וועלט!...

געצל וואַרפט אַ בליק, טוט אַ פאַרגעניגנדן שמייכל הויבנדיק בשעת מעשה מיט די אַקסלען. שרה לאה טוט זיך אַ זאָג:

— מיט גאָטס הילף וועסטו נאָך זען ווי ער וועט נאָך דיר אַליין גיין קדיש זאָגן!...

— וואָס רעדסטו, בהמה! דו ווייסט דען וואָס דו רעדסט? הערסט דען וואָס דו פּלוידערסט דאָרט?... אַ ווייב בלייבט אַ בהמה! ווייבער האָבן טאַקע ניין מאָס רייד.

שרה לאה האָט אים געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, האָט זיך פּונקט גע־מאַכט, אַז עטלעכע קונדן זענען אַריינגעקומען מיט איינמאָל אין דעם ענגן צימערל. האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס קינד און איז דערמיט אַרויסגעגאַנגען זיך שפּילן אויפן גאַס. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער ווייבע־רד און אָנגעהויבן אַלע ווײַלע אויסצושטעקן די הענט: נו קום מיין אוצרל!

נו קום לעבן מיינס! האָב ניט קיין מורא שטעלט זיך אויף! אַט אזוי, נו הויב זיך, קום צו דער ליכטיקער מאַמען דיינער! קום! קום! וועל איך דיר עפּעס געבן...!

דאָס קינד האָט ארויסגעשטעקט דאָס ברייטע צינגל קריכנדיק אויף אַלע פיר, האָט געמאכט א באוועגונג זיך אויפצושטעלן און ווידער צוריקגעפאלן. די מוטער האָט עס געפּרואווט אָננעמען ביים הענטל און פירן, האָט זיך עס געלאָזן, האָט עס געפּרואווט אָפּלאָזן האָט עס פארפעסטיקט דאָס הענטל אין דער מוטערס. די מוטער איז ניט מיד געוואָרן און ווידער אָנגעהויבן און אָפּגעלאָזט. דאָס קינד האָט זיך אזוי ווי פארפלאָנטערט און אָפּגעלאָפּן אליין א שטיקל וועג ביז עס איז צוריק אומגעפאלן. די מוטער האָט אָנגעהויבן שמייכלען, איז צוגעלאָפּן צו קינד און עס אָנגעהויבן באָדן אין קושן, רעדנ־דיק דערצו די ליבסטע ווערטער. זי איז צו זיך געקומען פון דער גרויסער איבערראשונג און א כאַפּ געטאָן דאָס קינד ווידער און דערמיט ארייגעלאָפּן אין שטוב מיט אַ פריידיקן געשריי פון אַ גוטער בשורה. די קונדן האָבן אָנגעהויבן קוקן און ניט געקענט פארשטיין אין דער ערשטער רגע וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען. בלויז גנעצל האָט עפּעס אויפגעכאפּט פון שרה לאה'ס פּנים די גרויסע פרייד. זי האָט אזש ניט געקענט רעדן, זי האָט געמאכט מיט די הענט אין אלע זייטן, וואָס האָט געוואָלט הייסן: מאכטס א ווארע וועט איר עפּעס זען!... זי האָט דאָס קינד אוועקגעזעצט אין איין זייט, אליין איז זי פארלאָפּן אנטקעגן מיט די צוויי אויסגעשפרייטע הענט:

— נו שטעל זיך אלטער'ל! זאָל דער טאטע זען! זאָלן זיי זען ווי דו גייסט!

דאָס קינד האָט זיך עטוואָס ווי שיכור'לעך אַ הויב געטאָן און צוגע־לאָפּן צו דער מוטער וואָס איז געשטאַנען מיט אויפגעעפנטע אָרעמס. די פּיסלעך האָבן זיך קיילעכדיק רעגנבויגנדיק געוואקלט, דערגרייכנדיק דער מוטער. דער פּאָטער איז געוועזן אויסער זיך פון שמחה און אָנגעהויבן פּאטשן מיט די הענט זינגענדיק אויפן הויכן קול האָט ער אונטערטאנצט:

שרה לאה, שרה לאה

איך האָב געהאט א זכות . . .
אלטער גייט, אלטער גייט !
ער גייט, ער גייט
און מאכט מיט די פיס . . .

— מיינע באָבעס און זיידעס זאָלן זיך פאר אונז מיען!... האָסט געזען ווי שיין דאָס קינד שטעלט די פיסלעך? אזא נחת! אזא לעבן!... עס זאָל מיר נאָר ניט פארשטערט ווערן! — האָט שרה לאה גענומען אויסקושן דאָס פנים פון אכט יאָריקן אלטער'ן, וואָס האָט עפּעס יאָ געפילט, אז ער מאכט מיט עפּעס זייער גליקלעך טאטע מאמען. ער האָט בלויז ניט באנומען די שמחה פון זיין שטעלן די טריט, פונקט ווי עס האָבן עס ניט באנומען די קונדן וואָס זענען דערביי געשטאַנען און געלאכט.

געצל האָט ניט אויפגעהערט פּאטשן מיט די הענט און זינגען: שרה לאה, שרה לאה, איך האָב געהאט א זכות... דאָס גאנצע שטעטל האָט מער קיינמאָל דאָס לידל ניט פאַרגעסן. האָט מען אלטער'ן געזען ערגעץ גיין האָט מען אים אונטערגעזונגען דאָס לידל. אָפטמאָל האָט ער אפילו ניט געוואוסט פון וואנען ער הערט די שטימע.

ב.

אין חדר האָט אלטער ניט געוואָלט לערנען. ער האָט ניט געקענט פארנעמען. עס איז בשום אופן ניט געקראָכן אין קאָפּ אריין דאָס לערנען. עס האָט גענומען א היפּש ביסל יאָרן ביז דער מלמד האָט באוויזן אים אריינצוקלאפּן, ער זאָל זיך אויסלערנען אביסל דאווגען. די אינגערע חדר אינגלעך האָבן פון אים גע'חוזק'ט, ער איז אָבער געווען פון די שווייגנדיקע, האָט ער זעלטן אָפּגעפרעגט. גאנצע טעג האָט ער זיך בעסער אָנגעהויבן ארומדרייען אויפן מארק, האָט ווער אים געשיקט א גאנג איז ער געווען געהאָרכזאם, האָט מען אים עפּעס געגעבן, האָט ער צוגענומען און ווייטער געגאנגען זיין וועג צוריק צום מארק. אָפטמאָל האָט ער נאָך עפּעס אהיים געברענגט צו די אָרעמע טאַטע מאַמע. די מוטער האָט זיך געפרייט און גערעדט וועגן דעם גאָלדענעם הארץ וואָס אלטער האָט.

יאָרן זענען פאַרבײַגעגאַנגען. אַלטער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדי־קער, דער קאָפּ האָט זיך בײַ אים אויסגעפורעמט עטוואָס גרעסער, די ניט פאַרקעמטע האָר האָבן פון שטאַרק באַוואַקסנקייט זיך אַריבערגעלייגט איבערן אַלט אויסגעריבענעם היטל, די לאַנגע צונג האָט זיך איצט באַהאַלטן צווישן די אָנגעבלאָזענע באַקן און געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט שטענדיק עפּעס געהאַלטן צווישן די פלײשיקע ליפּן וואָס האָבן זיך איבער־געלייגט ווי בייגל און האַרמאָנירט מיט די אויסגעקרומטע קורצע פיסלעך. אויף דער קורצער גאָמבקע האָט שוין בײַ אים געשפּראָצט שיטערע צוואָרפּע־נע העל בלאָנדע האָר. אַזוי איז ער זיך שטענדיק געגאַנגען פאַרטראַכט. נאָר טאָמער האָט ער באַמערקט פאַרבײַגײַן אַ פרוי, האָט ער עטוואָס אַ הייב געטאָן דעם נידעריקן קאָפּ, די ברייטע אויגן האָבן שעלמיש אַ קוק געטאָן, און די ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן...

קיינער אין שטעטל האָט ניט געהאַט אויסצוזעצן קעגן אַלטער'ן. ער איז שטענדיק געגאַנגען זײַן וועג, אַזוי שטיל און געהאַרכזאַם. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז אַלטער איז ניט צופיל איבערגעשפּיצט, ער איז דאָך געבאָרן געוואָרן ניט קיין שטאַרק געראָטענער, האָט מען אים נאָך איצט פאַרטשעפּעט אין אויפגעזונגען דעם טאַטנס לידל: שרה לאה, שרה לאה, איך האָב געהאַט אַ זכות, אַלטער גייט, אַלטער גייט, ער גייט און גייט און מאַכט מיט די פיס... אַז ניט האָט מען בלויז אַ זאָג געטאָן: אַלטער גייט!... ער האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט... האָט ער בלויז אַ צופּ געטאָן אַ האָר פון שיטערן בערדל און אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער קײַען מיט די ליפּן, אָדער גאָר אַ הייב טאָן אַ האַנט איבערן אַקסל און אָנגעהויבן קראַצן די פלייצע. ער גייט דאַן אַוועק, נאָר אין די אויערן הערט אים ניט אויף צו קלינגען דער ניגון: אַלטער גייט! אַלטער גייט! ער גייט און גייט...

אין אַ צײַט אַרום איז דאָס שטעטל ווידער אויפגערודערט געוואָרן. עס איז עפּעס געשען וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל געשטעלט אויף די פיס. אַ טייל האָבן געלאַכט, אַנדערע האָבן זיך אפילו געשראָקן: מיט איינמאָל איז אַלטערס נאָמען אַרויפגעקומען אויף יעדנס ליפּן. עס איז עפּעס געשען מיט

אלטער'ן, וואָס האָט לחלוטין ניט געפּאַסט פאר אזא טיפּ ווי אלטער איז. קיינער אין שטעטל האָט גאָרניט געקענט טראכטן, אז אלטער'ן זאָל גאָר ליגן אינזינען אזעלכע זאכן, ער זאָל פּייאיק זיין צו אזא מין זאך. ער איז געגאַנ־גען אַן אָנגעפּעלצטער אין א קאלטן פראָסט, עס איז געווען אונטער דער שטאָט, איז אים אנטקעגנגעקומען אַן אלטע באָבע, איינע אליין, האָט ער זיך צוגעשארט צו איר, געזאָגט גוט מאָרגן, זי האָט ברייטלעך אָפּגעענטפערט, האָט ער זיך נאָך מער דערנענטערט צו איר, זיך אָנגעהויבן אָנרירן ביי איר איינגעפּעלצטקייט, די אויגן ברייטע האָבן זיך נאָך מער געעפנט, די ליפּן האָבן עפּעס אָנגעהויבן קייען און ער האָט איר געגומען אָנהויבן קושן. די אלטע גויע האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן שרעקן און צלמען... אלטער האָט איר געפּרוּווט ארומנעמען, די אַלטע באָבע האָט אים געפּרוּווט אָפּשטויסן, פריער מיטן גוטן, דערנאָך האָט זי שוין אָנגעהויבן שרייען אויף אים. ער האָט זי געפּרוּווט מער ארומנעמען און איר אומגעוואָרפן אויפן שניי, די באָבע איז געוואָרן אויסער זיך, זיך געפּרוּווט ווערן. ער איז געוואָרן צו־דרינגלעך אין אָנגעויבן סאָפּען. די באָבע האָט זיך געווערט מיט אלע כחות...

אלטער ווייסט ניט וואָס עס איז מיט אים געשען. ער ווייסט בלויז, אז אין די געדאנקען האָט זיך עפּעס געפּלאָנטערט: ער איז יונג און אָט גייט א פרוי... א סך עלטער פון אים, אָבער דאָך א פרוי... ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרוי... דער יצר הרע איז גרויס... וואָס איז דער אונטער־שייד? עס וועט דאָך אים אָנקומען לייכט... זי וועט דאָך זיכער אים וועלן... ער וועט א פּרוּוו טאָן... זי וואָרפט זיך... אזוי זאָגט מען דאָך זענען פרויען... מעג עס אפילו זיין א באָבע, מאכט זי דעם אָנשטעל... אז ער וועט איר זאָגן, אז ער באַגערט זי... ער גלוסט צו איר, וועט ער זי האָבן... מען דאַרף בלויז א ריס טאָן דעם דיקן קאַפּטאַן... וואָס שרייט זי אזוי די אלטע קלאַפּ־טע... זי שטייט זיך נאָך אין גרויסן!... אפשר ניט? עס איז דאָך שוין שפּעט! עס רייצט אים איצט אזוי שטאַרק ווי קיינמאָל ניט... דער באָ־בעס קולות הויבן אים פּלוצלינג אָן שרעקן... עס דאכט זיך אים, אז ער הערט טריט. הויבט ער אָן לויפן און פּאַטשען מיט די קרומע פיס. די באָבע הויבט זיך אָן צלמען און הויבט אָן נאָך מער צו שרייען...

ווען די באָבע איז אָנגעקומען אין שטאָט אריין און אָנגעהויבן דער־ציילן די געשיכטע וואָס עס איז מיט איר געשען, האָט מען בשעת מעשה געמיינט, אז די באָבע איז פון זינען ארונטער. עס איז געווען אן אלטע גויע שוין איבער פופציק, מיט א סך קנייטשן אויפן פנים און ווי זי דערציילט עס די אומגלויבלעכע געשיכטע, אז דעם אלטן לאָטוטניקס זון האָט זיך אויף איר געוואָרפן און געוואָלט מאַנ׳ים זיין... מען האָט אָנגעהויבן ארומזוכן אלטער׳ן און ניט געפונען. די באָבע האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און איין אי־בערדערציילן די געשיכטע אז עס איז אמת. זי האָט עס אפילו דערציילט מיט א געוויסן שטאָלץ פון פרויעשקייט... צו דער זעלבער צייט האָט זי געהאַלטן אין איין דראָען, אז זי וועט צו דער פאָליציי גיין!

די ליצים אין שטעטל האָבן עס אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן זינגען דאָס לידל „אַלטער גייט"... אזא שטילינקער און קריכט צו אַלטע באָבעצעס. נו גיי ווייס... דאכט זיך ער קוקט דאָך קיינעם אפילו אין די אויגן ניט אריין.... עס דאַרף דאכט זיך קיינעם ניט.... נו גיי ווייס...

די באַלעבאַטישע מענטשן האָבן שטילערהייט שעמעוודיק געקאָמענ־טירט די געשיכטע, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל. אזא בושה! מען דאַרף דאָך זיך באַגראָבן פאַר חרפה... פון שטאָט ארויסטרייבן דאַרף מען אים! אין קיין אידיש הויז טאָר מען אים מער ניט אריילאָזן! וואָלט ער כאָטש א קריך געטאָן צו א אידישער!... אזוי שטיל, קען דאכט זיך קיין צוויי ניט ציילן... וואו איז ער איצט?

שרה לאה איז ארומגעלאָפן ווי א משוגענע און געבראָכן די הענט. זי האָט זיך אליין געקניפּן אין די באַקן און געהאַלטן אין איין שרייען: וואו איז מיין קינד! די שונאים האָבן אוודאי אויסגעטראַכט! ער טשעפּעט דאָך אפילו קיין פליג ניט אויף דער וואַנט... איר קענט דאָך אים אַלע! האָט רחמנות! וואו איז מיין קינד! איך בין דאָך א מאַמע, ווען ער איז אזוי, וואָלט איך ניט געוואוסט?... מען פאַרגינט מיר ניט דאָס שטיקל קינד וואָס איך האָב אויפגעהאָדעוועט.

עס איז ווער פאַרבייגעגאַנגען און א מורמל געטאָן, אז אלטער איז שוין אין שטוב. א שטאָט מיט מענטשן שטייען און קוקן אריין דורך די פאַר־

פרוירענע פענסטער, ווי אזוי דער אלטער געצל שטייט מיט א פּאַסעק און שלאָגט אלטער'ן מיט די לעצטע כּוחות און האלט אין איין שעלטן.

די מוטער האָט זיך א כאַפּ געטאָן, ווי מען וואָלט איר א שטאָך געטאָן דאָס לייב מיט נאָדלען. זי האָט זיך געלאָזט לויפן מיט א געשריי.

— ער וועט מיר דאָרט דער'הרג'ענען דאָס קינד! אזא אומגליק!... עס האָט מיר עמיץ פאַרשאָלטן!...

שרה לאה האָט א קוק געטאָן צו דער שטוב און אָנגעהויבן נאָך מער פאַרשנעלערן די טריט שרייענדיק בשעת מעשה צו די נייגעריקע מענטשן: עס איז דאָך ניט קיין חתונה אידן! האָט רחמנות! איר קענט דאָך מיין אל־טערן! זוכט זיך אנדערע פאַרגעניגנס!...

זי איז קוים אריינגעלאָפן אין שטוב, א ריס געטאָן דעם פּאַסעק פון געצלס הענט, ער איז אזש אומגעפאַלן. אלטער איז געווען באַשיט מיט רויטע צייכנס. ער האָט ניט געוויינט. די מוטער האָט אים דורכגענומען מיט די אויגן, ער האָט זיי באַהאַלטן. זי האָט א זאָג געטאָן אין איין אָטעם:

— וואָס איז געשען? נו זאָג אלטערקע! ענטפער! וואָס ענטפערסטו ניט? ס'איז אמת מיט דער אלטער מכשפה?... וואָס איז מיט דיר געשען?... ווער האָט דיר אָנגערעדט? ניט אנדערש?... זאָג מיר, כ'בעט דיר, זאָג אז עס איז ניט אמת... אפשר זאָל איך גיין קברים רייסן? אפשר דאַרפן זיי זיך ווידער מיען פאַר מיינעטוועגן? אפשר האָב איך עפּעס געזינדיקט? ניט דו! אלטער, וואָס ענטפערסטו ניט? ביסט דאָך ניט פון קיין שטיין געבוירן?!... קוק צו מיר! ענטפער! עס איז אמת!... זי האָט דיר גע־שלעפּט? זי איז עס... אזא מכשפה!

אלטער האָט זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים, פון די אויגן האָט זיך געטרערט ווי פאַרגליווערטע פיש יויך. ער האָט פון צייט צו צייט א זיפץ געטאָן. די מוטער האָט עפּעס אויפגעכאַפּט א שטילן שעפּטש פון די ליפּן.

— מער ניט!... שוין קיינמאָל ניט, מאַמע!... שוין מאַמע...

ערשט איצט האָט די מוטער באַגריפן. מיט איינמאָל איז פאַר איר אלץ קלאָר געוואָרן. ביז איצט האָט זי ניט געוואָלט צולאָזן אזא מין זאַך. איצט

האָט זי אַלץ פאַרלוירן!... די בושה, וואָס וועט די שטאָט זאָגן?... וואָס וועט איצט ווייטער זיין? זי האָט דאָך צוריק פאַרלאָרן דאָס קינד. מען האָט איר פאַרשאָלטן איר אויסגעוויינטן אַלטער'קען. עס איז איר איצט אַזוי שווער. עפּעס קלאַפּט ביי איר דאָס האַרץ... עס שטיקט... זי קען דאָך מער אויף די פיס ניט שטיין. זי פּרואווט זיך צוהאַלטן... שוין עס ענדיקט זיך. זי וואָלט בלויז כאָטש געוואָלט אַלטער'ן זאָגן, ער זאָל קדיש זאָגן, ער זאָל... ניין... עס גייט אוועק.

שרה לאה איז אומגעפאַלן. געצל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, געמומען קלאַפּן איבער די באַקן זי זאָל צו זיך קומען. אַלטער האָט זיך אויך אַ בויג געטאָן צו דער מוטער, גענומען שרייען און רופן דער מוטער, געוואָלט עפּעס זאָגן... עס איז שוין ניט געווען ווער עס זאָל אים אויסהערן.

שרה לאה האָט עס ניט געקענט אַריבערטראָגן. עס איז געווען צופיל פאַר איר קראַנקן צובראָכענעם גוף און נאָך מער פאַר איר צעווייטאָקטער נשמה...

געצל איז מיטאיינמאָל נאָך מער גרוי געוואָרן. ער האָט אפילו גע־פּרואווט אַ כאַפּ טאָן די שער, נאָר אַזוי ווי אַלטער האָט זיך ניט געווערט, האָט ער זי גלייך צוריק אַרויסגעלאָזט פון די הענט. ער האָט זיך אַליין אָנ־געהויבן קלאַפּן איבערן קאָפּ מיט די פויסטן. צו וואָס דאַרף איך אַליין לעבן? צו וואָס גאָטעניו? זאָג מיר צו וואָס דאַרפסטו מיר נאָך אויף דער וועלט? נעם שוין מיך אויך צו.

אין שטאָט האָט עס געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק. די גאַנצע שטאָט איז מיטאיינמאָל איינגעהילט געוואָרן אין טרויער. אַלטער איז נעלם גע־וואָרן פון שטעטל.

דער שדכן

א.

אין בית־המדרש, וואו מיר זענען געזעסן און געלערנט, האָט זיך באַוויזן אַ געל אידל מיט אַ שפּיציק בערדל. ער איז געווען אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש ווי די אַנדערע גייערס. ער האָט ניט געזוכט מען זאָל אים נעמען פאַר אַן אורח, ניט געוואָלט רעדן כמעט מיט די עלטערע אידן. יעדעס מאָל, וואָס עס איז אים אויסגעקומען צו רעדן מיט די עלטערע, האָט ער געציילט די רייד, געענטפערט האַלבע ווערטער. בלויז דעמאָלט, ווען די עלטערע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך צוגעזעצט צו אונזערע טישן און גערעדט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויך אָפּגעזונדערט מיט איינעם פון די גאָר יונגע און האָט עפּעס אין אים אריינגערעדט. דאָס בחורל פלעגט אים אויסהערן, פון צייט צו צייט רויט ווערן און אויך אָנגעהויבן רעדן. דאַן האָט דער געלער אידל זיך אָנגעהויבן ציפּן די שיטערע האָר פון רויטן בערדל, דלובנדיק מיט דער אַנדערער האַנט ביי די נאָזלעכער. עס האָט זיך געמערקט די גרעסטע נייגעריקייט פון זיין צד. מען האָט געקענט זען פונווייטנס ווי ער שלינגט ממש די ווערטער. נאָך דעם פאַרענדיקטן שמועס, האָט מען ביי קיינעם ניט געקענט ארויסבאַקומען וואָס זייער שמועס איז געווען.

אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך אויך צו מיר דערנענטערט, אַ קוק געטאָן וואָס איך לערן. זיינע שטאָלענע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין מיינע:

— ווי אַלט ביסטו?

— מיר איז געוואָרן פערצן יאָר.

איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב דעם אמת ניט געזאָגט, אַז איך בין ערשט אַריין אין ערשטן חודש פון פערצנטן יאָר. עס קען זיין, אַז איך האָב

ניט געוואָלט יונג זיין אין זיינע אויגן... ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, געזען מיינע אָפּגעריסענע קליידער און אַפילו באַוויזן דאַכט זיך אויפצוכאַפּן די אויגן פון מיינע צעריסענע שיך. ער האָט אַרויסגערעדט:

— פון אָרעמע עלטערן?

— אַ יתום!

— אַ קיילעכדיקער?

— איך האָב אַ מאַמען ביז הונדערט און צוואַנציק.

ער האָט מיך אַ הייב געטאָן פון פלאַץ און אָן שום צערעמאָניעס צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— מירן זיך אַדורכשמועסן! עס איז צייט זאָלסט שוין אויך וויסן!...

אין מיר האָט אַ ברען געטאָן די נייגעריקייט. איך האָב זיך דערמאָנט אין די אַנדערע בחורים מיט וועמען ער האָט זיך שוין דורכגעשמועסט און פון וועלכע מען האָט די גאַנצע צייט ניט געקענט אַרויסבאַקומען קיין קלאָרע ווערטער. עס האָט זיך בלויז אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז ער איז איינער פון די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס האַלט, ווייזט אויס, ביי נתגלה ווערן...

די חלבנע ליכט אין בית־המדרש האָבן ווייניק־וואָס באַלויכטן דעם אָפּגעזונדערטן פלאַץ, וואו מיר זענען געזעסן. אונזערע פּנימער האָבן זיך געזען בלויז אין שאָטן. ער האָט מיר אָנגענומען ביי די אַקסלען. דאָס קול זיינס האָט זיך קוים געהערט, עס איז געקומען פון אַ טיפעניש:

— זאָלסט וויסן זיין, עס פעלן בלויז צוויי טעג אַז משיח זאָל קומען!... ער וועט ניט קומען ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים! דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ שטעטעלע, געפינט זיך אַ שמיד. אזוי שנעל ווי ער וועט אָפּקאָוועןדי לעצטע זעקס פערד וועט קומען משיח!... ער וועט אים ברענגען! ער איז גענוג שטאַרק! איך בין בלויז זיין משמש! עס פעלט נאָך צוויי טעג, זאָלסטו געדענקען, און מען טאָר נאָך דערפון ניט רעדן! ער איז נאָך ניט נתגלה געוואָרן! איז פאַרוואָס איך האָב דיך אָוועקגערופן? כדי דיר אָנזאָגן, אַז זאָלסט אין די צוויי טעג תשובה טאָן!... דו ביסט

זינדיק! איך זע עס אין דיינע אויגן!... פייער גייט פון זיי! אזויפיל זינד!
אוי ווי איז מיר!

אַלץ האָט אין מיר אָנגעהויבן צו ציטערן.

— וואָס זאָל איך טאָן, רבי?

— איך בין ניט קיין רבי! אַ שליח בין איך אויסצוהערן! דו דאַרפסט זיך פאַר מיר מתוודה זיין! דאַרפסט קיין זאַך ניט פאַרלייקענען! אַלע זינד וואָס ביסט באַגאַנגען דאַרפסטו דערציילן! דאָרט אויבן ווייסט מען סיי־ווי־סיי, מען וויל בלויז הערן פון דיין אייגן מויל. דעמאָלט וועט דיר פאַרגעבן ווערן איידער משיח קומט... שעם זיך ניט, איין מענטש פאַרן אַנדערן האָט זיך ניט וואָס צו שעמען!... דו ביסט יונג און האָסט גלוסטעניש... און די מחשבות טוען זייערס...

דאָס געלע אידל אין שאָטן האָט נאָך געהאַלטן אין איין אריינרעדן אין מיר. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו לייקענען! ער ווייסט דאָך שוין! ער רעדט דאָך שוין דערפון, איז וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס לייקענען? איך וועל דאָך בלייבן אַ ליגנער!... דאָס געלע אידל לייענט ביי מיר אין די געדאַנקען... ער זיצט שוין דאַכט זיך אין מיר. איך האָב אָנגעהויבן קרעכצן אונטער דער שווערער משא, דערהערט זיינע לעצ־טע ווערטער וואָס האָבן מיר געברענט — „מענטשלכע שוואַכקייטן“... דאַכט זיך עס פלאַמט פון אים, ער ברענט שוין פון נייגעריקייט דאָס געלע אידל. דאָס נייגעריקייט זיינס איז ניט מענטשלעך...

— איך בין טאַקע זינדיק!

— דאָס אַליין זאָגט גאָרניט! איך דאַרף וויסן ווי אזוי?... עס זע־נען דאָ פאַרשידענע זינד! זינד, וואָס מען נעמט אויף זיך, און זינד, וואָס עס ווערט אויף איינעם ארויפגעלייגט, זינד פון תאווה...

איך האָב געזען, אַז איך קען פון אים גאָרניט באַהאַלטן.

— אַפּטמאָל גיי איך ארויסהעלפן אין די פּרעס־מאַשינען, וואו עס ווערט געמאַכט דער אייל. איך העלף זיי צו בחינים. עס קומען דאָרט די שיקסעס מיטן קימאַך אויסקוועטשן דעם אייל, העלף איך צוצודריקן די פּרעס. אַלע ווילע ווערן די שטאַנגען געביטן, מיט יעדן מאָל ווערן זיי

שווערער און וואָס מער מען קוועטשט, אַלץ מער אייל גייט אַרויס. עס טרעפט אָפטמאָל אַז די שיקסעס קומען אַליין, דעמאָלט העלף איך צו, ווייז מיין גבורה... אונזערע הענט פּלאָנטערן זיך, רירן אָן, מיר דערמאָנען זיך, דערפילן די היץ... דער קעלער איז פינצטערלעך, שלאָגן מיר זיך שולדיק־אומשולדיק... איך דריק־צו די שטאַנג, אַ שיקסע דריקט זיך איבער מיר מיט איר פולן קערפער און ווייכן לייב... די בריסטן קוקן אַריבער, רייצן זיך מיט מיר, מיר לאָזן נאָך די שטאַנגען, הערן בלויז די טראָפנס אייל. עס טרעפט אָפטמאָל אַז מיר קנייפּן זיך און פאַרגייען זיך אין קושן...

איך בין פּלוצלינג שטיל געוואָרן, זיך אָנגעהויבן שעמען. דאָס געלע אידל האָט ניט נאָכגעלאָזן, ער האָט אָנגעהויבן קראַצן, ממש זיך געצאַפּלט. איך האָב געפילט ווי אַלץ אין אים זידט און קאָכט...

— און וואָס איז ווייטער געשען?

— ביי דעם אייל־שטאַנג... דער שטן אין מיר האָט געוועלטיקט... זיך ניט געקענט ווערן...

— די יצר הרע איז גרויס?...

— גרעסער ווי דער גלות, רבי!...

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך? טומאה מיט קדושה... און איצט זענען ביי דיר ריין די מחשבות?...

— אַז מען דערמאָנט זיך, קענען זיי ניט זיין ריין...

— ביי מיר לייטערן זיי זיך פון דעם אַליין... איך לייטער זיי מיט רייד... — האָט מיר דאָס אידל געזאָגט מיט אַ שמייכל... נאָר איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב געפּרואווט צוגיין צום טיש, וואו די אַנדערע בחורים זענען געזעסן, און ניט געקענט אויסהאַלטן זייערע בליקן... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי לייענען איצט אַלע אַרויס מיינע געדאַנקען. מיר האָט געפלאַמט דאָס פּנים. די ליכט האָבן טיילווייז אָנגעהויבן צו צאַנקען און אפילו אַנטקעגנטאַנצן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אויך זיי ווייסן שוין פון מיין גרויסן סוד, וואָס איך האָב דערציילט דעם געלן אידל ערב משיח'ס קומען.

איך האָב זיך גלייך געלאָזט אהיימגיין, פאַרזונקען אין מחשבות. האָבן די אַנדערע אויך אים דערציילט אַזעלכע סודות?... האָבן זיי זיך גע־שעמט? און טאָמער וועט ניט קומען משיח? און אפשר וועט גאָר דאָס גאַנצע אידל אהיימגיין און דערציילן ביי מיר אין שטוב?... איך האָב זיך געפילט ווי אַן אויסגעלייטעקטער, אַ נאַקעטער... די נאַכט בין איך שוין ניט געשלאָפן, געציילט די שעהן פון משיח, טראַגנדיק אין מיר דעם גרויסן סוד... פון ערגעץ, פון די טיפענישן, איז מיר אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף קעגן די אייל־שטאַנגען פון די פרעסמאַשין. יעדעס מאָל האָב איך אויסגע־בונדן דעם געדאַנק, עס פעלט אזוי ווייניק צו משיח...

די מאַמע איז געשטאַנען און האָט געבאַקן געבעקסן. עס דאַרפן קו־מען געסט צו אונז. איך האָב געטראַכט, אַז די מאַמע אַרבעט אומזיסט, זי מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, איך ווייס אפילו ניט וואו זי האָט גע־נומען דאָס געלט זיך אזוי צו גרייטן? איך ווייס אפילו ניט פאַרוואָס די געסט זענען אזוי חשוב? איך ווייס בלויז דעם גרויסן סוד, אַז זי וועט אינ־גאַנצן אין צוויי טעג אַרום שוין דאָס אַלץ ניט דאַרפן. זי ווייסט ניט, אַז משיח דאַרף קומען? איך טאָר עס איר ניט אָנזאָגן!...

ב.

איך לערן מער ניט אין בית־המדרש. מיר איז ניט שיין אפילו זיך צוצוזעצן צו זייער טיש, נאָך דעם ווי ס'איז אוועקגעגאַנגען עטלעכע חדשים און משיח איז אַלץ ניט געקומען! נאָך מער: אין אַ צייט אַרום האָב איך געהערט, אַז דאָס געלע אידל איז ערגעץ אין אַ שטאָט לא עליכם אַראָפּ פון זינען... דאָס אַלץ — זאָגט מען — איז ביי אים געווען אַזאַ מין קראַנק־הייט... זיין חברן זיך מיט די יונגע בחרים'לעך האָט געהאַט אַן אַנדער באַדייטונג... הייסט עס אַז איך האָב זיך אומזיסט ארויסגעגעבן. איך האָב זיך פּלוצלונג דערפילט אַ נאַקעטער פאַר אַלעמען, מער ניט געקענט גיין אין בית המדרש אַריין. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אויף מיר, זעען מיך אינגאַנצן אַ נאַקעטן מיט גוף און נשמה...

די מאַמע האָט ניט געוואוסט די סיבה פאַרוואָס איך וויל מער ניט גיין אין בית־המדרש. זי האָט בלויז געפילט, אַז עפּעס אַ קליפּה איז אין מיר אריין, דער שטן, דער יצר־הרע האָט זיך אין מיר אריינגעכאַפּט און דערפאַר וויל איך מער ניט גיין לערנען...

נאָך פאַרשידענע איבעררעדן, האָבן מיך די מאַמעס טרערן איבערצייגט אַז לערנען דאַרף איך, אויב ניט אין בית־המדרש איז ביי שמואל שוחט, מיט וועמען זי האָט זיך שוין אַדורכגערעדט וועגן דעם. הגם ער לערנט ניט מיט קיינעם, וועט ער דאָך מיט מיר מאַכן אַן אויסנאַם. לערנען, לערנט ער דאָך סיי־ווי־סיי. עס וועט ניט זיין קיין לערנען פון אַ רבין מיטן תלמיד... איך וועל אַזוי אַרום ווערן אַ גרויסער לערנער. די מאַמע האָט מיר צוגע־זאָגט גילדענע גליקן פאַר מיין לערנען. און זי האָט מיר טאַקע גלייך אָנגע־הויבן באַהאַנדלען בעסער ווי שטענדיק. זי האָט זיך אָנגעהויבן צאַפּלען אַרום מיר און ניט אָפּגעזאָגט קיין זאַך וואָס איז נאָר געווען אין אירע מעג־לעכקייטן. זי האָט מיך גלייך אַוועקגעפירט צו אַ שניידער און איבערגעניי־צעוועט אַ באַזונדער מלבוש, וואָס האָט מיך געמאַכט אויסזען ווי אַ גרויס־ער איד, ניט סתם אַ איד וואָס מען קען שוין מצרף זיין צו אַ מנין, נאָר אַ איד וועמען עס פּאַסט שוין אפילו צו האַלטן אַ שטרוי אין מויל ווי ר׳ צדוק דער תבואה־סוחר... נאָך מער האָב איך זיך דערפילט ווי אַ גרויסער איד, שוין צוליב דעם אַליין וואָס ר׳ שמואל שוחט האָט אַ חוץ לערנען מיט מיר אויך פאַרפירט פאַרשידענע שמועסן, אמת די שמועסן האָבן זיך מערסטנס געדרייט אַרום מיין מאַמען, אַרום מיין היים. דאָס האָט מיך אָבער שטאַרק דערנענטערט צו אים. אויך די מאַמע האָט מיר יעדעס מאָל, ווען איך בין אַהיימגעקומען, זייטיק געפרעגט וועגן ר׳ שמואל שוחט, וואָס ער האָט גע־זאָגט? וואָס ער האָט געפרעגט? וואָס איך האָב געענטפערט? און וואָס ער האָט ווידער געזאָגט?...

איך האָב געפילט, אַז איך דערפיל דערמיט אַ געוויסע שליחות, אַ חוץ לערנען... מיר זענען אָנגענעם געווען די דאָזיקע שמועסן, סיי מיט דער מאַמען און סיי מיטן שוחט. דער שוחט איז געווען אַזאַ מין שטילינקער, אַ פאַרחלומטער. יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיט מיר גערעדט סיי פון מיר

און סיי פון מיין מאַמען, האָט ער שטענדיק אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן זיפץ פון די טיפעניש, וואָס איז ערגעץ געהערט געוואָרן, דאַכט זיך, דער עיקר אין מיין שטוב... ווייל אויך דאָרט האָב איך געהערט דעם זעלבן קרעכץ, ניט נאָר ווען די מאַמע האָט מיך גענומען אויספרעגן, נאָר אויך דעמאָלט, ווען זי האָט געהאַלטן דעם דורכגעווייקטן פון טרערן געלן סידור פון מיין באָבען, פון וועלכן זי האָט יעדן טאָג געדאַוונט.

ר' שמואל שוחט איז געווען אַ איד אַן אַלמן, שוין אַ פופצן יאָר ווי דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן און אים געלאָזט אַ טעכטערל וואָס הייסט זעלדע, זעלדע איז מיט אַ יאָר עלטער פון מיר. זי איז די גאַנצע באַלעבאָסטע פון שטוב. מיר רעדן ניט צווישן זיך, בלויז ווען דער שוחט גיט אַ וואונק, מען זאָל אויך פאַר מיר אוועקשטעלן אַ גלעזל טיי, דעמאָלט באַגעגענען זיך אונזערע בליקן. אין דער רגע טראַכט איך, ווי אַזוי אַ וואָרט אַרויסצולאָזן ביי דער געלעגנהייט, נאָר איך בלייב שטענדיק מיט די ווערטער אין האַרצן. עס דאַכט זיך מיר, אַז די פאַרע פון דער הייסער טיי דערלאָזט ניט אַרויסצוברענגען עפּעס אַ וואָרט וואָס קלעפּט שטענדיק אויף די ליפּן...

— „אַ דאַנק" — דאָס טראַכט איך בלויז וועגן דעם וואָרט, וואָס דאַרף אפשר האָבן אַ פאַרבינדונג אויף שפּעטער. בלויז איין מאָל איז מיר געלונגען אַרויסצוברענגען דעם „דאַנק". איך בין אויף אַ רגע געבליבן אַליין, ווייל דער שוחט איז פונקט געגאַנגען אין פעדער־הויז שעכטן אַן עוף, פונקט דאַמאָלט האָט זי זיך באַוויזן מיט דער טיי. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ דאַנק זעלדע!...

דאָס גלעזל טיי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אפילו אַ שפּריץ געטאָן אויף איר הענטל. פון מיר האָט עפּעס אַזעלכעס ווי ווערטער אַרויסגעכריפּעט:

— וואָס, זיך אָפּגעבריט די האַנט, זעלדע? — גלייכצייטיק האָבן מיינע אויגן זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון איר צאַרט־ווייס הענטל, טראַכטנדיק בשעת מעשה וועגן דער אייל־מיל...

— ס'איז ניט אַזוי הייס! — איז זי רויט געוואָרן און האָט גענומען

ווישן די האַנט אין קליידל און זי באַהאַלטן... זי האָט ווייזט אוים אויפֿגעכאַפּט מיינע בליקן.

דער שוחט איז אריינגעקומען, אונטערגעברומט עפּעס אַ ניגונדל. די צוויי גלעזער טיי זענען געשטאַנען אויפֿן אויסגעהויקערטן טיש און געפּאַרעט. די רויטע פּאַטשיילע זיינע איז געלעגן אויפֿן אויפֿגעדעקטן ספר. ער איז צוגעקומען, געמאַכט אַ ברכה און אַ זופּ געטאָן די הייסע טיי. די פּאַרע האָט זיך געהויבן צו דער שוואַרצער לאַנגער באָרד, וואָס האָט זיך עטוואָס געגעצט ביים מויל. נאָך יעדעס מאָל אַ זופּ טאָן, האָט ער ארויסגעלאָזט דעם ברייטן איי־איי און אַ גלעט געטאָן די גרויסע באָרד פֿון אויבן ביז אַרונטער. פֿון צייט צו צייט, האָט ער אריינגעלאָזט די פֿינגער צווישן דער געדיכטער באָרד, אַ קראַץ געטאָן אזוי ווי ער וואָלט פֿון דעם געוואָלט אויסקראַצן אַ געדאַנק צי פֿאַרבינדן אַ שטיקל געשפּרעך צווישן טיי און לערנען:

— דיין מאַמע איז אַן ערלעכע אידענע.

— הם... די דאַוונט יעדן טאָג.

— דיין פֿאָטער זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָט אייך איבערגעלאָזט קליינערהייט. זי איז אַן אשת חיל... זי האָט ניט געוואָלט אייך געבן קיין שטיפֿפֿאָטער. זי איז געבליבן יונג אַן אלמנה. ווען מיינע איז געשטאָרבן — זאָל זי דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן — איז ביי מיר אויך געווען דאָס אייגענע...

מיר איז אַביסל געוואָרן פֿריקרע ר׳ שמואל שוחט׳ס פֿאַרטרויען זיך אין מיר. ער האָט אייגנטלעך גערעדט אין ניט גערעדט צו מיר. ער האָט מער גערעדט צום גלאָז טיי. איך האָב דאָך עפּעס געדאַרפֿט ענטפֿערן:

— יאָ, מיין מאַמע טראַכט ניט פֿון אַזעלכע זאַכן!...

דער שוחט האָט זיך עפּעס געפּילט ווי געטראָפֿן.

—כ׳מיין... נו יאָ, וואָס איז דען דאָ צו טראַכטן?... שוין אַזויפֿיל יאָרן!... אַמאָל דערמאָנט מען זיך אין יענער צייט! אָט לערן איך מיט דיר. איך קען דיין גאַנצע פֿאַמיליע, אַנגעזעענע מענטשן, אַ באַלעבאַטישע שטוב! ניט קיין קלייניקייט... אזוי ווי איך וואָלט געלערנט מיט מיין

אייגן קינד... אזא מאַמען דאַרף מען וויסן ווי אָפּצושאַצן! די בעסטע שידוכים האָט זי געקענט טאָן, דיין מאַמע!... דאָ האָט דער שוחט ווידער אַ גלעט געטאָן די באָרד, וואָס איז אין דער רגע אפילו לענגער געוואָרן.

ער האָט אַ קוק געטאָן צום אַלקערל, וואו דאָס טעכטערל האָט זיך גע־פונען. דער שוחט האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— דיין מאַמע פרעגט אַמאָל אויף מיר? כ'מיין אויפן לערנען?

— זי פרעגט כסדר!

— נו...

— איך זאָג איר וואָס מען לערנט!...

— די גמרא גטין.

— מכח כבוד?

— אַ גלעזל טיי און...

— וואָס זאָגט זי?

— זי שמייכלט. אַ פיינער איד ר' שמואל! אַ זיידענער איד! אַן ערלעכער איד!... זי זיפצט אָפּ...

ער האָט אויך אַ גרויסן זיפץ געטאָן. ער איז קענטיק געווען צופרידן פון מיר. ער האָט אַרויסגענומען די טאַבאַק־פּושקע, אַ טיפן שמעק געטאָן און זיך גוט אויסגעניסט. צווישן די ליפּן האָט ער עפּעס אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קלאַנגען:

— אַ צדיקות איז דיין מאַמע!... אַ צדיקות... איך בין שוין אַ איד קיין עין־הרע אין די פערציקער... געדענק דיין גאַנצע משפּחה...

— זי האָט מיך געפרעגט צי איר האָט זיך געעלטערט?

ער האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן:

— וואָסזשע האָסטו געזאָגט?

— געזאָגט, אַז איר זענט נאָך קיין עין הרע אַ געזונטער איד! איר קענט נאָך לערנען!

ער איז געוואָרן אויפגעהייטערט, צוגעמאַכט די גמרא און אַ זאָג גע־טאָן צו מיר ווי צו אַ אייגענעם:

— אַז דו ווילסט, וועל איך דיך לערנען איבערקוקן די חלפים? זאָג דיין מאַמען, אַז איך וועל דיך אויך לערנען שחיטה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, האַלב אין שפּאַס מיט אַ שמייכל.

— די מאַמע וועט אַנקוועלן ר' שמואל!

ג.

דער שוחט איז געשטאַנען ביים פענצטער, געהאַלטן אַ גרויסן חלף אין דער האַנט, דער גאַנצער שטערן האָט זיך געקנייטשט, די אויגן האָבן פעסט זיך איינגעגעסן אין חלף. אַלע ווײַלע האָט ער צי געטאָן מיט אַ פינגער איבער דער שאַרף, געזוכט אַ פּגימה. אין צווישנצייט האָט ער אַריינגע־וואָרפן אַ וואָרט, ווי ניט צו מיר נאָר צום חלף.

— איידער דיין מאַמע האָט חתונה געהאַט, האָט מען מיר גערעדט דעם שידוך, נאָר ס'איז גאָרניט געוואָרן...

— פאַרוואָס איז גאָרניט געוואָרן?...

— דאָס ווייסט מסתמא דיין מאַמע!...

פאַר מיר איז דאָס געווען עפּעס אַ נייעס, וואָס האָט מיך ניט אָפּגע־לאָזן. איך האָב אפילו אָנגעהויבן פאַרשטיין זאַכן, וואָס איך האָב פריער ניט פאַרשטאַנען פון די געשפּרעכן צווישן מיר מיטן שוחט און צייטנווייז מיט דער מאַמען... אַ בלינדע מחשבה האָט זיך אָנגעהויבן ביי מיר פּעדעמען, ווען ס'וואָלט נאָך איצט צו עפּעס געקומען, וואָלט עס מיר דערנענטערט צו זעלדען. זעלדע איז זייער אַ שיינע, אַ קאָפּ לאָקן, פאַרחלומטע שוואַרצע גרויסע אויגן, וואָס טרעפן זיך פון צייט צו צייט צוזאַמען מיט מיינע. מיר דאַכט זיך, אַז מיר פאַרשטייען זיך, כאָטש מיר רעדן אַזוי זעלטן אויס אַ וואָרט. אין האַרצן בין איך זיך מודה, אַז עס ציט מיך צו איר, אינגאַנצן אַנדערש ווי צו דער אייל־מיל... זעלדע איז דאָך אַזוי צניעותדיק... דאָס געבלימטע קליידל רופט ביי מיר אָפּט מאָל אַרויס אפילו טרערן. ניט שטענדיק באַנעם איך אפילו דאָס לערנען. דער שוחט וואַרפט מיר צייטנ־

ווייז אויף, אַז דער קאָפּ ווערט מיר פאַרשטאָפּט, אַז איך באַנעם ניט... ווען ער וואָלט געוואוסט וואו מיין קאָפּ איז איצט? אַז פונקט אין דער רגע האָט זיך זיין זעלדרעלע אריינגעריסן אין די געדאַנקען. איך הער איר שיין שטי־מעלע וואָס זינגט אין דער שטיל עפּעס אַ לידעלע. זעלטן ווען איך כאַפּ אויף אַ וואָרט, ווייל אין לערנען שרייט מיר איבער איר שטימעלע וואָס קומט ערגעץ פון וועיטן... אין מיר צינדן זיך די יונגע בליטן... אינמיטן כאַפּט זיך אריין אין קאָפּ דאָס געלע אידל וואָס איז ארונטער פון זינען... דאָס איז ביי אים אַזאַ מין קראַנקהייט, האָט מען אין שטעטל דערציילט... מען טאָר זיך ניט אריינלאָזן אין די זאַכן!... נאָר גיי, לאָז זיך ניט אריין אין די דאָזיקע מחשבות, אַז זיי קייטלען דעם יונגן קערפּער. און איך זע כסדר זעלדען... און טראַכט ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך באַגעגן אַמאָל זעלדען אַליין. וואָס איך וואָלט איר דעמאָלט געזאָגט, האָב איך אייגנטלעך ניט געקנט באַשליסן. איך האָב אפילו איינמאָל געהאַט אַזאַ מין געלעגנהייט, בין איך געבליבן אָן לשון... ניט געפונען בשום אופן קיין ווערטער, ווי אַזוי מיט איר אויפצובינדן אַ שמועס...

און דאָך איז אַזאַ געלעגנהייט געקומען, דווקא אומגעריכט. איך בין געקומען לערנען, איז מיר זעלדע אַנטקעגנגעקומען און אָן עפּן געטאָן איר שיין מיילכל:

— דער טאַטע האָט געזאָגט, איר זאָלט דערווייל אַליין עפּעס לערנען: ער וועט באַלד קומען!

— ער איז נישטאָ? — האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן אַ פראַגע.

— ניין, ער וועט באַלד מסתמא קומען!

איך האָב זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, אָנגעהויבן טראַכטן. מחשבות האָבן זיך געקאָליערט, דער זייגער האָט ניט אויפגעהערט קלאַפּן זיין טיק־טאַק און אינאיינעם מיט דעם, האָט אויך מיין האַרץ צוגעקלאַפּט צום טאַקט. זעלדע איז ווידער צוגעקומען און אַ זאָג געטאָן:

— דער טאַטע האָט געזאָגט, איר זאָלט דערווייל אַליין עפּעס לערנען: איך האָב זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, מיר האָט געדרייצט דאָס

וואָרט „איר", וואָס איז מיר פּלוצלונג אזוי נאָענט געוואָרן און איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און צו איר א זאָג געטאָן:

— אויב איר ווילט, גיט מיר א ספר!

זי האָט אויף מיר א קוק געטאָן:

— איר זייט קראַנק?

— ניין!... כ'מיין...

— וואָס זייט איר אזוי בלאַס?

— בלאַס?... איך?...

זי האָט מיר דערלאַנגט א ספר, איך האָב עס א נעם געטאָן מיט איר האַנט, זי האָט זיך א צאַפּל געטאָן, א צי געטאָן די האַנט און איז שטאַרק רויט געוואָרן. איך האָב איר טיף אריינגעקוקט אין די אויגן, זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. איך האָב ווידער א נעם געטאָן די האַנט. און איך ווייס ניט ווי אזוי עס איז געשען, מיינע הייסע ליפּן האָבן זיך אָנגערירט אזוי לייכט אין איר הענטל, אַז איך האָב דערפילט ניט נאָר מיין ציטער, נאָר אויך אירן. אירע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט:

— מע טאָר ניט!... מע טאָר ניט!... און איז אריינגעלאָפן אין קיך.

איך בין געבליבן זיצן אַליין, אַן אָפּגעפּאַרעטער. די געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן בויערן. זי דאַרף אוודאי זיין גוט אין כעס אויף מיר? איך האָב דערהערט א געוויין אין קיך, זיך דערשראָקן. עס האָט מיר שוין שטאַרק באַנק געטאָן, זיך אַליין אָנגעהויבן זידלען!... ווער ווייסט וואָס עס וועט פון דעם ארויסקומען? וואָס וועט זיין אז ר' שמואל שוחט וועט אריינקומען? פאַרוואָס וויינט זי? וואָס האָב איך איר אזוינס געטאָן? זאָל איך אַנטלויפן אהיים?... און וואָס וועט זיין אין דער היים? זי וועט אפשר דערציילן דעם טאַטן?...

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, אריינגעגאַנגען אין קיך. זי האָט מיך דערזען, שנעל אָנגעהויבן ווישן די טרערן און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גייט, גייט!...

איך האָב זיך אָנגעהויבן בײַ איר בעטן:

— דערצײַלט ניט, איך בעט אײַך דעם טאַטן אײַערן! מען וועט מיך אין שטוב דערהרגענען!...

זי האָט אָנגעהויבן אונטערשמײכלען פון די פאַרוויינטע אויגן. דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און מיר אַביסל מוט... זי וועט ניט דערצײלן! איך דערקען עס אין איר!... זי איז ניט אין כעס!... איך האָב מיך נאָך מער דערנענטערט צו איר, ארוגענומען איר פּנים מיט מײַנע הענט און אָנגעהויבן קושן אין די באַקן, פליסטערנדיק אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— זעלדע! זעלדע! דער׳הרג׳עט מיך. אויב איר ווילט, איך קען זיך ניט העלפן! איך האָב אײַך ליב!...

זי האָט זיך גענומען ווערן, איך האָב דערפילט אַ שטאַרקע היץ פון איר קערפּער:

— לאָזט מיר! לאָזט מיר צורו! גייט ארויס פון קיך!... איך האָב זיך מיט איר געראַנגלט. די טיר האָט, דאַכט זיך, שנעל אַ קלאַפּ געטאָן, מיר זענען אָפּגעשפּרונגען. דער שוחט איז ארײַנגעקומען, און דאַכט זיך אויפגעכאַפּט די ווערטער פון זײַן טאָכטער. ער איז צוגעשפּרונגען און מיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אַ חיה. די אויגן האָבן בײַ אים געבליצט, דאָס פּנים רויט אָנגעצונדן, די באָרד האָט זיך באַוועגט און פײַער האָט זיך אָנגעהויבן שיטן פון מויל:

— שייגעץ! ארויס פון דאַנען! לאָבוס!... דערהרגענען דאַרף מען דיך! אַ שיינעם תכשיט האָט זי אויסגעהאָדעוועט, דײַן מאַמע! האָסט געדאַרפט אײַנגעזונקען ווערן איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן.

איך האָב אין דער רגע באמת געוואָלט אַז אַ גרוב זאָל זיך אָן עפן טאָן, איך זאָל קענען אײַנגעזונקען ווערן פון בושה און נאָך מער פון זעלדעס געוויין. זי ליגט שוין דאָרטן אויפן בעט מיטן אײַנגעגראָבענעם פּנים און שטיקט זיך. און וואָס מער דער שוחט כעסט זיך און שלאָגט מיך, אַלץ מער פיל איך ווי ס׳ווערט מיר לײַכטער!... איך פיל, אַז איך קום עפּעס אָפּ פאַר אַ זינד! ניט געדאַרפט טאַקע קושן! מען טוט ניט אַזוי! ניט גע־הערט אפילו ווען דער שוחט איז ארײַנגעקומען!...

דער שוחט האָט געוואָלדעוועט:

— דיין פּוס זאָל זיך מער דאָ ניט ווייזן! דיין מאַמע זאָל זיך מער פאַר די אויגן ניט ווייזן! דו נואף! עוכר ישראל, דו! האָט שוין ניט געהאט וועמען צו שיקן צו מיר לערנען תורה?... אַ משומד גאָר!...

איך האָב זיך סוף כל סוף באַפרייט פון זיינע הענט, ארויסגעלאָפן, און קללות האָבן מיך ארויסבאַגלייט. איך האָב זיך געפונען אַ פארלוירענער, אַ דערשלאָגענער און זיך געלאָזט גיין אין דער וועלט אריין, ווי אַן אבל ביי וועמען ס'איז געשטאָרבן דאָס ליבסטע און טייערסטע. מחשבות האָבן זיך אנגעהויבן קייטלען. אמאָל, גאָר אמאָל וועט מען ווייטער פרעגן: פאַר־וואָס האָסטו ניט חתונה געהאַט מיט זעלדען?... דאָס איז דערפאַר וואָס איך בין אליין געוועז דער שדכן!...

מאליע

אַז מאַליע האָט אויסגעשאָלטן די שטאָט, האָט מען געוואוסט, אַז עס איז טאָג געוואָרן. זי איז אויפגעשטאַנען, ווען די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען, און אָנגעהויבן זאָגן פריער פון אויסנווייניק, דערנאָך אַז די פּאַסן פון באַגינען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיילן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן זאָגן, און דאָס מאָל שוין פון סידור, פון איר מאַמעס סידור, וואָס איז אינ־גאַנצן פאַרגעלט געוואָרן און אָנגעטריפט מיט חלב־ליכט. דערנאָך האָט מאַליע אַ נעם געטאָן דעם בעזים און אָנגעהויבן אויסקערן פאַר דער טיר פון איר וואוינונג, און גענוג אַכטונג געגעבן זי זאָל חלילה ניט אויסקערן אַן איבעריק שטיקל פּלאַץ, וואָס געהערט צו דער שכנישער וואוינונג. פאַר־קערט, זי האָט שטענדיק, וואָרפנדיק בליקן צי מען זעט ניט, צוגעשאַרט אַביסל מיסט פון איר זייט צום שכנס... די כוונה איז געווען אַ טאָפּלטע: די שכנים זענען ניט קראַנק און געשוואָלן אַליין צוצוקערן ביי זייער טיר! זי איז ניט זייער משרת! און ווידער איז עס אַ שטיקל סגולה, טאָמער מאַכט זיך אַז זיי שילטן איר, איז מיטן בעזים קערט זי עס צוריק צו זייער זייט... מאַליען קען מען ניט אָפּנאַרן!... אפילו ווען מען רעדט מיט איר אַ גוט וואָרט, ווייסט זי, אַז מען טראַכט אַנדערש... זי האָט אַלעמען אין דער ערד... זי קען אַלעמען פון שטעטל!...

יעדן פרימאָרגן, ווען מאַליע שטייט מיטן בעזים פאַר דער טיר, האַלט זי אין איין שפּיזן מיט די שאַרפע אָנגעבלאָזענע אויגן אין אַלע זייטן. זי זעט די פּויערים אריינפאָרן מיט די וועגעלעך קאָרן און פּרוכטן; זי זעט די ערשטע פּאַרטאַגיקע אידישע סוחרים, וואָס קומען אויסטאַפּן די וועגעלעך מיט די מציאות נאָך פאַרן דאַווענען. זי פירט אַלעמענס רעכענונג; זאָגט מען איר גוט־מאָרגן, טויג ניט; נאָר ווי איז צו דעם, וואָס גייט פאַר־

ביי און זאָגט אינגאַנצן גאָרנישט!... אויף דעם האָט זי שוין אַן אויג אַ גאַנצן טאָג; זי וועט אים שוין מער פון די ליפּן ניט אַראָפּלאָזן. ניט אויס־רעכענענדיק אים דעם גאַנצן יחוס זיינעם...

עס זענען אויך דאָ טעג, ווען מאַליע זיצט דעם גאַנצן פרימאָרגן אַ שווייגנדע, ניט אויסרעדנדיק אפילו איין וואָרט. ניט זי זידלט, ניט זי ענטפערט אָפּ, ווען אפילו איינער פאַרטשעפּעט איר. בלויז דורך אירע שאַרע אָנגעבלאָזענע אויגן פילט מען די קללה, וואָס זייערט זיך פון אירע איינגעשרומפּענע ליפּן, וואָס האַלטן זיך אין פיר באַקסער־ציין. דעם טאָג ווייסן אַלע, אַז מאַליע האָט געהאַט מסתמא זייער אַ שלעכטע נאַכט... זיך געפּייניקט אין איר פרויען איינזאַמקייט...

מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק, גלייך נאָך דער חתונה, איז דער מאַן אירער פאַרשוואונדן געוואָרן, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין! געזאָגט האָבן די שטעטלדיקע, אַז זי האָט דעם מאַן אַרויסגעטריבן, אים אַזוי אָנגע־שראָקן, אַז ווען זי וועט אים אַמאָל זען פאַר די אויגן, וועט זי אים אַ מיתה אָנטאָן... זי האָט אים געוויזן דאָס גלאַנציקע קיך־מעסער...

יעדעס מאָל, ווען מאַליע האָט געלאָזט הערן איר שטימע צום אָפּע־נעם מאַרק, האָט מען געקענט הערן די געשיכטע, אַז זי האָט פון איר איי־גענעם מאַן ניט געוואָלט ליידן... זי האָט פיינט הערשער... האָט זי אים געוויזן דאָס קיך־מעסער... בלויז פאַר גאָט האָט זי מורא... פאַר מענטשן זאָלן מורא האָבן די גנבים, גאַטס־גנבים...

מאַליע האָט ליב אויסצורעכענען אַלעמענס יחוס אויף די העכסטע טע־נער. ווען זי הויבט אָן איבערגעבן די ביאָגראַפיעס, האָט זי שטענדיק אינ־זינען די נעגאַטיווע זייט... זעלטן אַז מען הערט פון איר מויל אַרויסגיין אַ גוט וואָרט...

די פאַרבייגייער רעדן צווישן זיך:

— מאַליע קאָפּעט איצט אויס אַלע מתים פון בית־עולם...

פון אַ קראַנקהייט איז ביי מאַליען פאַרבליבן אַ גרויסער שלוקערץ. דער שלוקערץ האָט יעדעס מאָל געדויערט איבער אַ מינוט. אין די פרי־מאָרגן־שעהן האָט זיך דאָס אָפּגעגעבן ווי דער פייף פון אַ פאַבריק. די חדרי־

אינגלעך, וואָס זענען בשעת־מעשה פאַרבייגעגאַנגען, ווען מאַליע האָט זיך צעשלוקערצט, האָבן זיך אָנגעהויבן מיט איר פּאַרטשעפּען, אַנטלויפנדיק פון בעזים, מיט וועלכן זי האָט זיי נאָכגעיאָגט. עס איז געווען אַ מנהג, אַז איינער פון די חדר־אינגלעך זאָל בלויז אַ זאָג טאָן, מעג אפילו זיין אין דער שטיל, בלויז צו די חברים:

— די באָן גייט שוין!

האָט שוין מאַליע געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען איר, און געעפנט דאָס מויל מיט באַקסער־ציין:

— ממזר דו! דיין מאַמע האָט דיר פאַרגעסן מיטצונעמען אין קבר אריין... זי איז פאַרנומען געווען מיט „ליבאוון" זיך מיט אַ סאָלדאַט!... מיינסט מען ווייסט ניט?... די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז דיין מאַמע איז געשלאָפן מיט אַ סאָלדאַט! דו ממזר דו, האָסט דאָך אינגאַנצן אַ גויאישקן אויסזען! דאַרפסט ניט גיין אין חדר אריין! גיי אין קלויסטער אריין, דו שגץ!...

דאָס חדר־אינגל פּרוּווט זיך אַביסל פאַרטיידיקן, דורך וואַרפן אַ שטיינדל צו איר זייט.

מאַליע הויבט אָן פינטלען מיט די אויגן, עפענען און צומאַכן, פון שרעק, און דאָך ניט אָפּגעטראָטן:

— נו, נו, וואַרף! דערוועג זיך! דיין אויסגעלאַסענער מאַמען פון קבר וועל איך ארויסוואַרפן!

געענדיקט האָט זי בלויז מיט אַ הילכיקן שלוקערץ.

אַז עס זענען געקומען די וואָכן פון ימים־נוראים, האָט מאַליע ניט פאַרלוירן קיין טאָג ניט צו גיין דאַווענען אין דער ווייבערישער שול. אַ „שטאָט" אין שול האָט זי גראָד געהאַט די בעסטע. ס'איז געווען אַ ירושה פון אַ באָבען נאָך, און כאָטש עס זענען אויך געווען אַנדערע יורשים, האָט זי זיי אַלע פאַרטריבן. אירס אַ שוועסטער האָט אַמאָל אויך געפּרוּווט זיך צוזעצן צו דער ירושה, איז שוואַרץ געוואָרן אין שול. די קללות זענען געלאָפן אין זיבעטן הימל! די קולות האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן

שטעטל! מען האָט געמוזט אָפּשטעלן דאָס דאַווענען, ביז מען האָט איר באַרואיקט און איינגענומען. עמך, וואָס שטייט ביים האַנט־פּאָס, האָט זיך געמוזט אַריינרייסן אין דער ווייבערישער שול, און איינשטעלן אָרדענונג. און אָרדענונג האָט בלויז געקענט הייסן, אָנערקענען בפני כל עם ועדה, די „שטאָט" איז אירע, ווייל די באָבע אירע אין קבר האָט אַזוי געוואָלט... עס איז געגנוג געווען דער פּרואוו פון דער שוועסטער, אַז דער „פאַרברעכן" זאָל שוין אַזוי שנעל ניט געשענקט ווערן...

אַלע ווייבער אין שול האָבן מורא געהאַט פאַר מאַליען. די ווייבער פון די שכנותדיקע שטעט זענען שטענדיק געווען אין שרעק פון דער געפּאַר אַריינצופאַלן אין מאַליעס מויל אַריין. וואָס איז פאַר זיי געווען ווי אַ פייער־שפּייענדער וואולקאַן... די רייכע מאַדאַמען, וואָס האָבן אָפּגעקויפט די מזרח־„שטעט" ביי די שטאַרק פאַראָרעמטע, אַלמנה'דיקע ווייבער, האָבן זיך געפּרואווט חנפענען צו מאַליען, וועלנדיק אויסמיידן דעם בזיון אַריינצו־פאַלן אין מאַליעס באַקסער־מויל... מאַליען קען מען דאָך ניט אָפּנאַרן... זי זעט די צביעות פון די אויפגעקומענע גבירטעס... עס איז גענוג געווען, אַז מאַליע זאָל דערהערן אַ העכער וואָרט פונקט דאַן, ווען מען טאָר ניט אויסרעדן ביים דאַווענען, אַז זי זאָל אָנהויבן „דערלאַנגען":

— פון קינדער האָבן, רעדט מען אין דער היים!... אַז מען וויל זיך אויסלערנען די אַרבעט, גייט מען אין ערגעץ אַנדערש!... דאָ איז אַ מקום־קדוש! האָסט געזען אַ מעשה? די צניעות האָבן זיך פאַרשלעפּט אויבנאָן, און ווייסן אפילו קיינמאָל ניט, וואו דער חזן האַלט... איר קענט ניט דאַווענען, איז הערט כאָטש ווי יענער דאַוונט!...

די מאַדאַמען, מיט באַהאָנגענע בלישטשענדן צירונג, שרומפּן זיך דאַן איין, שרעקן זיך פאַר נאָך גרעסערע באַליידיקונגען, וואָס קענען קומען מיט איר אַנטוויקלטן שטורעם... מיט מאַליען שפּילט מען זיך ניט!... עס איז גענוג איין מינעלע אויפן פּנים, און מאַליע לייענט איבער... און ווער קען זיך קאָנטראָלירן פון עפּעס אַ מינעלע, וואָס לייגט זיך אויס אויף די פאַרפלאַמטע באַקן פון בושה?... עפּנט מאַליע אויף דאָס מיילכעלע און ווייזט די פאַרגעלטע באַקסער־ציין, אַ סימן, אַז דער שטורעם האָט אויס־

געבראַכן; דער שטורעם פון דער פערציק־יעריקער פרוי, וואָס איז שוין צוויי און צוואַנציק יאָר אָן אַ מאַן...

— אַט האָסטו דאָרט דיין מאַן! ער קוקט ארויף אין דער ווייבערישער שול!... צו דיר, אויף דיין פאַרגעלט פּנים, קוק ער ניט... ער קוקט אַריבער צו די יונגע ווייבעלעך ביי די גראַטעס... דער נואף דיינער!... גיב אים צו עסן, וועט ער פאַרשפּאָרן אריבערצוקוקן צו יענעמס... אויב דו ביסט אַ סובאַטאָניצע און האָסט ניט קיין כּוח, האָסטו ניט געדאַרפט חתונה האָבן... וואָס מיינסטו דיר? קוק אים נאָר אָן דאָרט!... זאָג אים דאָרט, די אויגן זאָלן אים ארויס!...

די אויפגעקומענע גבירטעס, די נייע יחסנטעס אין דער ווייבערישער שול, שרומפּן זיך איין ווי הינדלעך אונטער דער קוואָקע, זוכן צו באַהאַלטן די פּנימער אין די מחזורים; נאָך מער ווען עס הערט זיך דער קלאַפּ פון באַלעמער, וואָס קומט פון דער מענער־אָפּטיילונג, מיטן הילכיקן אויסגעשריי:

— ס'עט זיין שטיל, ווייבער?!... נשים, שטיל זאָל זיין!...

מאַליע דערשרעקט זיך ניט; פאַרקערט, זי גיט אַ צי מיטן בראָדעווקעס נעזל, אַ קיי מיט די ליפּן, ווי איינער זאָגט:

— זיי וועלן זיך באַלד דאָרט אויסריכטן אַ שוואַרץ יאָר!...

פונדעסטוועגן כאַפּט זי אַ קוק, ווער עס איז דאָרט דער קלאַפּער, און ווער דער שרייער... זי דאַרף דאָס וויסן! זי וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען! אייב ניט דערנאָך, אויפן מאַרק, מיטן מאַן, איז קען זי דערוויילן אָנהויבן „בענטשן" דער פרוי, וואָס זיצט אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג...

מאַליע האָט אַלעמען פיינט געהאַט, נאָך מער האָט זי פיינט געהאַט קינדער. די קליינוואַרג האָט זי אינגאַנצן ניט געלאָזט פאַר די אויגן. די קינדער וואָס זענען געקומען אין שול אַריין צו זייערע מוטערס, האָבן זיך ניט געטאָרט דערנעענטערן צו די „שטעט" וואָס זענען אין שכנה'שאַפט צו איר. זי האָט זיי געטריבן פון זיך און ניט אויפגעהערט שרייען.

— כ'האָב דעם מאַן מיינעם ארויסגעטריבן אין אַלדע שוואַרצע יאָר, ווייל איך האָב ניט געוואָלט ליידן פון קיין קינדער, וועל איך גיין ליידן פון פרעמדע. עס איז גענוג געווען אַז די קינדער זאָלן בלויז פאַרבייגיין,

אַז מאַליע זאָל זיך שוין האַלטן אין איין אַרומרייניקן, ווי זיי וואָלטן בלויז מיטן פאַרבייגיין לעבן איר, איר שוין איינגעריכט. זי האָט דאַן געגומען אויסגלייכן דאָס ווייס סאַמעטענע בלוזקעלע וואָס איז איר געווען איינגע־דעקט ביזן הויכן האַלז, וואָס האָט זיך ביי איר געהויבן ווי ביי אַ אינדיק. דאָס פּנים אין די קאַרבן אויף דעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן ווי אַן אַלטפרענקישער וואַנט־זייגער. — האָסט געזען אַ מעשה, קינדער זאָלן נאָר האָבן ליב אַרומצולויפן אין שול? אַז מען האָט קינדער האַלט מען זיי לעבן זיך, ניט זיי זאָלן אַרויפקריכן אויף יענעם!...

אויך דאָס ווערט פון די מוטערס פאַרשוויגן. בלויז די קינדער לאָכן אונטער און זוכן דווקא ווידער פאַרבייצוגייען לעבן איר...

לעבן, לעבט מאַליע פון דעם, וואָס זי שטריקט אויס פאַר איינעם אַ סוועטער, אַ טישטעך מיט ספּעציעלע בלומען. פאַר דעם האָט זי גאָלדענע הענט. אַז זי מאַכט אַ שטיקל אַרבעט איז דאָ וואָס צו זען. אַ טייל פון די התונה גאַרדעראָבן גייען אַדורך דורך אירע הענט. זי באַדינגט זיך קיינמאָל ניט פאַר איר אַרבעט, נאָר ווי איז צו דער מוטער וואָס גיט איר אַן אַרבעט און באַצאָלט איר ניט אַזוי גוט, ווי איר דאַכט זיך אַז מען דאַרף איר געבן. זי בעט חלילה ניט מער, נאָר די קללות הערן זיך איבערן גאַנצן מאַרק!... אירע קללות דערגרייכן ביזן זיבעטן דור פון די אור אייניקלעך, וואָס דאַרפן קו־מען פון דעם „גאַרדעראָב". ביי מאַליען איז ניטאָ קיין טייערער אָדער ביי־ליקער פּרייז פאַר אויסהעפטן, אָדער אויסשטריקן אַ טישטעך — עס איז בלויז דאָ, ווער עס גיט צו מאַכן דאָס טישטעך אָדער עפּעס אַנדערש... די גבירישאַפט צאָלט זיך בלויז...

עס טרעפט טעג ווען מאַליען גלוסט זיך אַפילו פאַר זיך דאָס טעפּל געקאָכן ניט אָפּקאָכן. דערשמעקט זי מיט די נאָזלעכער דעם ריח פון אַ גוטער גריץ, מעג עס אַפילו זיין פון אַ באַלעבאָסטע וואָס זי האָט ערשט היינט אינדערפרי באַזונגען מיט קללות, נעמט זי דאָס טעפּעלע און גייט אַריבער צו יענער שטוב, עפנט אויף די טיר און גייט אַריין, בלייבט עטוואָס שטיין ביי דער טיר, אויפן פּנים אירן זעט זיך אַ האַלב־ברוגז שמייכעלע, פון צווישן די באַקסער ציינער הערט זיך בלויז עטלעכע ווערטער וואָס מען

קען ניט אורטיילן צו ס'איז אין אַ באַפעלערישן טאָן אָדער אין בעטערישן טאָן:

— ס'שמעקט פיין די גריץ! האָט מיר אָנגעשמעקט! אויב איר האָט איבעריק וועל איך נעמען! היינט ניט געהאַט וואָס צו קאָכן!... ניט גע־גלוסט זיך!

די באַלעבאָסטע גייט אַנטקעגן, די העפלעכקייט מאַליעס צעטומלט איר אינגאַנצן.

— וואָס רעדט איר, מאַליעשע! אַ גריץ? שוין איינמאָל אַ גריץ! איר וועט זיך מחיה זיין! טעם גן־עדן! היים טאַקע נאָר פון דער פייערקע, זאָג איך אייך! עסט געזונטערהייט! און זאָל אייך וואויל באַקומען!
— ווינטשט די באַלעבאָסטע מאַליען אויף איר טרוקענעם „גוטן טאָג", וואָס איז אפילו ניט באַגלייט מיט קיין דאַנק.

דעם אַנדערן טאָג קען מען הערן מאַליען צוריק שרייען, אַז איר קען מען ניט אונטערקויפן!... זי זאָגט דעם אמת יעדערן! דער אייגענער מאַ־מען האָט זי אפילו געזאָגט דעם אמת!... און עס אַרט איר ניט וואָס מען זאָגט: אַז זי האָט דער אייגענער מאַמען געטריבן יונג אין דער ערד אַריין...

טאָמער האָט זי געזען, אַז איינער האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט עפּענען די לאָדנס האָט מאַליע וועגן דעם אויך געהאַט וואָס צו זאָגן:

— נאָך ווייניק קינדער האָט ער אָנגעפּליאָדעט! מען קען שוין אַזוי אויך ניט שלאָפן פון די קולות!... נאָך איינעם האָט זיך אים פאַרגלוסט!... ער האָט דען עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן? זי מיט די קינדער שטייען אין קלייט און ער שלעפּט זיך אין בית המדרש רעדן פון פּאָליטיקע! זיין עסק וואָס דער קייסער טוט!...

בלויז ביינאַכט איז שטיל געוואָרן אין שטעטל. אַזוי גיך ווי די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן און די הינער האָבן אָנגעהויבן זוכן די שטאַנגען זיך צו לייגן שלאָפן, האָט מען געקענט הערן דאָס בענטשן און געניצן פון מאַליען, נאָך דעם ווי זי האָט גלייך אויסגעטרונקען די הייסע פאַרעדיקע טיי.

און אַז מאַליע שלאָפט, שלאָפט דאָס גאַנצע שטעטל...

די רייזע

די באַן פון אונזער שטעטל גייט ערשט אָפּ ניין אַזייגער אינדערפרי קיין וואַרשע. נאָר ביי אונז אין שטוב האָט זיך דער רייזע־פיבער אָנגעהויבן אזוי שנעל ווי די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. ביים נאַכט־עסן, האָט די מאַמע מיט פאַרוויינטע אויגן געבעטן, מען זאָל מיר לאָזן רואיק אָפּעסן, און ניט רעדן פון דער רייזע, זי האָט ניט אויפגעהערט אויסמעסטן מיר מיר די בליקן; צי איך, דער פּופּצן יעריקער בחור, בין שוין גענוג גרויס ניט צו פאַרבלאָנדזשען...

דער עסן איז געווען אַ יום־טוב׳דיקער, כאָטש עס איז געווען אַ פּראָסטער דינסטיק. דער ריח פון גענזן־שמאַלץ האָט זיך געפילט אין אַלע ווינקעלעך, און נאָך מער פון דער מאַמעס פאַרפעצטן פאַרטוך. אין נאָרמאַלע צייטן האָבן אַלע ליב געהאַט צו פילן דעם דאָזיקן ריח; נאָר איצט האָבן זיך אַלע געפילט אומבאַקוועם, אָנגעשטרענגט.

דער ברודער האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— הייסט עס, דאָס איז דער לעצטער טאָג, וואָס מיר עסן מיט דיר?

די מאַמע איז אויפגעשפּרונגען, ווי עפּעס וואָלט איר אַ ביס געטאָן:

— האָסט דיר שוין ניט געקענט איינהאַלטן? האָסט געדאַרפט דערמאָנען? לאָזט דעם קינד באַקומען דער מאַמעס וועטשערע! כ׳האָב זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט!

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און אויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

דער גאַנצער טיש איז אויפגערעיסן געוואָרן. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן שמייכלען דורך פאַרשטיקטע טרערן, צופּנדיק דאָס שיטערע בערדל, אויף וועלכן עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן גרויע האָר.

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אַ גאַנצער חתן־בחור?

די מאַמע האָט אָנגעהויבן אונטערהעלפן:

— טאָמער ווילסטו ניט פאָרן, טאָמער האָסטו חרטה, קענסטו נאָך זאָגן! מען וועט אַלץ לאָזן פאַרפאַלן! אַ קינד איז ניט קיין שטיין! גע־נוג בלוט האָב איך אויף דיר פאַרגאָסן! האָסט געוואָלט פאָרן, האָט מען דיר צוליב געטאָן! טאָמער עס מאַכט זיך, מיר זאָלן קיין אַמעריקע קענען פאָרן אין עטלעכע יאָר אַרום, וועט מען „דיין יאָר" שוין ניט אַרויסלאָזן. און ווידער, האָבן מיר דאָך עפּעס אַ שטיקל קרוב דאָרט, אין דער קובאַ.

ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ צוריק איינגעשטילט. מען האָט ווידער אָנגעהויבן עסן. איך האָב געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט, און זיך ניט געקענט שענקען אויף דעם, וואָס מען האָט מיר געזען וויינען. דאַכט זיך, זיי האָבן אויף מיר צוריק אָנגעהויבן קוקן ווי אויף אַ אינגל.

נאָכן עסן, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן בענטשן אויפן הויכן קול. די מאַמע האָט שטילערהייט אונטערגעשעפּטשעט מיט די ליפּן, כאַפּנדיק זייטיקע בליקן אויף מיר און אויף יעדער באַוועגונג מיינער.

אַז מען האָט געענדיקט עסן, האָב איך זיך דערפילט אַ באַפרייטער. כ'האָב ניט געקענט מער פאַרנעמען די בליקן פון די שטוביקע, פונקט ווי זיי וואָלטן מיר דאָס ערשטע מאָל דערזען, און אינגאַנצן ניט געקענט.

די מאַמע האָט גענומען אַליין איינפּאַקן די זאַכן מיינע. דער ברודער האָט זיך געזוכט נוצלעך צו מאַכן, דערלאַנגענדיק דער מאַמען די קליידער און וועש, וואָס זענען שוין געלעגן אָפּגעלייגט אין אַ זייט. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן דעם געפּעק פאַר אַ ווייטער רייזע. ער האָט גענומען צוזאַמענציען די שטריק, דאָס פּנים האָט ביי אים אָנגעהויבן רויט ווערן. די מאַמע האָט גענומען דאָס קליינע רענצעלע, וואָס אַ קרובה האָט צוגעשיקט. הגם עס איז שוין געווען אָפּגעריבן פון אַלע זייטן, איז עס דאָך געווען גענוג שטאַרק אויף אַריינצונעמען די אַלע געבעקסן, וואָס די מאַמע האָט אָנגעבאַקן אויף מיטצונעמען אין אַזאַ לאַנגער רייזע. אין אַ באַזונ־דערן אָרדענונג האָט זי גענומען איינוויקלען די זיסע און געזאַלצענע קיכ־לעך, צוואַווייזנדיק מיר, איך זאָל וויסן, וואו יעדער זאַך צו געפינען.

— דו זעסט, לײבל, אויף דעם פּלאַץ לײג איך די געזאַלצענע קיכעלעך! טאָמער װעט דיר נודזשען, זאָלסטו גלײך װיסן, װאו זײ צו געפינען! און דאָ װיקל איך דיר אײן דעם טאַטנס האַלבע פלעשל בראָנפן מיטן בעכערל, טאָמער װעט דיר שװאַך װערן דאָס הערצל, זאָלסטו אײנטונקען אַ שטיקל קמיץ־לעקעך, װעסטו דיר מחיה זײן. אין דעם פּאַפּירל לײג איך דיר אװעק דעם קנאָבל. אויף אַ שיף, זאָגט מען, איז נישטאָ קײן בעסערע זאַך װי קנאָבל!

אַז אַלץ איז שױן געװען אײנגעפּאַקט, און דער טאַטע איז שױן גע־שטאַנען גרײט צו פאַרבינדן, האָט די מאַמע מיר װידער איבערגעפּרעגט, צי איך װעל געדענקען, װאו זי האָט אװעקגעלײגט יעדע זאַך באַזונדער.

איך האָב איר געמוזט אָנװײזן, און יעדעס מאָל, װען איך האָב מיר טועה געװען, האָט די מאַמע זיך גוטמוטיק צעשריגן:

— אַז דו װעסט ניט געדענקען, װעסטו אָנמאַכן אַ חורבן אין רענצל! די גאַנצע עסנװאַרג װעט װערן מליטע! אנו, װײז מיר אָן, װאו האָב איך געלײגט דעם טרוקענעם װאורשט און װאו דעם נאַסן?

איך האָב אַלץ אָנגעװיזן פּינקטלעך.

די מאַמע האָט געשײנט:

— אַ גאַנצער מאַן איז ער שױן טאַקע! ער זאָל מיר נאָר בשלום דערפאָרן, גאָטעניו אין הימל! כ׳זאָל נאָך האָבן נחת!...

דער טאַטע האָט באַפוילן פרי נאַכט צו מאַכן.

— מען דאַרף אױפשטײן פרי! ביז מען װעט איבערקומען דאָס גע־זעגעניש אױפן װעג, ביז ער װעט שױן זיצן אויפן װאָגן, װעט נעמען גענוג צײט! און די צײט שטײט ניט, קינדער!

דער ברודער האָט אַרײנגעװאָרפן אַ פראַגע:

— און װער װעט שטײן אין קראָם?

— מען װעט אינדערפרי אינגאַנצן ניט עפענען! — האָט דער טאַטע אָפגעענטפערט.

די מאַמע האָט צוגעגעבן:

— בײ הײנטיקס לײזעכץ קען מען אפילו אַ גאַנצן טאָג האַלטן פאַר־מאַכט! מען װעט שױן ניט רײך װערן פון דער שעה.

אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. איך און די מאַמע האָבן קיין אויג ניט געקענט צוטאָן. זי האָט זיך געבייזערט.

— וואָס דרייסטו זיך? שלאָף, דאַרפסט דיר גענוג אָנפאָרן מאָרגן! רו זיך אויס!

נאָר דער שלאָף האָט זיך צו מיר ניט געקלעפּט. איך האָב ניט אויפגע־הערט צו טראַכטן, ווי די חברים זענען מיר מקנא. אפילו די, וואָס זענען עלטערע פון מיר, האָבן מיר מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעספּעקטירן און אָנזאָגן, איך זאָל זיי שרייבן, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס נייע לאַנד, און צי ס'איז גרויס? ווי אַזוי וועל איך אייגנטלעך וויסן, ווי גרויס דאָס איז? כ'וועל עס דען גיין אויסמעסטן?... כ'וועל פרעגן! מסתמא זענען דאָ אידן, וואָס ווייסן דאָרט... כ'וועל זיך שוין אַן עצה טאָן...

אָבער פאַרוואָס נעמט מיר ניט דער שלאָף? — האָב איך זיך גענומען אַליין טאַפּן דעם קאָפּ. דבורהלע איז מיר אַריינגעשפּרונגען אין קאָפּ אַריין... זי האָט מיר געגעבן איר וואַרעמע האַנט, אומקוקנדיק זיך, צי קיינער זעט ניט, און געזאָגט:

— וועסט שרייבן?

— כ'וועל.

— און בענקען?... — האָט זי זיך גענומען רויטלען.

— וואָס איז דיר דער אונטערשייד?...

— גלאַט אַזוי!... דו פאַרסט אַזוי ווייט...

דבורהלע האָט אַ צי געטאָן מיין האַנט צו אירע ליפּן... דאָס איז פאָר־געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז עס האָט מיר אינגאַנצן צעטומלט... עס האָט מיר אָנגעהויבן ווערן היים... די ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטאַמלען...

— כ'וועל שרייבן... כ'וועל... זיי געזונט!...

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען פון איר, האָב איך צו זיך ניט געקענט קומען... ווער זאָל זיך געווען ריכטן? זי האָט מיר געקושט... מיר האָבן קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט! מיר האָבן זיך קיינמאָל אַזוי ניט ליב געהאַט... אפשר זאָל איך טאַקע ניט פאָרן?... דבורהלע, די שול־חבר'טע, האָט זיך ניט אויפגעהערט דרייען אין די שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן. איך האָב

ניט אויפגעהערט פילן די ווייטאַקלעכע זיסקייט, וואָס האָט כסדר גענאָגט, געקלאַפּט צום טאַקט, ווי דער אַלטער וואַנט־זייגער פון אונזער שטוב, וועל־כער קלינגט׳אוים אַ גאַנצע נאַכט די האַלבע שעהן און די שעהן מיט זיין פאַרדומפּענעם ווייטן קלאַנג.

דבורה׳לעס אויגן האָבן געגלאַנצט... כ׳האָב אַליין געזען... זי האָט אַמאָל אַ בייטעלע מיט קליין־געלט פאַרלוירן, איז זי צוגעקומען בעטן, איך זאָל איר עס העלפן אויסזוכן. זי האָט איצט אויסגעזען פּונקט ווי דע־מאָלסט... זי האָט איצט עפּעס פאַרלוירן, און איז געקומען צו מיר, איך זאָל איר עס העלפן אויסזוכן...

איך האָב זיך ניט אויפגעהערט דרייען אויפן געלעגער. דבורהלע מיט די לאַנגע צעפּ, האָט כסדר געשוועבט פאַר מיינע אויגן. כ׳האָב ניט גע־קענט פאַרגעסן די גאַנצע סצענע פון בייטאָג... טויזנט חנ׳ען איז דאָך גע־ווען אין איר געזעגענען זיך מיט מיר! דאָרט וואו איך פאָר, איז דען דאָ אַ דבורה׳לע?... עס קען דאָך ניט זיין מער ווי איינע!... און אפשר זאָל איך טאַקע עפּעס אויסטראַכטן, און ניט אַוועקפאָרן?... ניין, איך מוז פאָרן!... דער גאַנצער יום־טוב, די גאַנצע שמחה, איז דאָך צוליב דעם, וואָס איך פאָר אַוועק!... ווען וואָלט איך געקענט דערוואַרטן, אַז די שטאָלצע דבורה׳לע זאָל צו מיר אַזוי רעדן?... איך מוז פאָרן!

דער פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן זיך אויסשיילן, עס האָט זיך גענומען לויטערן דער פרימאָרגן. דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע טאָג, און זיך געשטעלט דאַוונען. די מאַמע האָט אָנגעהייצט דעם אויוון, בלאָזנדיק אויפן נאָסן האָלץ, האָט זי די ערשטע אָנגעהויבן דעם טאַטן אריינפּלעכטן אין דאַוונען.

— דו ווייסט, דאָס קינד האָט אַ גאַנצע נאַכט געדרעדט פון שלאָף! ס׳איז אַ רחמנות אויפן אינגל! אַז ער וועט אויפשטיין, כאַפּ מיט אים אַ שמועס...

— מען מעג אים שוין אינגאַנצן אויפוועקן. זאָל ער אויפשטיין און אָפּדאַוונען און אָפּעסן. ביז וואָס־ווען, וועט מען דאַרפן נעמען די פור צום

באַן — האָט דער טאַטע אָפּגעענטפערט, ניט ווייסנדיק, אַז איך שלאָף ניט, נאָר ליג גלאַט אַזוי און טראַכט...

דעם פרישטיק האָט מיר די מאַמע כמעט ווי געקאָרמעט. עס איז געווען אַ גביריש מאכל: געפּרעגלטע אייער אויף פּוטער, אַביסל סמעטענע מיט קעז, און קאַווע מיט ברויט.

— עס, עס! עס איז דאָס לעצטע מאָלצייט, וואָס דו עסט ביי דער מאַמען דיינער! ווען דו וואָלסט געפאָרן בייטאָג, וואָלט איך דיר נאָך אָפּגעקאָכט אַ גוט יאַבעלע מיט אַ שטיקל עוף!

געזאָגט האָט זי עס אין אַזאַ פאָרם, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז די, וואָס פירן די באַן, זאָלן עס הערן און געבן מיר אַ געלעגנהייט צו עסן נאָך אַ מאָלצייט ביי דער מאַמען...

דער טאַטע איז געוואָרן נערוויאַיש, און טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף ניט רעדן קיין נאַרישקייטן! דו וועסט אים איינגאַנצן איבערפירן! אומעטום איז גאָטס וועלט! און וואו די גאַנצע וועלט עסט, וועט ער אויך עסן!... אַלע מאַמעס זענען נאַריש... — דאָס לעצטע האָט ער שוין געזאָגט מיט אַ שטיקל פאָרוואורף.

אַלע האָבן בלויז געגעסן קאַווע מיט ברויט.

שכנים און סתם באַקאַנטע פון שטעטל, וואָס זענען געוואָר געוואָרן, אַז איך פאָר אין אויסלאַנד, ווער ווייסט וואו דאָס איז, זענען זיי זיך געקומען געזעגענען, און אויף טשיקאַוואָסט זען, ווי עס זעט אויס דער יונגער צוציק, וואָס פאָרט איינער אַליין... זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט זייערע האַלב־פאַרשלאָפענע פּנימער, און אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, רעדנדיק הויך, אַז די מאַמע זאָל הערן:

— לייבל וועט נאָך ווערן אַ גאַנצער קנאַקער! ער וועט נאָך אַמאָל אַראָפּקומען מיט אַ פּאָר לאַקירקעס מיט לאַנגע שפּיצן! אַז אַזאַ מין יונגער בחור לאָזט זיך אַרום איבער דער וועלט, וועט ער ניט צוריקקומען ווי אַ ישיבה־בחור... היינטיקע קינדער זענען ניט קיין נאַראָנים...

געזאָגט האָט עס פריידל קאַזאַק מיט אַ כוונה, אי אַ שטעך צו טאָן, אי וועלנדיק דערמיט אונטערשטרייכן, אַז זי איז אַ גוטער מבין, ווען יענער

האָט געראָטענע קינדער. און אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעם שטאָך, וואָס וויל הײסן: אַזאַ יונגן בחור לאָזט מען פאָרן איבער דער וועלט?... קיין ישיבה בחור וועט שוין פון אים ניט אויסוואַקסן... ער וועט שוין קומען אַ „פּאַצעט"! ווי זעליק דעם שוסטערס זון, וואָס איז בלויז קיין וואַרשע גע־פאָרן אויפן זומער, און איז צוריקגעקומען מיט אַ געפּרעסטן אַנצוג און מיט אַ קאָפּ געקעמט אויף פּאָמאַדע... אָדער גאָר ווי חיים לאַטוטניקס זון, וואָס איז געקומען צוגאַסט פון דער גרויסער שטאָט מיט אַ זומער־מאַנטל, וואָס ווי מען זאָגט, נעצט ער ניט אַדורך אין גרעסטן רעגן... מען דערצײלט טאַקע, אַז ווען ס'איז יענע וואָך־געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן, האָט זיך דער בחורל ארומגעשפּאַצירט, ווי ניט אים מײנט מען עס...

די מאַמע איז געוואָרן אָנגעכמורעט:

— מײנע קינדער װעלן אומעטום בלײבן אידן!

— כ'זאָג דען חלילה עפּעס, זאָלט איר מיר געזונט זײן... פאַרקערט — האָט זיך פרײדל קאַזאַק גענומען פאַרענטפערן — אָט דאָס זאָג איך דאָך! אײערע קינדער...

די מאַמע האָט מיר שטילערהייט גענומען אָפּ־בלאָזן...

ד'ער טאַטע האָט זיך געפילט אומבאַקוועם:

— מען דאַרף אָנהייבן גײן! די צײט שטײט ניט!...

עס האָט זיך אָנגעהויבן די געזעגעניש. העגט האָבן זיך געשטרעקט צו מיר, געדריקט ביז װײטאָק. פון אַלע זײטן האָט מען מיר אָנגעהויבן קושן, אָנזאָגן כ'זאָל ניט פאַרגעסן אין זײ, כאָטש אַז מען פאָרט אַריבער דעם ים, פאַרגעסן אַלע... אַ טײל פון די אָנוועזנדע, האָבן זיך נאָך ניט געוואָלט גע־זעגענען. זײ גײען מיט און װעלן שוין בײם פור געזעגענען. דערמיט האָבן זײ געוואָלט באַטאָנען זײער נאָענטקײט... מען האָט אָנגעהויבן ארויסגײן. יעדער אײנער האָט זיך געזוכט נוצלעך צו מאַכן, טראָגנדיק די פּעקל אײנגעפּאַקטע געפּעק. די מאַמע איז געגאַנגען לעבן מיר און מיר גע־היט, אַז אַלץ זאָל גײן אין בעסטן אָרדענונג. אַז איך האָב גענומען ארויס־גײן, האָט די מאַמע מיר צוריק צוגעפירט צו דער טיר.

— גיב אַ קוש די מזוזה, לייבל! האָסט עס געמעגט אַליין אינזינען האָבן! ס'איז שוין צייט! פֿון היינט און ווייטער דאַרפֿסטו שוין אויף דיר אַליין קענען אַכטונג געבן!

מיר זענען געגאַנגען איבערן ברייטן מאַרק צום שאָסיי צו. די שטעטל־דיקע האָבן נאָכגעקוקט מיט וואונדער און פֿאַרבענקטקייט. אַ טייל האָבן הענט אויסגעשטרעקט, צו כאַפּן דעם לעצטן האַנט־דרוק. די שטוביקע האָבן אָנגעהויבן ארויסלויפֿן פֿאַר דער טיר, און ווער עס האָט ארויסגעשטעקט אַ קאָפּ דורך אַ פֿענסטער.

די שטעטלדיקע גוים האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן, וואָס עס איז אזוינס, און דערנאָך זיך גענומען צלמען...

איך בין אינגאַנצן געגאַנגען אַ צעטומלטער. איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, ווי וויכטיק מען קען ווערן. עס איז מיר געקומען אויפֿן זינען: דעם בישאָף איז מען אַמאָל אַנטקעגנגעגאַנגען מיט ברויט און זאַלץ...

מיר זענען צוגעקומען צום וואָגן. אַ טייל פּאַסאַזשירן האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאַרנעמען די בעסערע פּלעצער, אַ טייל זענען געגאַנגען לעבן וואָגן און געקוקט. דער באַלעגאָלע האָט געהאַלטן צעשפּרייט ביידע הענט און געהיט דאָס מיטלסטע געזעס, און ניט אויפֿגעהערט זיך קאָכן.

— אויף דעם פּלאַץ ניט! ווי איז מען עס אזוי? איר פּאָרט בלויז צו דעם וואָקזאַל, און דאָס אינגל פּאָרט אין יענער זייט וועלט! ווער ווייסט, וויפֿל פֿערד און וועגנער ער וועט נאָך דאַרפֿן אויספּאָרן, ביז ער וועט קומען אויפֿן פּלאַץ? ...

דער טאַטע האָט מיר גוטברודעריש אַ וואונק געטאָן, איך זאָל אריינ־שפּרינגען אין וואָגן. איך האָב באַוויזן מיין פֿלינקייט, דאָס אין דער סעקונדע בין איך שוין געזעסן אין וואָגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש ארום וואָגן. עס האָבן זיך גע־הערט געשרייען און געוויינען, פֿון אַלע זייטן האָבן הענט זיך צו מיר גע־שטרעקט:

— קוק זיך אום אין דער זייט!

אין דער זייט, לייבל!

— דאָ, אַהער, קוק!

— דאָ, לייבל!

— לייבל!

— ער זעט מיר אינגאַנצן ניט!...

— מען וועט אים משוגע מאַכן, וועט מען אים!...

סימע, דעם היטלמאַכערס טאָכטער, האָט זיך געמאַכט אַ וואָרע מיט די עלנבויגנס. זי איז געווען איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, זי האָט שוין געהייסן אַ פאַרזעסן מיידל. געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז זי איז צופיל איבערקלייבעריש. זי מיינט, אַז מיט איר שיינקייט קען זי איינגעמען די גאַנצע וועלט, פונקט ווי זי וואָלט געווען גראַף פּאָטאָצקיס טאָכטער... און פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז זי איז ניט מער ווי אַ היטלמאַכערס אַ טאָכטער... די פריינטשאַפט אירע מיט מיר, נעמט זיך פון דעם, וואָס זי איז איינמאָל אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב, און מיר געטראָפן אַליין. האָט זי מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס, און אַזוי רעדנדיק האָט זי מיר אָנגע־הויבן גלעטן, ווי איך וואָלט גאָר אַ קליין קינד געווען, אַז ביי מיר האָבן זיך די אויגן פאַרגלעזלט... האָט זי מיר גענומען גלעטן איבער די האָר, דריקן צו זיך און קושן... איך האָב אָנגעהויבן ציטערן ווי אַ בלאַט.

זי האָט אָנגעהויבן פליסטערן:

— שיין בחורל... ס'איז גוט?... דו פילסט עפּעס?...

— יאָ, איך פיל, עס שווינדלט פאַר די אויגן און דער קאָפּ טוט מיר וויי!

סימע האָט זיך צעלאַכט. די פולע באַקן האָבן זיך געראָויטלט. די אויגן האָבן געגלאַנצט ווי ביי אַ קאַץ. פון אויסגעפילטן קערפּער האָט ניט אויפ־געהערט שלאָגן אַ היץ.

— נאַריש, אומשולדיק אינגעלע!... אַזעלכע ווי דו האָב איך ליב!...

— האָט זי מיך גענומען שטיקן און קושן — זאָלסט ניט איבעררעדן פאַר קיינעם... דו ביסט שוין אַ גרויסער...

איין מאָל האָט סימע אָנגעשפּאַרט אין ראַה, דעם אַנדערן האָט זי פאַר־קאַטשעט ביים דישל־קירזווער, און מיר אַרומגענומען. דער הויכער בוזים פון ענג־אויפגעפּאַסטן קלייד, האָט מיר געדריקט. די ליפּן אירע האָבן זיך גע־באָדן אין מיין געזיכט און געפּליסטערט:

— זאָלסט שרייבן, זאָלסטו! איך וועל דיר ענטפערן שיינע בריוו... פֿאַר געזונט, לייבל!... דו געדענקסט נאָך?...

איך האָב זיך פֿאַרשעמט, כאָטש קיינער האָט גאָרניט געהערט.

די אַרומיקע האָבן אָנגעהויבן אונטערשמייכלען:

— וואָס פֿאַר אַ מחותנימשאַפֿט?... זעט נאָר, ווי זי מאַכט די קונץ, פּונקט ווי זי וואָלט זיינס אַ לייבלעכע שוועסטער געווען...

דער באַלעגאָלע האָט זיך צעשריגן:

— איר וועט דאָך דעם גאַנצן פֿערד און וואָגן צעטראָגן! לאָזט שוין אָפּ! מען וועט נאָך דעם באַן פֿאַרשפּעטיקן! און איר וועט דאָס אינגל צע־טומלען, אַז ער וועט ניט וויסן, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער געפֿינט זיך...

און אַלס עקספּערט אין ווייטע רייזעס האָט ער צוגעגעבן:

— מען דאַרף אים לאָזן צו זיך קומען, אַז ניט וועט ער ניט געדענקען וואו ער דאַרף פֿאָרן...

איך האָב בשעת־מעשה געטראַכט: עס וואָלט ניט שלעכט געווען, ווען איך זאָל קענען איצט זען פֿונדערווייטנס דבורהלען...

אַן אַלטע אידענע, מיט אַ שטאַרק געמאַרשטשעט פּנים, האָט זיך גע־שאַרט צום וואָגן, אונטערהינקענדיק אויף אַ פֿוס.

— קיין קובאַ פֿאָרט דאָס קינד? ניט אָנגעהויבן וויסן! ווי זאָגט מען עס ניט אָן? — האָט זי גענומען מאַכן פֿאָרוואורפֿן מיין מאַמען, פֿון וועמעס אויגן עס האָט גערונען טרערן. — כ'האָב דאָך אויך עפּעס אַ חלק אינעם אינגל! ווער איז געווען זיין הייבאַם? ער איז מיר דאָך שיער אין די הענט צעגאַנגען ביים אָפּנעמען. דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַן אָפּנעמען אַ קינד!... און וואו איז עס קובע? — האָט די אַלטע זיך געהאַלטן ביים וואָגן. — ס'איז ווייט? וואו כאַפּט עס מעבר לים? נאָענט צו ירושלים? — האָט די אַם זיך געקלאַמערט אין מיינע הענט. — כ'וואָלט אַליין אויך געוואָלט זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ ישראל... נישט צו האָבן קיין אַרבעט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, צו קייקלען די אַלטע ביינער...

דער באַלעגאָלע האָט אַ צי געטאָן די לייצעס, די פֿערד האָבן פֿויל אָנ־געהויבן שפּרייזן אויפֿן שטיינערדיקן שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן אין עט־

לעבע וויארסט צום באַן. דאָס בייטש־שטעקעלע האָט זיך געבוואַשטשעט אין דער לופט, די פערד האָבן אָנגעהויבן לויפן, שאַפנדיק אַ שטויב, וואָס האָט מיר אָפּגעטיילט פון מיין שטעטל, פירנדיק מיר צו די ווייטע ווייט־קייטן אויפן וועג קיין קובאַ...

איך האָב אָנגעהויבן ציילן פאַר מיר די ביימער פון באַן־וועג, וואָרע־מענדיק זיך צווישן טאַטע־מאַמע, וואָס זענען געזעסן האַרט לעבן מיר אין וואָגן, ארויסבאַגלייטנדיק צום באַן.

אַ פרעמדער האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— וואָס שיקט איר עפּעס אַוועק דאָס אינגל?

די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן אונטערגעכאַפּט:

— פאַרוואָס טאַקע?

דער טאַטע האָט אויסגעגלייכט דאָס שיטערע בערדל:

— וואָס וועט פון אים דאָ ווערן? מיר האָבן אַ סך קרובים אין אַמעריקע. דאָ וועט פון אים גאָרניט אויסוואַקסן... פון אומעטום פאָרט מען... וואָס דאַרף מען עפּעס זיין אַן אויסנאַם?...

די מאַמע האָט זיך ווי פאַרטיידיקט:

— אַז ער האָט ניט אויפגעהערט רעדן פון אויסלאַנד! האָט די פאַ־מיליע אין אַמעריקע צוריקגעשריבן: זאָל ער פאָרן! זאָל ער!

דער פרעמדער רייזנדער איז געוואָרן רעדעוודיקער, מעשה געניטער אין ווייטע נסיעות:

— איר ווייסט, וואו דאָס כאַפּט, די קובאַ? כ'האָב ערגעץ אַ גאַנץ ביכל דערפון...

די מאַמע האָט אָנגעהויבן קרימען מיט דער נאָז:

מען דאַרף ניט קיין ביכלעך!... אָט האָסטו דיר, אַ מענטש מיט מעשה־ביכלעך... עס איז גענוג אַ פּאָר תפילין מיט אַ סידורל — האָט די מאַמע ניט אויפגעהערט אַראָפּנעמען די אויגן פון פרעמדן, דערמאָנענדיק זיך, אַז זי האָט טאַקע געהערט, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע געשמדטע אידן, וואָס פאָרן ארום און מאַכן קאַליע די יונגע בחורים... און זי האָט צוגעגעבן:

— ער וועט שוין אַליין טרעפן!...

דער פרעמדער האָט פאַרגעזעצט:

— דאַכט זיך, אַז ס'זענען דאָרט אינגאַנצן קיין אידן נישטאָ!... עס איז ערשט געוואָרן אַ לאַנד מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק... פריער זע־נען דאָרט בלויז אינדיער געווען... די שפּאַניער זענען דאָרט געקומען שפּע־טער... און מען רעדט נאָך היינט דאָרט שפּאַניש...

די מאַמע האָט אויפגעציטערט און אָנגעהויבן אונטערברומען:

— מעשה שטן! עפּעס אַזוי ווי אונטערגעשיקט! אָט האָסטו דיר, שפּאַניע גאָר? — האָט דער מאַמען אָנגעהויבן ציטערן דאָס האַרץ. די גאַנצע אינקוויזיציע האָט די מאַמע אָנגעהויבן זען פאַר די אויגן, און זי האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— ווי איז עס אַ איד אַזאַ גזלן? וואָס האָט איר זיך פאַרליינגט? האָט זיך פאַרליינגט מיר בלוט צו צאַפּן!...

און מיר האָט די מאַמע איינגערוימט אויפן אויער:

— זאָלסט דיר מיט אים ניט חברן אויפן וועג, זונעלע!... זעסט דאָך, אַז ער איז אַ משומד...

דער טאַטע האָט אויסגעדרייט דאָס גאַנצע פּנים צום פרעמדן:

— וואו פאָרט אַ איד?

— אומעטום פאַר איך! איצט גלייך קיין ווארשע!...

דער מאַמען האָט אָנגעהויבן צאַפּלען דאָס האַרץ. זי האָט זיך איבער־געבויגן איבער מיר, רעדנדיק צום טאַטן:

— אפשר וועסטו אויך אַרויסנעמען אַ בילעט, און מיטפאָרן מיטן אינגל קיין ווארשע?

דער טאַטע איז געוואָרן אומרואיק: — ביזט משוגע געוואָרן? עס וואַלגערט זיך ביי דיר געלט? דו רעדסט. אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען די גרעסטע גבירים!

די פור איז אָנגעקומען צום וואָקזאַל. מען האָט נאָך געדראַפּט וואַרטן אַ היפּש ביסל צייט, ביז די באַן איז אָנגעקומען. מיר זענען שוין געשטאַנען אויף יענער זייט ביי די רעלסן, וואו ער דאַרף זיך אָפּשטעלן. דאָס געפּעק

איז געלעגן לעבן אונזערע פיס. די מאַמע האָט מיר ניט אויפגעהערט זאָגן סודות אויפן אויער:

— טאַטער וויל ער זיך מיט דיר חברן, דער פרעמדער, זאָלסטו זיך אויסהיטן! ער געפעלט מיר ניט!... און דאָס געלט, וואָס כ'האָב דיר איינ־גענייט, זאָלסטו היטן!... און בריוו זאָלסטו כסדר שרייבן, אויב דו ווילסט די מאַמע זאָל לעבן לענגער... אויב דו ווילסט ניט די מאַמע זאָל גיין יונג פון דער וועלט...

דער טאַטע איז צוגעקומען, מיר דערלאַנגט דעם באַן־בילעט:

די מאַמע האָט אומבאַהאָלפן אַ קוק געטאָן אויפן בילעט מיטן רויטן לאַמפּאַסל, און געזען ווי בלוט... און געטראַכט בשעת־מעשה:

אָט וואָס עס איז געוואָרן פון מיין זון! — אַ בילעט!...

די באַן האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן. פון די ווייטע ווייטקייטן, איבער די רעלסן, האָט זיך אָנגעהויבן זען די דערנענטערונג פון אַ חיה מיט אַ גרויסן קאָפּ. אַ שוואַרצע קנויל רויך האָט זיך געריסן אין הימל אריין. די מאַמע האָט אָנגעהויבן שעפּטשען מיט די ליפּן, רעדן צו גאָט. זי האָט זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף מיר, האַלזנדיק האָט זי מיר געהאַלטן אין איין קושן און פּליסטערן:

— דער מאַמען האָב אינזינען! היט דיר, זונעלע! צווישן אידן זאָלסטו זיין! כ'וועל שרייבן אין אַמעריקע, זיי זאָלן אויף דיר אַכטונג געבן...

איך האָב צוריקגעקושט דער מאַמען, און צוגעשוואוירן, אַז עס וועט אַלץ זיין ווי זי וויל...

דער טאַטע האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, ארומגענומען, און זיך צעקושט.

— זאָלסט ראַוונען אַלע טאָג! אַז דו וועסט זיין אַ איד, וועט אַלץ זיין ווי השם יתברך האָט אָנגעצייכנט.

די מאַמע האָט זיך ניט אויפגעהערט אונטערצוצאַפּלען:

— זאָג אים טאַקע אָן! דיינע ווערטער וועט ער געדענקען... ער איז שוין אַ חתן־בחור, איז ער שוין... זאָג אים אָן, ער זאָל זיך אויסהיטן און ניט געשטרויכלט ווערן...

די באַן איז אָנגעקומען. איידער נאָך די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן אַפּשטייגן, האָט מען מיר אָנגעהויבן אַריינשטופּן אין וואַגאָן. די געפּעק האָט מיר דער טאַטע אָנגעהויבן אַריינדערלאַנגען. עס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן צייט.

ווען די באַן האָט זיך אָנגעהויבן רירן, האָט נאָך די מאַמע זיך אָנגע־האַלטן אין מיינע פינגער. דער פייף פון צוג האָט אין מיר אויפגעציטערט. איך האָב זיך דערפילט אַ באַפרייטער, און דאָך איינזאַמער...

מיטן פייף פון דער באַן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, האָב איך דערהערט דער מאַמעס אַ ווייטאָקלעכן קוויטש. איך האָב זיך געפּרואווט אומקוקן צום שטעטל. איך האָב בלויז איר אויפגעכאַפּט פון די ווייטע נאָענטקייטן.

כ'האָב זיך צעקושט מיט מיין שטעטל...

ש. ניגער — וועגן דער פּרעמירטער דערציילונג „דער בלינדער"

ש. ניגער, דער באַרימטער אידישער ליטעראַטור קריטיקער, האָט אין „צוקונפט" פון סעפּטעמבער 1942 געגעבן אַ סך־הכל פון דעם ליטעראַרישן קאָנקורס וואָס די „צוקונפט" האָט אַדורכגעפירט און אין וועלכן עס איז אויך פּרעמירט געוואָרן די דערציילונג „דער בלינדער" פון א. י. דובעלמאַן.

די דזשורי איז באַשטאַנען פון ש. ניגער, הלל ראָגאָף און דוד פּינסקי.

אַזוי ווי דער בוך, הויבט זיך אָן מיט דער דאָזיקער דערציילונג, ברענגען מיר דאָ אין אַ קאָנדענסירטן פאָרם דאָס וואָס דער דעקאַן פון דער אידישער ליטעראַטור ש. ניגער האָט געשריבן ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט.

איינאונפופציק פּאַרפאַסערס האָבן אַנטייל גענומען אין דעם „צוקונפט" קאָנקורס. זיי האָבן אַלע צוזאַמען צוגעשטעלט זיבנאונפופציק דערציילונגען. פון זיי זענען פינף פּרעמירט געוואָרן.

צווישן די וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין דעם קאָנקורס, זענען שרייבערס, וואָס האָבן אַ נאָמען אין אונזער שיינער ליטעראַטור, געווען, ווי עס ווייזט זיך ארויס געציילטע; ווינציק זענען דאָ אַזוינע אויך צווישן די פינף פּרעמירטע דערציילערס. עס זענען ארויסגעשוואומען שרייבערס, וואָס זענען ווינציק, אָדער גאָר ניט באַקאַנט געווען. עס זענען, הייסט עס, אַנטדעקט געוואָרן, אַ דאַנק אונזער קאָנקורס, עטלעכע נייע דערציילערישע טאַלאַנטן. און אויב אזוי, האָט ער אַ באַדייטונג פון אַן אַלגעמיין־ליטעראַ־

רישן שטאַנדפונקט. ער אילוסטרירט דעם וויכטיקן פאַקט, אַז מיר האָבן מער גוטע בעלעטריסטן ווי מיר האָבן גערעכנט.

און זיי געפינען זיך אין היפשע עטלעכע אידישע ישובים פון דער מערב־העמיספער, נישט דווקא אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

איינער פון די פינף פרעמירטע שרייבערס א. י. דובעלמאַן וואוינט אין האַוואַנאַ, קובאַ.

די פינף פרעמירטע דערציילונגען האָבן ווינציק ענלעכעס צווישן זיך. די פיזישע און סאָציאַל סביבה, וואו עס קומט פאָר דאָס, וואָס ווערט דער־ציילט, איז אין יעדער דערציילונג אַן אַנדערע: ביי א. י. דובעלמאַנען — סתם אזוי אַ אידיש שטעטל אויף יענער זייט ים. און פונקט אזוי ווי דער הינטערגרונט איז אין יעדער דערציילונג אַן אַנדערער, — זענען אויך די גרונט מאָטיוון, די שטימונגען, ווי אויך דער שטייגער שרייבן פון די אַלע פינף־פרעמירטע דערציילערס, פאַרשידן. און דאָך זענען זיי אַלע פרעמירט געוואָרן. דער פאַרשידענער כאַראַקטער פון זייערע מעשות האָט זיי ניט גע־מאַכט פאַר אויס מעשות. בפרט נאָך, אַז קיין שום תנאים בנוגע צו דעם שטאָף, דער שטימונג אָדער דעם סטיל פון די זאַכן און די תקנות פון דעם קאָנקורס נישט אויסגענומען געוואָרן. עס זענען צוגעזאָגט געוואָרן פרעמיעס פאַר דערציילונגען, וואָס וועלן שטיין אויף אַ הויכער ליטעראַרישער מדרגה, — אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ שטאָף עס וועט אין זיי באַנוצט ווערן, היסטאָרישער אָדער מאָדערנער, אַמעריקאַנער אָדער אַלט היימישער, סאָ־ציאַלער אָדער אינדיווידועל - פּסיכאָלאָגישער; אַלץ איינס, און וואָס פאַר אַ טאָן און אין וואָס פאַר אַ סטיל זיי וועלן געשריבן ווערן — אין אַ רעאַליס־טישן, אַ ראָמאַנטישן אָדער אין אַ וועלכן עס איז אַנדער טאָן און סטיל.

„דער בלינדער" פון א. י. דובעלמאַן, אַ שרייבער, וואָס איז באַקאַנט די לייענער פון דער אידישער פרעסע אין קובאַ, קערט אונז אום צוריק צו אַן אַלטער טעמע ליבע. אָבער — ביי זייער אייגנאַרטיקע און נישט קיין געוויינלעכע אומשטענדן.

דאָס איז, ליבע אָדער פאַרגעפיל פון ליבע ביי אַ אינגל, וואָס איז נאָך האַלב קינד, איז זי די דערוואַקסענע, און איר געהערט די איניציאַטיוו. אָבער דאָ איז פאַראַן אַ דריטער, איר מאַן, — דער בלינדער. ער בעט זיך

איין ביי דעם אינגל ער זאָל שרייבן פאַר אים אַ בריוו קיין אַמעריקע צו זיינע קרובים. די ליבע אָדער די ערב־ליבע אָדער די אַנצוהערעניש אויף ליבע צווישן דעם איינגל און דעם בלינדנס פרוי איז אַ שטומע, און זי דריקט זיך אין קיין שום זאַך ניט אויס, אַ חוץ אין דער פרויס אַ געיִגנבֿ'טן צורירן זיך צו אים אָדער גנבֿ'ישן קוק אויף אים פונדערווייטנס, זיין שעמען זיך און דעם בלינדן מאַנס „זעען" און דאָ קומט עפּעס פאַר, וואָס ער דאַרף האָבן אין זיי־נען, כאָטשן עס איז גאָרנישט... די גאַנצע זאַך איז אייגנטלעך „גאָרנישט" אַ איינגל שרייבט אַ בריוו וואָס אַ בלינדער דיקטירט אים, און זיין פרויס ביי־זיין. דאָס אומגעזעענע און אומגעהערטע, וואָס פילט אָן די לופט ארום דעם בלינדן אזוי ווי דעם אינגלס ציטערדיקע און פלאַטערנדיקע שעמעוודיי־קייט, מאַכט עס פאַר אַן אינטערעסאַנטער און צום טייל אפילו אַן אָריגי־נעלע דערציילונג.

ווי מיר זעען, האָט יעדער פון די פינף שרייבערס אריינגעבראַכט — יעדער נאָך זיינע כּוחות נאָך — עפּעס, וואָס איז ניי, אויסטערליש, אינטע־רעסאַנט און ווערטפול.

זיי זענען ווערט אונזער אָנערקענונג.

איינער — א. י. דובעלמאַן און זיין „דער בלינדער", אַ נישט קיין טאָג־טעגלעכע סביבה, די סביבה פון אַ בלינדן, און אַ ביזאַנסירונג פון אַן אַלטן מאָטיוו.

ביכער פון זעלבן מחבר:

1) אויף קובאנער ערד

דערציילונגען

פארלאג „האוואנער לעבן" 1935

2) דער באלאנס

און אנדערע דערציילונגען.

ארויסגעגעבן פון שרייבער און זשורנאליסטן קרייז

אין קובא 1953.

3) דער בלינדער

און אנדערע דערציילונגען פון דער אלטער היים.

פארלאג „האוואנער לעבן" 1954.